ב. גארין

פערגעסענע נגונים

ב. גאָרין
(י. נוידא)

פערגעסענע נגונים

צווייטער באַנד.

אַמאָל איז געווען.

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2025

פערלאַג ב. גאָרין, 77-79 בויערי, ניו יאָרק
1919.

Copyright by B. Gorin, 1919.

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2025

אינהאַלט:

דער חדר

זייט
דער גבור — 7
משה'לע — 14
דער רבי מיט דער רויטער באָרד — 20
דער בעל החלומות — 25
אברהם שלמה דער חקרן — 33
דער קליינער פילאָזאָף — 38
דער קאַפּראַלנער — 43
זיין פּאַטענט — 49
דער קלאַסניק — 55
פון חדר — 61
די לאַנטערנע — 65
דער משמור — 69
מען שעטקעווועט קרויט — 74

דער בית המדרש

מיין ערשטע ליעבע — 79
פיאָנערען פון בילדונג — 97
צוויי וועלטען אונטער איין דאַך — 106
די אפּיקורסים — 140

אלערליי

זייט

די אבדה — 145

די טהיר — 152

פערלע די גבאי'טע — 164

שמואל יאנקעלס הייב־מוטער — 169

פערשאלטען געלט — 173

די אונרוהיגע נאכט — 187

מיין מאמעס טענה — 194

ארקע דער שוסטער — 205

ער האט געזעהן — 213

די געשמיסענע — 218

דער חדר

דער גבור.

(עראינערונגען פון די חדר'שע יאָהרען)

.1

גלייך מיט'ן יום טוב סכות איז פערשוואונדען דער שעהנער סוף זומער און די גליקליכע פרייהייט פון בין הזמנים. דער וועטער האָט זיך האַסטיג געביטען. ווען מיר זיינען מוצאי יום טוב ארויס פון בית המדרש נאָכ'ן וואָכעדיגען מעריב, האָט זיך אין דרויסען געשפּירט א פייכטע קעלט. די ערד איז שוין געווען נאַס, און א קליינער רעגען האָט געטריפט. אויפ'ן האַרצען איז געווען נאָך נאַסער און קעלטער.

מאָרגען אין חדר!

אוי, האָט זיך נאָך דעם לאַנגען גליקליכען בין הזמנים ניט געוואַלט געהן צוריק אין חדר! די זעקס גליקליכסטע וואָכען פון דעם איינגעלם לעבען זיינען ווי א שנירעל איבערגעהאַקט געוואָרען מיט דעם וואָכעדיגען מעריב. און דאָס קומט עפּעס אזוי אונגעריכט. ערשט היינט איז געווען דער גלענצענדסטער פינאַל פון א גלענצענדען בין הזמנים, ערשט היינט איז געווען שמחת תורה. דער הימעל און די ערד האָבען זיך שלום געגעבען: אין מאָרך בלאַנקעט נאָך ארום דער בעגייסטערדיגער „שישו ושמחו“, די פיס הויבען זיך נאָך צום טאַנץ, און דאָ איז שוין מאָרגען חדר!

דער נייער רבי איז מיר אין גאַנצען א פרעמדער. אין דעם גליקליכען טומעל פון דעם גרויסען יום טוב סכות איז אפילו אין זינען ניט געלעגען נאָכצופרעגען וועגען איהם ביי זיינע פריהערדיגע תלמידים.

אויף מאָרגען אין דערפריה האָב איך זיך אויפגעהויבען מיט

אַ פערזונקענעם האַרצען, און דער אומעט איז נאַך גרעסער געוואַרען, ווען איך האַב אַ קוק געטהאַן אין פענסטער.

די שויבען זיינען געווען פערדעקט מיט קליינע דראַבנע טראַפענס און אין דרויסען האַט זיך נאַר געזעהן אַ וואַכעדיגע סאַרקייט. דער ווינט האַט פון צייט צו צייט געריסען די לאַדענס און מיט רוגזה געקלאַפט זיי אַן דער וואַנט, אריינגעכאַפט זיך דורכ׳ן קוימען אין געקרעכצט אזוי יאַמערליך, אַ שמייץ געטהאַן דעם רעגען אין די פענסטער און די קליינע דראַבנע טראַפענס האַבען זיך אויף אַ ווײַלע פערוואַנדעלט אין לאַנגע פערוויינטע פאַסען.

די מאַמע האַט מיך דעם פריהמאַרגען צוגעזעהן בעסער, ווי אַלע מאַל, און ווען נאַר מיינע אויגען האַבען זיך בעגעגענט מיט איהרע, האַב איך אין זיי בעמערקט אַן אויסדרוק פון רחמנות. זי האַט אַבגעזוכט אַ גרויסען פיינעם וויינינגען עפעל, וואַס איז געבליבען פון יום טוב און צוגערוקט מיר נאַכ׳ן אַנבייסען. זי האַט מיר אויך אַנגעגרייט מיין ווינטערדיגען מאַנטעלע און אליין פערשפילעט די קנעפלאַך.

— שטעל אויף דעם קאַלנער, האַט זי מיר אַנגעזאַגט, ווען איך האַב געעפענט די טהיר צום ארויסגעהן. — פאַלג דעם רבי׳ן און הער זיך צו, וואַס ער זאַגט דיר.

איינגעקאַרטשעט אין דרייען און אויסדרעהענדיג זיך מיט׳ן רוקען צום ווינט יעדעם מאַל וואַס ער האַט אַ שטאַרקען בלאַז געטהאַן, האַב איך זיך געלאַזט לויפען אין חדר. ווען דער רעגען האַט אַ שמייץ געטהאַן אין פנים, האַט מיר אויסגעוויזען, אז אַ הויפען נאַסע נעדעלאַך האַבען זיך מיר טיעף אריינגעשטאַכען מיט די שפיצען אין לייב אריין. און ווען די שאַרפע דראַבנע טראַפענס האַבען זיך דורכגעריסען אונטער דעם אויפגעשטעלטען קאַלנער, האַבען זיי ארויסגערופען בלעזלאַך איבערן גאַנצען רוקען.

די הילצערנע איין־עטאַזשיגע הייזער האַבען אויסגעזעהן ווי פערוויינטע. זיי זיינען געווען נאַס און חושך׳דיג. דאַס גאַנצע לעבען איז פערשוואונדען פון מאַרק, זעלטען ווען אימיצער איז דורכגעלאַפען. נאַר געצעהלטע עטליכע סעמערניצעס זיינען גע־

זעסען איינגעוויקעלט מיט פּאַטשיילעס און איבערגעדעקט מיט זיי איבערן קאָפּ און פּלייטשעס פּאַר זייערע טישלאַך, מעהר פון יוצא וועגען ווי צוליעב פּרנסה. די סעמערס זיינען געווען פּערדעקט מיט אַלטע לייווענטענע טיכער, נאָר אויף איין סעמער זיינען געלעגען אָפּען עטליכע בערנעס, „אַנגעגאָסענע בעכערלאַך" וועמען דער רעגען האָט שוין ניט געקענט שאַדען.

פון מאַרק האָב איך זיך אַרונטערגענומען צו אַ הינטער געסעל, וואו דער חדר איז געווען. דאָ האָבען די ציגען געשלעפּט דעם סכך פון די סכות און דער ווינט האָט געהאַלטען אין איין רייסען די לייזע ווענטלאַך. עס האָט פון די סכות געבלאָזען מיט אַ וויסטקייט, פּוסטקייט און מרה שחורה.

וואָס נעהענטער איך בין צוגעקומען צום חדר, אַלץ מעהר איז מיין האַרץ געזונקען. איך האָב זיך געפיהלט אין דער לאַגע פון אַן אַרעסטאַנט, וואָס דאַרף אַליין געהן אַבזוכען זיין תפיסה.

אין חדר האָב איך שוין אַ טהייל תלמידים געטראָפען, נאָר דער רבי איז נאָך ניט געווען. דער חדר איז געווען אַ גרויסער צימער, מיט אַ לאַנגען טיש נעהענטער צו דער מזרח וואַנט, מיט צוויי לאַנגע ביינק, וואָס האָבען זיך געצויגען איינע פּאַזע מזרח וואַנט און די צווייטע אַנטקעגען איבער פּאַזע טיש. פון דער דריטער זייט טיש איז געשטאַנען אַ שלאָף באַנק און דאָס איז געווען דער אויבען אַן, וואו דער רבי וועט זיצען און פון דער פיערטער זייט איז געווען אַ קליינער בענקעל. ביי דער סאַמע טהיר איז פון איין זייט געווען אַ גרויסער באַק אויווען און עטוואָס ווייטער אַ שוועדסקע אייוועלע, צווישען וועלכע עס איז געווען אַ טהיר צו אַ קאַמער און נאָך דעם שוועדסקען אייוועלע איז ווידער געווען אַ טהיר צו אַ קאַמער. פון דער צווייטער זייט ביים אַריינגאַנג איז האַרט ביי דער מערב וואַנט געשטאַנען אַ ביינקעל און אויף איהם אַן עמער מיט אַ קופּערנע קענדעל אַריבערגעהאַנגען איבער איין אויער און אונטערן ביינקעל איז געשטאַנען אַ צעבער. ווייטער איז דאָ געווען אַ פערמאַכטער אַלמער מיט אַביסעל קופּער אויסגעשטעלט פון אויבען און פון דער צוויי־

טער זייט אנטקעגענאיבער א קאמאד. אויף דער מזרח וואנט איז געהאנגען א וואנט זייגער.

די תלמידים זיינען פון פערשידענע געסלאך פון שטאדט און אויב מיר האבען געוואוסט, ווער יעדער איז, זיינען מיר אבער געווען פרעמד איינער צום צווייטען. נאר עס האט לאנג ניט געדויערט און מיר זיינען אלע שוין געשטאנען אין א קופקע, און יעדער האט זיך געסטארעט ארויסצואווייזען, וואס ער קען און מיט וואס ער צייכענט זיך אויס.

די טהיר האט זיך געעפענט און דריי אינגלאך, זיינען אריין מיט אמאל. זיי זיינען אלע געווען פון עק שטאדט, א מהלך פון איבער א ווערסט צום חדר. איינער פון זיי האט גלייך צוגעצויגען אונזער אלעמענס אויפמערקזאמקייט. ער איז געווען העכער און ברייטער פון אלעמען אין חדר. ער האט געהאט שטייפע און גוט פערברוינטע בעקלאך, געטראגען לאנגע האר ווי א שייגעץ און צווישען אלע אונזערע בלייכע און מאגערע קינדער איז ער געווען א שארפער קאנטראסט. ער האט אויסגעזעהן א גרויסער געזונטער בחור אנטקעגען אונז און אונז איז אויסגעקורמען קאמיש, אז ער זאל געהן אין חדר מיט קליינע אינגלאך. ער, ווי עס האט געשיינט, האט זיך אויך ניט געפיהלט געהויבען דערפון און גלייך ביים אריינקומען האט ער געזוכט צו בעהאלטען זיין פערלעגענהייט דערמיט, וואס ער האט מיט איבריגער ענערגיע גענומען מאכען מיט די הענט און פלייצעס און קאפ אום אבצוטרייסלען פון זיך דעם רעגען, הגם ווען ער איז אריינגעקומען איז זיין מאנטעלע אפילו ניט געווען פערשפילעט, וואס האט אפען געוויזען אז די שלעכטע פאגאדע קימערט איהם ניט.

דאס איז געווען נאטקע גרונם דעם בעל העגלה׳ס. ער האט זיך געהאלטען לעבען זיינע צוויי חברים און איז פון זיי ניט אפגעטראטען. צווישען זיך האבען זיי זיך איבערגעווארפען מיט ווערטער, נאר ווי עס איז געווען גרינג צו זעהן, האבען זיי זיך שארף צוגעהערט צו דעם, וואס איז פארגעקומען אין אונזער ווינקעל, און אזוי גיך ווי דער שמועס האט זיך ביי אונז בעגייט, האט נאטקע א וואונק געטהאן צו זיין חבר ארטשיק, און יענער

איז צו אונז תיכף צוגעגאַנגען און אָהן שום הקדמות אַרויסגעשאָסען, ווייזענדיג מיט'ן קאָפּ אויף נאַטקען:

— ער האָט אַן אייזערנעם רייף.

מיר האָבען אַלע אָנגעקוקט איהם פערוואונדערט און ניט פערשטאַנען וואָס ער מיינט.

— אַ רייף האָט ער אַן אייזערנעם, האָט אַרטשיק ווידערהאָלט און געוויזען מיט ביידע הענט אויפ'ן מיטען קערפּער ביי זיך.

איצט האָבען מיר זיך דערמאָנט, אַז ביי אַ גבור איז דער סאַמע לעצטער ריפּ ניט פון ביין נאָר פון אייזען און געהט ווי אַ רייף איבערן קערפּער. אונזער פערוואונדערונג האָט זיך גלייך פערוואַנדעלט אין בעוואונדערונג און מיר האָבען אַלע אַרומגערינגעלט נאַטקען און געקוקט אויף איהם, ווי ער וואָלט צו אונז אַרונטערגעשיקט געוואָרען גאָר פון אַן אַנדער וועלט.

אַרטשיק האָט דערזעהן דעם שטאַרקען רושם, וואָס זיינע ווערטער האָבען אויף אונז געמאַכט און ער האָט מיט התפעלות זיך אָנגערופען:

— ווייז זיי דעם רייף!

נאַטקע האָט אַ הויב געטהאָן די קאָמעזעלקע, אַרונטערגענומען דעם רימען פון די מייטקעס און געלאָזט אונז אַלעמען טאַפּען דעם אונטערסטען ריפּ. און מיר האָבען זיך אַליין ניט געקענט אָפּגעבען אַ רעכענונג פאַר וואָס זיינען מיר גלייך איבערציינגט געוואָרען אַז ער איז פון אייזען און ניט פון ביין.

ביז איצט האָט נאַטקע געשוויגען. נור איצט האָט ער דעם דבור געפינען און זיך אָפּגערופען.

— ווער עפענט מיין קולאַק?

ער האָט געמאַכט אַ געזונטען קולאַק און איינער נאָכ'ן אַנדערען זיינען מיר געהאָנגען איבער איהם, געריסען מיט אַלע כחות און בשום אופן ניט געקענט עפענען. עס האָט אפילו ניט געהאָלפען דער טייטשער מיטעל צו רייבען שטאַרק מיט אַ זייט פון גראָבען פינגער צווישען צוויי ביינדלאַך פון קולאַק. זיינע צוויי אַדיוטאַנ־

טען וואָס זיינען געקומען מיט איהם האָבען געקוקט מיט שיינענדיגע אויגען, וועלכע האָבען ווי צו אונז געזאָגט:

„איהר זעהט, וועמען מיר האָבען געבראַכט צו אייך? ער איז אונזערער!“

די בעוואונדערונג, וואָס ער האָט ביי אונז אַרויסגערופען איז איהם שטאַרק געפעלען געוואָרען, און ער האָט זיך ענטשלאָסען צו ווייזען אונז אַלץ וואָס ער קען. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ ביינקעל, איינגעצויגען מיט ביידע הענט די קאַלאַשע פון די מייטקעס איבער דער פּאַלקע פאַר די קניע און געזאָגט קורץ:

— פּאַטשט!

מיר האָבען זיך צוגעכאַפּט מיט חשק צו דער אַרבייט און ער האָט אַלע וויילע אויסגעשריען:

— טפּררו! בריה זיך ניט אָפּ!

ער האָט אָנגעקוואַלען, ווען עמיצער פון די פּאַטשער האָט אַ כאַפּ געטהאָן די האַנט צוריק.

— אַהאַ, אָפּגעבריהט זיך! בלאָז! בלאָז!

איצט האָבען מיר איהם אַלע, אַ חוץ משה'לע הירשעל דעם שרייבערס, ענגער אַרומגערינגעלט. איידער נאָטקע איז אָנגעקומען איז משה'לע געווען דער גאַנצער האָהן ביי אונז, און איצט האָט ער מיט קנאה צוגעקוקט, ווי נאָטקעס פּאָפּולאַריטעט וואַקסט ביי אונז און אין זיין פלינקען קעפּעל האָט ער שוין געזוכט פּלענער, ווי אַזוי אַרונטערצוּוואַרפען איהם פון זיין ביינקעל. מיר האָבען איהם ענגער אַרומגערינגעלט, אַריינגעקוקט איהם טיעף אין די אויגען און עמיצער האָט איהם געפּרעגט:

— האָסטו קיין מורא ניט פאַר אַ פּאַסטוך?

אַ פּאַסטוך מיט זיין לאַנגען בייטש און מיט זיין קודלאַטען הונט איז געווען אונזער שרעק, ווען מיר פלעגען זומער אין די פרייע טעג אַוועקלאָזען זיך אונטערן שטאָדט, ווען אפילו דער פּאַסטוך איז געווען ניט מעהר ווי אַ צעהן יאָהריגער שייגעצעל.

— אַ פּאַסטוך! — האָט נאָטקע געזאָגט מיט אַזאַ פאַראַכטונג, אַז מיר האָבען אָהן ווייטערע שאלות פערשטאַנען, אַז עס

איז פשוט אַ בעליידיגונג פאַר אַ גבור מיט אַן אייזערנעם רייף צו פרעגען איהם, אויב ער האָט קיין מורא ניט פאַר אַ פאַסטוך.

משה'לע האָט ניט ארויסגעוויזן קיין שום אינטערעס אין דעם שמועס און ער איז צוגעגאַנגען צום טיש, וואו עס איז געלעגן דעם רבינ'ס חומש, האָט פון דאָרטען ארויסגעשלעפט אַ האָר, וואָס דער רבי האָט געהאַלטען פון זיין באָרד און זיך אָנגערופען:

— מען דאַרף זעהן צו דער רבי איז אַ כעסן.

אַלע זיינען גלייך פעראינטערעסירט געוואָרען און אַ קעהר געטהאָן זיך צו משה'לען. צו דער רבי איז אַ כעסן צו ניט, איז געווען אַ פראַגע, וואָס האָט טיעף נוגע געווען יעדען אינגעל.

— מיר וועלען באַלד זעהן, האָט משה'לע געזאָגט לאַנגזאַם, זוכענדיג וואָס מעהר אָנצוהאַלטען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די נייע חברים.

משהלע האָט אָנגענומען דעם האָר מיט צוויי פינגער און מיט צוויי נעגעל פון דער אַנדער האַנט האָט ער איהם אַ ציה געטהאָן. דער האָר האָט זיך צונויפגעקרייזעלט, ווי אַ פראָפענציהער.

—אַי, אַ כעסן! האָבען אַלע אויסגעשריען מיט איין קול.

— וועט ער בייסען די פערענע, האָט זיך נאָטקע אָנגערופען.

איצט האָט אפילו משה'לע אויף איהם אַ קוק געטהאָן מיט בעוואונדערונג. נאָטקע האָט ניט געזאָגט, וואָס פאַר אַ מיטלען ער וועט ברויכען צו שטילען דעם רבי'ס כעס, נאָר מיר, די שוואַכע, די הילפלאָזע האָבען דערפיהלט, אַז מיט נאָטקען צווישען אונז וועט דער רבי ניט קענען קיין סך כעסנ'ען. מאַלע וואָס אַ גבור מיט אַן אייזערנעם רייף קען טהאָן!

און ליידער איז אונזער אמונה אין גבורה גיך פערשוואונדען געוואָרען. נאָטקע איז געווען דער ערשטער וואָס האָט געכאַפט אַ פאַטש פון רבי'ן. עס איז אמת, ער האָט תיכף אַ וואָרף געטהאָן אַ בליק אין אונזער זייט, און אַ וואונק געטהאָן מיט איין אויג ווי ער וואָלט אונז וועלען זאָגען, אַז דאָס אַרט איהם ווי די וואַנט. נאָר ניט דאָס האָבען מיר ערוואַרט פון זיין גבורה.

און געפאַלען איז אין אונזערע אויגען דער גבור מיט'ן אייזערנעם רייף.

משה׳לע.

משה׳לע הירשעל דעם שרייבערס האָט זיך מיט קיין גבורה ניט געקענט בעריהמען, נאָר דערפאַר האָט ער זיך אויסגעצייכענט מיט א פלינקקייט און האָט צווישען אונז בעקאנט געמאכט אזעלכע שפּיעלס, פון וועלכע מיר האָבען פריהער ניט געוואוסט.

פון דער ערשטער מינוט האָט ער געזוכט צו זיין דער ראש צווישען אונז. ער איז געווען דער איינציגער, וואָס איז אין חדר געקומען מיט א פּאָר קאלאָשען. ער איז אויך געווען ארומגעשאָרען אנדערס ווי מיר אלע. ער האָט קיין פּאות ניט געהאט, נאָר אין דער זעלביגער צייט איז ער אויך ניט געווען ארומגעשאָרען ווי אן „אכוואָטניק“.

נאָטקע דעם גבור׳ס פּאָפּולאריטעט האָט איהם ממש ניט געלאָזט רוהען און אין דער צייט ווען מיר אלע האָבען נאָר געהאט איין געפיהל פון בעוואונדערונג, איז משה׳לע געווען פערנומען מיט זורכען שוואכע פּונקטען אין זיין קאָנקורענט און ווי אזוי איהם אונטערצושטעלען א פיסעל. ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט אָפּגעבען די אמביציע צו ווערען אונזער פיהרער.

און ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך פערטראכט, פאַר וואָס נאָטקע ציהט איין די קאלאָשע פון ביידע זייטען איבער דער פּאלקע ווען ער באָט אָן די חברים זיי זאָלען דאָרטען פּאטשען און ער איז טאקע געווען דער ערשטער, וואָס האָט דערלאנגט א פּאטש ניט דאָרטען וואו די קאָלאָשע איז געווען איינגעצויגען, נאָר העכער, און דאָס האָט ארויסגערופען א בייזער פון נאָטקען מיט א בעמערקונג:

— פּאטש, וואו מען הייסט!

— אַז דו ביזט אזא גבור, וואָס מאכט דיר אויס, וואו איך באטש?

משה'לע איז אָבער ניט געווען דער אינגעל צו וואַרטען ביז ער וועט אויסגעפינען דעם סוד, פאַר וואָס דעם גבור האַרט ניט, ווען מען פאַטשט איהם אויף דעם איינגעצויגענעם פלאַץ און פאַר וואָס ער ווערט בייז ווען דער פאַטש פאַלט העכער. ער האָט געדאַרפט שוין אויף דער הייסער מינוט מיט עפּעס אויסצייכענען זיך, און ער האָט זיך גלייך אָנגערופען:

— נאָטקע, ווע‏סטו קיין מורא ניט האָבען צו שפּיעלען מיט מיר אין לאַפּקעס?

— מורא? פאַר דיר? האָט זיך נאָטקע אָנגערופען כמעט מיט פעראַכטונג.

— אדרבא, לאָמיר שפּיעלען אין לאַפּקעס.

— וואָס איז לאַפּקעס?

משה'לע האָט איהם געהייסען אַרויפלעגען די דאַלאָניעס אויף זיינע און געזאָגט:

— איך דאַרף דיר אַ פאַטש טהאָן אין האַנט און דו דאַרפסט די האַנט צוכאַפּען. אַזוי גיך, ווי דו פיהלסט אַז איך נעהם אָפּ מיין דאַליאָן פון דיינעם, כאַפּ אַוועק דיין האַנט. טרעף איך, דאַרפסטו ווידער אַרויפלייגען. טרעף איך ניט, דאַרף איך אַרויפלעגען מיין דאַליאָן אויף דיינעם, און דו דאַרפסט פאַטשען.

נאָטקע האָט אַ קראַץ געטהאָן דעם קאָפּ און געענטפערט:

— איך ווייס ניט, וואָס דאָס איז פאַר אַ שפּיעל.

— דו האָסט מורא! — האָט משה'לע איהם גערייצט.

— פאַר וואָס זאָל איך מורא האָבען?

— אָה, איך וועל דיר מאַכען אַ פּאָר בוריקעס.

— נו, נו, זיי זיכער, אַז ווען איך וועל דיר אַ פאַטש טהאָן, וועט שוין דאָרטען קיין גראָז ניט וואַקסען.

— פריהער דאַרף מען טרעפען. אָט זעה, איך לעג אַרויף מיינע דאַלאָניעס אויף דיינע און האָב פאַר דיר קיין מורא ניט. פאַטש.

נאָטקע האָט אַ הויב געטהאָן די האַנט פערמעסטענדיג זיך פאַר אַ שטאַרקען פאַטש, נאָר דער פאַטש איז געפאַלען אין דער לופט.

— זעהסטו, איך בין ניט ווי דו, — האָט משה'לע גערעדט מיט אַזאַ ווייכקייט, וואָס האָט דערמאָנט די סאַמעטענע לאַפּקעס פון

אַ קאַץ, ווען זי שפּילט זיך מיט אַ מויז. — איך האָב פּיינט צו געהן פֿון הינטען אַרום. איך וועל דיר זאגען, וועלכע האנט איך וועל אַ פּאַטש טהאָן. היט די לינקע האנט.

נאָטקע האָט צוגעכאַפּט ביידע הענט.

— ניין, אזוי שפּיעלט מען ניט. דו טאָרסט ניט צו כאַפּען די הענט, איידער מיין דאליאן גיט זיך א ריהר. איצט די רעכטע האנט!

און גלייך האָט ער איהם אַ פּאַטש געגעבען אין דער רעכטער האנט.

— איצט אין די לינקע!

אַ פּאַטש אין דער לינקער.

— איצט פֿינף מאָל כסדר די רעכטע.

נאָטקע איז געווען פערשעהמט, וואָס ער ווייזט זיך ארויס אזוי אומגעלומפּערט און משה׳לע האָט נאָך איהם געשאָטען זאַלץ אויף די וואונדען. ער האָט ניט אויפגעהערט צו רעדען מיט דער ווייכקייט, וואָס האָט געקלונגען ערגער ווי אַ בעליידיגונג.

— נישקשה, דו זעהסט, די הענטעלאך ווערען רויט. באַלד, באַלד וועלען זיי שוין זיין ווי בוריקעס. כאַפּ ניט צו די האנט. איך וועל דיר זאגען ווען איך וועל דיר אַ פּאַטש טהאָן.

נאָטקע האָט די אויגען ניט ארונטערגענומען פֿון די הענט, נאָר אין דער זעלבער צייט האָט ער געוואָרפֿען פער׳גנב׳עטע בליקען אויף אונז, און וואָס מעהר ער האָט געזעהן, ווי מיר זיינען אמוזירט און זיינע צוויי קאַמעראַדען זיינען פערכמורעט, אַלץ מעהר האָט ער זיך פערלאָרען. אויף זיין פּנים האָט זיך געוויזען אַ נארישער שמייכעל און זיין פערברוינטע הויט האָט געקראָגען אַ געדיכטערע פֿארב.

ווען ער איז געקומען אביסעל צו זיך, האָט ער זיך אָנגערופֿען מיט א קול פֿון שפּאַס:

— אי־אי־אי, די הענט טהוען מיר שוין וועה! האָב רחמנות און פּאַטש ניט אזוי שטארק.

ווער ווייסט, פֿיעל דאָס וואָלט געדויערט, ווען אימיצער זאָל ניט אויסשרייען:

— דער רבי געהט!

ביידע, נאָטקע און משה׳לע, האָבען א קוק געטהאָן ניט צו דער

טהיר נאָר אויף די חברים און משה'לע האָט געזוכט אויסצוגעפינען. אויף פיעל ער איז געשטיגען אין די אויגען פון די חברים און נאָטקע — פיעל ער האָט פערלאָרען מיט זיין אונגעלומפּערטקייט. דערנאָך האָט משה'לע א קוק געטהאָן אויף נאָטקען און יענער אויף איהם. משה'לעס אויגען האָבען געהאט א שיין פון נצחון און האָבען ווי געזאָגט: „דו וועסט שוין ביי מיר אויפ'ן ביינקעל ניט זיצען". און נאָטקע, וועלכער האָט ערשט געהאט פערזוכט דעם טעם פון פּאָפּולאַריטעט, האָט בשום אופן ניט געוואָלט אָפּטרעטען דעם ערשטען פּלאַץ און זיין בליק איז געווען בייז.

נאָטקע האָט דעם ערשטען טאָג ארויסגעוויזען אלץ וואָס ער האָט געקענט און קיין נייע פאָרמען פון זיין גבורה האָט ער ניט געקענט ווייזען. און משה'לע האָט יעדען טאָג געהאט עפּעס א נייעם אויפטהו. שוין די ערשטע טעג האָט ער ביי אונז איינגעפיהרט א שפּיעל אין פּענעס. ער האָט די דאָזיגע פּענעס געהאט מעהר ווי מיר אלע צוזאמענגענומען. ער האָט געהאט „רייפלאַך", „לאַפּאַטקעס", „זעקס און אכציגער" און וועלכע פּען מען האָט נאָר אמאָל געזעהן ביי אונז אין שטעדטעל און אין דעם נייעם שפּיעל האָט ער ארויסגעוויזען ניט ווייניגער געניטקייט ווי אין לאַפּקעס פלינקקייט.

ער איז אויך געווען דער ערשטער, וואָס האָט געבראַכט אין חדר פּאַפּיראָסען אָבער דאָס איז געווען גאָרניט אין פערגלייך מיט די ערקלערונגען, וואָס ער האָט אונז דערביי געגעבען.

— קוקט זיך צו צו דער גילזע. איהר זעהט אותיות? דאָס זיינען וואָסער אותיות. דאָס מאכט „אבאדיע" און קיין בעסערע גילזען פון די איז גאָר אין דער וועלט ניטאָ. דער קיסר רויכערט ניט קיין בעסערע גילזען —

מיר האָבען געקוקט אויף די געלע פּאַפּיראָסען, אויף די וואָסערדיגע אותיות און מעהר פון אלץ בעוואונדערט משה'לען, וועלכער האָט דאָס אלץ אזוי גוט געוואוסט און גערעדט מיט אזא בקיאות. ביי אונז איז קיין צווייפעל ניט געווען, אז ער ווייסט וואָס פאר פּאַפּיראָסען דער קיסר רויכערט, און מיר האָבען זיך געפיהלט געגען איהם אזוי קליין, אזוי אונבעדייטענד, אזוי אונוויסענד. געלע

גילזען מיט וואסערדיגע אותיות, וואָס מאכען אויס „אבאדיע“ און
וואָס דער קיסר אליין רויכערט ניט קיין בעסערע!
און דער טאבאַק, וואָס געהט אריין אין די גילזען!

מיר זיינען קיין מבינים אויף טאבאַק ניט געווען. נאָר ווען משה'לע האָט געבראכט אין חדר א שעהן קעסטעלע מיט אן אויסגעהאקטען קיילעכדיגען פענסטערל אין דעקעל מיט עפּעס א דורכזיכטיגען פּאַפּיר אנשטאָט א שויב און פון דעם דאָזיגען דורכזיכטיגען פּאַפּיער האָבען מיר דערזעהן א טאבאַק געל ווי זאפרען און געשניטען אין דינינקע לעקשעלאך, האָבען מיר פערשטאַנען, פון וואנען משה'לע ווייסט וואָס דער קיסר רויכערט.

נאָר דעם גרעסטען פוראָר האָט משה'לע געמאכט, ווען ער איז איין טאָג אריין אין חדר מיט א פעררויכערטען ציגאר. דאָס איז געווען איידער דער רבי איז געקומען און משה'לע איז אריין מיט יענער גדלות, ווי קינדער שטעלען זיך עס פּאָר.

אן אמת'ער ציגאר וואָלט אויף אונז קיין איבעריגען רושם ניט געמאכט. נאָך גילזען מיט וואסערדיגע אותיות וואָס מאכען אויס „אבאדיע“ און וואָס דער קיסר אליין רויכערט ניט קיין בעסערע און נאָך א טאבאַק ווי זאפרען און געשניטען ווי לאָקשען אין א קעסטעלע מיט א קיילעכדיגען פענסטער און דורכזיכטיגען פּאַפּיער, איז א ציגאר גאָר ניט געווען אזא גרויסער חדוש. אבער משה'לע האָט געוואוסט, ווי איבערצוראשען אונז, און גלייך ביי זיין אריינקומען, האָט ער ארויסגענומען דעם ציגאר פון מויל און געזאָגט:

— היינטיגען שבת וועט דער טאַטע געהן מיט אזא ציגאר אין שוהל!

מיר זיינען אַלע געבליבען אָהן לשון און געקוקט אויף איהם מיט גרויסע אויגען.

— עס וועט זיין א געלאַף, ניט אמת?

זיין טאַטע איז געווען א גבאי אין שוהל, נאָר ער איז געווען דער שרייבער פון קהל און ווער ווייסט וואָס אזא מענש קען זיך פערגינען!

מיר האָבען אַלץ קיין דבור ניט געפונען און דאָן האָט משה'לע

אויסגעשאָסען אין אַ געלעכטער און האָט צוגעלעגט דעם ברענענדען שפּיץ צו זיין באַק.

— דאָס איז אזא צוקערקע! — האָט ער אונז ענדליך ערקלערט.

אונזער התפּעלות האָט גאָר קיין שיעור ניט געהאט. יעדער האָט דעם ציגאַר אַ לעק געטהאָן און ניט געקענט זיך אָפּוואונדערען.

משה'לע האָט ווייט אריבערגעווארפען נאָטקען איבער'ן ביינקעל און די גאנצע צייט וואָס מיר זיינען געווען אין איין חדר, איז כמעט די וואָך ניט אריבער, אז ער זאָל ניט אויסגעפינען עפּעס מיט וואָס אונז צו איבערראשען. און דעם אמת דאַרף מען זאָגען, אז ער האָט פערשטאַנען, ווי אזוי צו מאכען פון די קלענסטע מיטלען דעם שטאַרקסטען עפּעקט.

מעהר ווי איין זמן בין איך מיט איהם ניט געווען צוזאַמען און האָב איהם נאָכדעם פערלאָרען פון אויג. און ווען איך האָב זיך מיט איהם ווידער אַמאָל בעגעגענט נאָך פיעל יאָהרען, איז ער פון אַלע אמאַליגע חברים געווען דער איינציגער וואָס איז געבליבען מעהר אָדער ווייניגער טריי זיין בערוף. ער האָט אויסגעקליעבען אַ קאריער וואו ער האָט פון די קלענסטע מיטלען געמאכט די שטאַרקסטע עפּעקטען: ער איז געוואָרען אַ קאמיוואָיאזשאָר פון עפּעס אַ פירמע.

דער רבֿי מיט דער רויטער באָרד.

משה'לע הירשעל דעם שרייבער'ס און נאָטקע דער גבור האָבען געהאַלטען אין שפּיעלען לאַפּקעס, און אַלע חברים פון חדר זיינען געשטאַנען ארום זיי און געכאַפּט התפּעלות פון משה'לעס פּלינקייט, געשיקטקייט און זיכערקייט. ווען עמיצער האָט אויסגעשריען:

— דער רבי געהט!

קיין מצוה האָט ניט פערדיענט דער וואָס האָט די בשורה אָנגעזאָגט. מיר האָבען זיך ווייט ניט דערפרעהט מיט'ן רבי'ס קומען. די גאַנצע פרעהליכקייט איז מיט אַמאָל פערשוואונדען. יעדער אינטערעס אין וואָס עס איז, איז פּלוצים פערשוואונדען, און ווי קליינע ארעסטאַנטלאַך האָבען מיר געקוקט אויף דער טיהר, פון וואַנען עס האָט געדאַרפט אריינקומען דער משגיח פון דער תפיסה.

די טיהר האָט זיך באַלד געעפענט און דער רבי איז אריין. ער האָט אויסגעטהאָן זיין נאַסען מאַנטעל, אנידערגעלעגט איהם אויף'ן הענטעל פון עק שלאַפבאַנק, עטליכע מאָל אַ ריב געטהאָן די הענט, אנידערגעזעצט זיך אויבען אָן און אָהן שום הכנות, אָהן שום הקדמות געזאָגט:

— נעהמט די חומשים און זעצט זיך.

בשעת מיר האָבען זיך צוזעצט און צועפענט די חומשים, האָט דער רבי ארויסגענומען אַ שוואַרצע פּושקעלע, מיט אַן אויסגעמאָלטען מענשעלע אויף'ן דעקעל, אַ ביכעלע פּאַפּיראָס פּאַפּיער, אויסגעריסען פון דאָרטען איין בלעטעל, צוזאַמענגעלייגט עס אין צווייען אָבער ניט אין דער ברייט ווי אַלע טהוען, נאָר אין דער לענג, געמאַכט אַ קנייטש און צוריסען אויף העלפט. דאָס איז גע־

ווען אַ נייער אופן ווי צו רייסען אַ בלעטעלע פּאַפּיראָס פּאַפּיער. די האַלבע בלעטעלע איז אַרויסגעקומען אַזוי שמאָל, אַז מיר האָבען זיך געחדוש'ט, ווי אַזוי ער וועט קענען פּערקלעפּען. און ער האָט ניט נאָר דערוויזען צוזאַמענצודרעהן אַ פּאַפּיראָס נאָר אויך פּערבויגען פון אויבען אַ שטיקעל, כדי עס זאָל אויסקומען ווי אַ מין קערטעל און אויך אָפּגעביסען פּיצלאַך פון ברעג, כדי עס זאָל זיך בעסער פּערקלעפּען. און אין דער צייט וואָס ער האָט געביסען די פּיצלאַך פּאַפּיער און פּערקלעפּט, האָבען זיינע אויגען אַרומגעבלאָנדזשעט איבער די תלמידים, און דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס ער האָט געשענקט אַ בליק זיינע שעפּעלאַך.

פון קאַמעזעלקע קעשענע האָט ער בעקומען אַ שוועבעלע און אָנגעריבען אָן דעם לינקען זייט טיש. נאָך'ן ערסטען ציה האָט ער אַרויסגעלאָזט פון נאָז און פון מויל אַ וואָלקען רויך. מיט ביידע הענט אָנגעשפּאַרט אָן טיש, מיט'ן קאָפּ עטוואָס פּערריסען האָט ער עטליכע סעקונדען פויל און פּערטראַכט נאָכגעקוקט דעם רויך. האָט ער געזעהן אין דעם רויך דאָס סימבאָל פון אַלע ערדישע גליקען? האָט ער געטראַכט וועגען דעם גרויסען פרעהליכען יום טוב, וואָס איז איצט פּערשוואונדען ווי דער רויך?

מיר האָבען פון איהם די אויגען ניט אַראָפּגעלאָזט. מיר האָבען נאָכגעקוקט דעם בלויען דינעם שנירעלע וואָס האָט זיך געהויבען פון דעם פּאַפּיראָס און דעם סאַר־גרויען וואָלקען וואָס האָט געזעצט פון זיין נאָז און מויל. מיר האָבען געקוקט אויפ'ן רבין'ס פּנים, וואָס איז געווען אַ געמיש פון אַ צאַרטער ווייסקייט און געלע פלעקען, בעוואַקסען מיט אַ רויטער באָרד, אויף זיינע הענט וואָס האָבען אויך געהאַט די זעלביגע צאַרטע ווייסקייט מיט געלע פלעקען און וואָס זיינען געווען פּערוואַקסען מיט היבשע געלע האָר. און וואָס לענגער מיר האָבען זיך צוגעקוקט, אַלץ מעהר האָט זיך צוריקגעקעהרט צו אונז די מורא פאַר דער תפיסה און דער אומעט פון נאָך יום טוב. דער רעגען האָט, דאַכט זיך, איצט מיט מעהר בייזקייט גענומען שמייסען אין די שויבען, און דער ווינט האָט מיט מעהר רוגזה געפּייפט אין קוימען און געריסען די לאַדענס. פון דער האַלב איינגעפאַלענער סכה האָט ער אַ לאַנגע

ברעט האַלב אָפגעריסען און געקלאַפט מיט איהר איבער'ן ווענטעל און אָנגעוואָרפען אַן אימה.

— נו, קינדער! — האָט זיך דער רבי אָנגערופען און גענומען זיך שאָקלען.

דאָס איז געווען אַ סיגנאַל, אַז מיר דאַרפען אָנהויבען צו לערנען, וואָס געהט צוזאַמען מיט'ן שאָקלען זיך. דער חומש איז אונז שוין ניט געווען פרעמד. דאָס איז שוין געווען מיין דריטער זמן אין חדר און אַלע מיט'ן רבי'ן צוזאַמען האָבען גענומען זאָגען מיט'ן בעקאַנטען נגון די פרשה בראשית.

די צויבער־שעהנע מעשה'לאַך פון דער וועלט־בעשאַפונג האָבען פעררוקט דעם חדר אַן אַ זייט און אַריבערגעפיהרט אונז אין אַ פאַנטאַסטישע וועלטעל. מיר האָבען פערגעסען דעם אומעט, פערגעסען די מורא, פערגעסען דעם אייזערנעם רייף און פערגעסען די לאַפקעס, און אונזער פאַנטאַזיע האָט געשוועבט אַרום די טייכען, וואָס זייער וואַסער איז ווי קריסטאַל, אַרום גן עדן וואו עס האָבען געוואַקסען דער עץ הדעת און דער עץ החיים. מיר האָבען זיך ניט געקענט אָפ'חדוש'ען פון דעם שלאַנג, וואָס איז געווען קליגער פון אַלע חיות פון פעלד און האָט געקענט רעדען מיט מענשען, מיר האָבען זיך דורכגעדרונגען מיט אַ גערעכטען רוגז געגען דער מוטער חוה און מיט אַ טיעפער ביינקעניס נאָך יענער צייט, ווען דער קול פון גאָט איז אַרומגעגאַנגען איבער דער ערד און אויסגעמישט זיך מיט'ן מענשען.

דער זעלטענער חן פון די דאָזיגע וואונדער שעהנע מעשה'לאַך האָט אויך געוואָרפען אַ שטראַהל אויפן רבי'ן. אַ ליעבשאַפט האָט זיך ערוועקט ביי אונז אין האַרצען צו איהם, וואָס האָט אונז אַריינגעפיהרט אין דעם דאָזיגען צויבער וועלטעל. נאָר אַזוי גיך ווי מיר האָבען פערמאַכט דעם חומש, האָט זיך דער פאַדים, וואָס האָט אונז פערבונדען מיט איהם, איבערגעריסען. ער איז אונז געבליבען פונקט אַזוי פרעמד, ווי פריהער. ער איז פאַר אונז געווען אַ רבי, וואָס זיצט און קנעלט מיט אונז און קריגט דערפאַר שכר למוד, און מיר זיינען געווען תלמידים, וועלכע טראָגען היינט

צופעליג די נעמען משה׳לע, נאָטקע, אָרטשיק, בערעלע, און דעם צווייטען זמן וועלען זיי הייסען חיים, זרח, יאַנקעלע, חאַצקעלע.

פיעל מאָל דורך די קורצע ווינטער טעג און לאַנגע ווינטער אָבענדען האָט זיך דער פּאָדים צווישען אונז און דעם רבי׳ן געהאַלטען אין פערקניפּען, און קיין מאָל איז דער קניפּעל ניט געמאַכט געוואָרען. ער האָט ניט געהאַט קיין „גוט מאָרגען“ און ניט קיין „גוטען אָבענד“ פאַר די תלמידים, ער איז קיין מאָל ניט געגאַנגען אָפּגעבען אַ גוט שבת אָדער גוט יום־טוב־ביטען די עלטערן. ווען ער איז געקומען אין דער פריה אין חדר און געזעצט זיך אויף זיין אָרט איז זיין בעגריסונג געווען: „נו, קינדער!“ אַזוי ווי פּון נעכטען ביז היינט איז נאָר געווען אַ הפסקה. האָט אַ אינגעל ניט אַזוי גיך תופס געווען, איז געווען: „גוי, פּויער!“ און סוף וואָך אַז אַ אינגעל איז געשטרויכעלט געוואָרען, איז שוין געלאָפען אַ פּאַטש.

נאָר ער איז דוקא ניט געווען קיין שלעכטער, און ער האָט זיך געפּאַטשט אַ סך ווייניגער ווי אַנדערע מלמדים. און ער האָט אויך זיין אַרבייט געטהאָן בשלמות. צעהן שטונדען נאָכאַנאַנד איז ער טאָג איין טאָג אויס, ווי אַ קרוק, אָבגעזעסען איבערן חומש און געשאָקעלט זיך צוזאַמען מיט די אינגלאַך, און פּון אַריינטהאָן זיך אין למוד זיינען איהם ניט זעלטען די אויערען רויט געוואָרען, ווי צונטער, נאָר ער איז אונז געבליבען אין גאַנצען פרעמד. עס האָט פּון איהם ניט אַרויסגעשטראַלט קיין וואַרעמער פונק, וואָס זאָל אַריינפאַלען צו אונז אין דער נשמה און אונזערע יונגע הערצלאַך זאָלען קלאַפּען צו איהם. אַלץ וואָס מיר האָבען פּון איהם געזעהן, איז געווען זיין רויטע באָרד, מיט׳ן פּנים וואָס איז געווען אַ געמיש פּון אַ צאַרטער ווייסקייט און געלע פלעקען און די הענט וואָס זיינען געווען פערוואַקסען מיט געלע האָר. ער האָט אַזוי גוט געקענט זיין אַ גולם, וואָס טהוט זיין אַרבייט בשלמות. און דער איינציגער חדוש וואָס ער האָט ביי אונז אַרויסגערופען, איז געווען דער אופן ווי ער האָט געשפּאָלטען די בלעטלאַך פּאַפּיראָס פּאַפּיר און געדרעהט זיינע פּאַפּיראָסען, און ווי ער האָט אויסגערויכערט דעם פּאַפּיראָס ביז׳ן סאַמע סוף. מיר האָבען אָפט פערגעסען

אריינצוקוקען אין חומש און בעסער צוגעקוקט זיך, ווי ער האָט געצויגען דאָס לעצטע פיצעלע פּאַפּיראָס, ווען דאָס פייער האָט שוין כמעט דערגרייכט צו די פינגער, און מיר האָבען זיך געוואונדערט, ווי אזוי ער פערברענט זיי ניט.

מיר האָבען צו איהם ניט געפיהלט ניט קיין ליעבע און ניט קיין האָס, ניט קיין צוגעבונדענקייט און ניט קיין דערוויטערונג. און ער איז ארויס פון אונזער לעבען אזוי גיך, ווי מיר זיינען אריבער פון זיין חדר צו א צווייטען רבי'ן.

דער בעל החלומות.

דער שטילסטער, שווייגעדיגסטער און דערשלאָגענסטער איז דעם גאנצען חדר איז אפשר געווען מענדעל דעם סטראזשניקס. ער האָט, דאכט זיך, קיין מאָל קיין הויכע פארע ניט ארויסגעלאָזט פון מויל. ווען די חברים האָבען זיך צוזאמענגענומען אין אן ענג רעדעל אין א פייערדיגען וכוח וועגען גבורה אָדער האָבען דערצעהלט א שפּאַנענדע מעשה וועגען שדים, איז ער שטענדיג געווען פון דער אויסערער זייט פון דעם קרייז און זעלטען, זעלטען ווען ער האָט זיך ארויסגעכאפּט מיט א וואָרט.

ער איז אבער ניט געווען קיין מרה שחורה׳דיג אינגעל. זיינע בלויע אויגען האָבען געקוקט מיט בעוואונדערונג אויף אלע קונדס׳ע שטיק, וואָס מיר פלעגען אָפּטהאָן, און ווען קיינער האָט אויף איהם ניט געקוקט, האָט זיין פּנים אויסגעדריקט אלערליי געפיהלען, וואָס מען האָט געקענט זעהן אויף אונזערע פּנים׳ער. נאָר מען האָט געדאַרפט אויף איהם א בליק טהאָן און ער האָט זיך ווי איינגעקאָרטשעט.

מענדעל האָט געהאט א שעהן קיילעכדיג פּנימ׳ל, א צאַרטע, בלייכע הויט און שיטערע בלאָנדע הערלאד. ער האָט געמאכט דעם איינדרוק פון א שוואכען אינגעל, און אין יענער צייט האָבען מיר נאָך קיין גמרא ניט געלערנט און מיר האָבען ניט געוואוסט, אז תורה מתשת כוחו של אדם, אז די תורה שוואכט אָפּ דעם מענשען, און אז שוואכקייט איז דער אידעאל פון אונזערע מאַמעס און טאַטעס. אין יענער צייט זיינען מיר כורעים געפאַלען פאר גבורה און א שטארקער האָט ביי אונז ארויסגערופען די גרעסטע בעגייסטערונג. און דאריבער קען זיין, אז מיר האָבען ארונטערגעקוקט

אויף מענדלען פון אויבען אראָפּ, און ער האָט דאָס געפּיהלט און האָט זיך געהאלטען פון דערווייטענס.

איינמאָל, דאָס איז געווען דאָנערשטאָג, נאָך די וואָך שיעורים. דער רבי איז אוועק דאַוונען מנחה און איך האָב געהאלטען דער לעצטער, ניט רעכענענדיג מענדלען, ביים ארויסגעהן פון חדר. איז ער צו מיר צוגעגאנגען, אַנגעריהרט מיר ביים ארם און איינגערוימט מיר א סוד:

— כ'האָב א הינטעל.

— אַ הינטעל? — האָב איך איבערגעפרעגט.

— מוטשיק.

— וואָס איז מוטשיק? — האָב איך געפרעגט און אַנגעקוקט איהם פערוואונדערט.

— אזוי הייסט דער הינטעל.

ער האָט בעמערקט, אז די נייעס וועגען הינטעל האָט אויף מיר ניט געמאכט קיין שטארקען איינדרוק, און ער האָט דאריבער געאיילט צוצוגעבען:

— ער סלוזשעט.

„סלוזשען“ האָב איך געוואוסט בעדייט, אז דער הינטעל קען שטעהן און געהן אויף צוויי פיס און דאָס האָט מיך גלייך א פּאַק געטהאָן.

— ברענג איהם אין חדר.

— איך האָב מורא פאר'ן רבי'ן.

— אַז דו האָסט מורא, דארף מען ניט, האָב איך געזאָגט מיט האלב פעראכטונג און איך בין ארויס פון חדר.

אַבער דערמיט האָט זיך דער שמועס וועגען מוטשיק'ן ניט געענדיגט. פון דעם טאָג אָן האָט מענדעל ניט איבערגעלאָזט קיין געלעגענהייט, אז ער זאָל מיר ניט דערצעהלען וועגען די וואונדערבארע קונצען, וואָס זיין מוטשיק קאָן אָפּטהאָן. ער האָט וועגען זיין הינטעל גערעדט ווי א מאַמע וועגען איהרען אַ געראָטענעם קינד. ער האָט אין אַזעלכע מינוטען דעם דבור געפונען, זיינע בלויע אויגלאך האָבען געגלאנצט, זיינע בלייכע בעקלאך האָבען זיך מיט פארב בעדעקט און זיינע אויערען האָבען ממש געפלאַמט. ער האָט

מיר אזוי אָנגעצונדען מיין פאַנטאַזיע. אז איך האָב מיט איהם אָפּגעמאַכט איין פרייטאָג, אז איך וועל קומען צו איהם זעהן דעם הינטעל.

דאָס איז געווען גלייך נאָכדעם ווי מיר זיינען פארטיג געוואָרען מיט'ן מעביר קריאה זיין די סדרה און אָפּגעזונגען די הפטרה. מיט פרעהליכע הערצלאך האָבען זיך אלע קינדער א לאָז געטהאָן צום טהיר, ניט קענענדיג בעהאלטען די שמחה, וואָס מען ווערט פּטור פון חדר אויף צוויי האלבע טעג. דער רבי האָט זיך א בייזער געטהאָן:

— לויפט ניט אזוי!

נאָר דאָס האָט ניט געהאָלפען. מיר האָבען אפילו קיין צייט ניט געהאט רעכט אָנצוטהאָן די מאַנטעלאך און פוטערלאך און מיט איין האנט אין ארבעל און מיט דער צווייטער זוכענדיג דעם צווייטען ארבעל האָבען זיך אלע צוזאמענגעשפּארט אין טהיר און געשטערט איינער דעם צווייטען ארויסצוגעהן. דער ווייסער פראָסט האָט זיך ווי א קאלטער וואָלקען גענומען דרעהען אונטער די פיס, און דער רבי האָט ווידער א געשריי געטהאָן שוין מיט א טאָן העכער:

— שפּארט זיך ניט!

מיר זיינען געווען הונגעריג, ווען מיר האָבען זיך ענדליך ארויסגעריסען אין דרויסען, נאָר ביים אנבליק פון דעם ווייסען פערפראָרענעם שניי האָבען די חברים פערגעסען הונגער און קעלט און האָבען זיך גענומען ווארפען מיט קולקעס. דער איינציגער וואָס האָט זיך צום שניי ניט צוגעריהרט איז געווען מענדעלע און ווען א קולקע האָט איהם געטראָפען, האָט ער נאָר א שמייכעל געטהאָן. ווי בעוואונדערענדיג די גלייכע האנט פון דעם ווארפער.

— קום, דו וועסט מיר ווייזען דיין מוטשיק! — האָב איך זיך אָנגערופען צו איהם.

מענדעלע האָט זיך ניט זעהר דערפרעהט מיט מיין פאַרשלאָג. הגם ווען ער פלעגט מיר דערצעהלען די גדולות פון זיין הינטעל האָט ער געברענט פון אונגעדולד צו ווייזען עם מיר און האָט זיך ניט געקענט דערווארטען ווען איך וועל שוין אמאָל אריבערגעהן צו

איהם. איצט אָבער האָט ער ניט אַרויסגעוויזען קיין אָבעריגע התפּעלות פֿון מיין בעשלום.

אין שטוב ביי זיין טאַטע־מאַמע איז איצט געווען אַ טומעל, אַ געפּילדער. זיין מאַמע איז געשטאַנען פֿאַר'ן גרויסען באַק־אויווען און געקערט אינערוועניג מיט אַ פּאַמעלע. אויף דער פּאָדלאָגע זיינען געווען אויסגעשטעלט טעפּלאַך, גרייט צום אַריינרוקען אין אויווען, נאָר עס איז נאָך געווען וויט צו זייער רייהע. אויפ'ן טיש איז געווען אַ לאָקשען־ברעט מיט אָנגעבראַקטע לאָקשען און אַלערליי סקאָרמוטשעס האָבען פֿערנומען דעם איבעריגען שטח פֿון טיש. אויף אַ קישען אין בעט זיינען געווען אונטערגעדעקט און איבערגעדעקט אויסגעמאַכטע חלות. אין שטוב איז די לופֿט געווען דורכגעדרונגען מיט'ן ריח פֿון געקאָכטע פֿיש און צימעס.

—דרעהט זיך ניט אונטער די הענט,—איז געווען דער ערשטער ברוך הבא, וואָס מיר האָבען געקריגען ביים אַריינגעהן אין שטוב.

— לאָמיר אַרויף אויפ'ן אויווען, — האָט מיר מענדעלע שטיל געזאָגט.

פֿון טהיר ביז'ן אויווען האָבען מיר זיך געדאַרפֿט היטען ניט אָנצוטרעטען אויף עפּעס אַ טעפּעל, נאָר אַזוי גיך ווי מיר האָבען זיך אַרויפֿגעכאַפּט אויפ'ן אויווען, האָבען מיר זיך געפֿונען אין אַ בעזונדער וועלטעל.

— נו, וואו איז מוטשיק ?

מענדעלע האָט אַרונטערגעקוקט און דערנאָך אַ קעהר געטהאָן זיך צו מיר און געזאָגט :

— ערב שבת. די מאַמע האָט איהם אָוועקגעשיקט מיט אַ גאַנג.

— מיט אַ גאַנג ?

— אָה, ער איז אַ פּקח. ער פֿערשטעהט אַלצדינג ווי אַ מענש. דו רעדסט צו איהם און ער שאָקעלט צו מיט'ן קאָפּ. דו שיקסט איהם מיט אַ גאַנג, און ער געהט און ברענגט וואָס מען הייסט איהם. און מען טאָר צו איהם ניט רעדען אויף אַ הינטישען לשון. מען טאָר איהם ניט זאָגען, „נאַ, קוסי !“ אָדער „פּאַשאָל וואָן !“

מענדעלע האָט לאַנגזאַם גענומען שאָקלען מיט'ן קאָפּ. און דאָס

האָט אזוי גוט ווי געהייסען, אז עס איז א גרויסע בעליידיגונג פאר מוטשיק׳ן צו רעדען צו איהם ווי צו א הינטעל.

— און ווי רעדסטו מיט איהם? — האָב איך געפרעגט אַלץ מעהר געשפּאנט.

—אזוי ווי צו א מענשען. אָט אזוי ווי איך מיט דיר.

— און ווען וועט ער קומען?

— ערב שבת, ער האָט א סך גאַנגען.

עס פערשטעהט זיך, אז איך האָב זיך אויף מוטשיק׳ן ניט דערוואַרט, נאָר קיין בעסערען מזל האָב איך אויך ניט געהאט ווען איך האָב אויף מאָרגען נאָכ׳ן קוגעל פערבויגען דעם גליטש און אריינגעכאַפּט זיך צו מענדעלען. איך בין נאָכדעם נאָך פיעל מאָל אריינגעקומען זעהן מוטשיק׳ן, נאָר עס איז שוין אָנגע׳חתמ׳עט געוואָרען. אז ווען איך בין געקומען צו מענדעלען, איז מוטשיק געווען אין עפּעס א שליחות.

און וואָס האָט מוטשיק ניט געטהאָן! ערב שבת, אז מען האָט געדאַרפט פעררוקען דעם טשאָלענט האָט ער די טעפּלאַך דערלאַנגט.

— דעם שווערסטען טעפּעל הויבט ער אויף ווי א פעדערעל! — האָט מיר מענדעל דערצעהלט און ער געהט אויף די הינטערשטע צוויי פיסלאַך, ווי א מענש, להבדיל, און ער ווייסט וועלכען טעפּעל צו דערלאַנגען פריהער.

אפילו ביים איבערקלייבען ארבעס, האָט מען זיך אויף מוטשיק׳ן געקענט מעהר פערלאָזען ווי אויף אַלעמען אין שטוב.

— ער שטעהט אָנגעשפּאַרט מיט ביידע לאַפּקעס אָן טיש. מיר שאַרען די ארבעס און ער לאָזט ניט אראָפּ די אויגען פון זיי. און טאָמער פערשאַרען מיר א ווערעמדיגען צווישען די איבערגעקליבענע, לאָזט ער ארויס א ביל און מיר ווייסען, אז א ווערעמדיגער ארבעס האָט זיך פער׳גנב׳עט. און ער הערט ניט אויף צו בילען, ביז מיר זוכען דעם ארבעס ניט אָפּ.

עס קען זיין, אז אפשר דערפאַר וואָס מיר איז קיינמאָל ניט געלונגען צו זעהן מוטשיק׳ן, האָב איך ענדליך פערלאָרען דעם אינטערעס אין איהם. מענדעלע האָט באַלד בעמערקט, אז איך קעהר זיך אָפּ פון איהם, ווען ער קלייבט זיך מיר איינרוימען א נייעם סוד.

וועגן א נייעם אויפטהו פון זיין מוטשיק און איינמאָל, ווען מיר זיינען ארויס פון חדר צו ווארעמעס, איז ער מיר פערלאָפען דעם וועג און אָהן הקדמות אויסגעשאָסען:

— א דאָקטאָר איז געווען ביי אונז.

— א דאָקטאָר? — האָב איך איבערגעפרעגט סתם אין דער וועלט אריין, כדי עפּעס צו זאגען און בין געגאנגען ווייטער.

ער איז געגאנגען ביי מיין זייט און האָט ווידער אויסגעשאָסען:

— א רויך געהט פון איהם.

— פון דאָקטאָר? — האָב איך געפרעגט, שוין עטוואס פעראינטערעסירט.

— ניין פון ברודער.

— וואָס הייסט א רויך?

— מיין עלטערער ברודער מאיר איז נעכטען געקומען פון דער ארבייט און עס האָט פּלוצים אָנגעהויבען צו געהן א רויך פון זיין מויל, און די גאנצע נאכט און היינט אין דער פריה איז אלץ פון איהם געגאנגען א רויך.

— א רויך? — האָב איך איבערגעפרעגט שוין פערוואונדערט.

— א רויך. ער רויכערט א סך פּאַפּיראָסען, האָט זיך דער רויך אָנגעקליבען ביי איהם אין בויך, און איצט געהט דער רויך ארויס. דער רויך געהט ארויס ווי פון א קוימען, אזא געדיכטער. אין שטוב זעהט מען קיין זאך ניט, אומעדום איז רויך.

עטליכע מאָל דורכ'ן ווינטער האָב איך געכאַפּט א ציה פון א פּאַפּיראָס, און א שרעק איז אויף מיר אָנגעפאַלען. טאָמער וועט פון מיר אויך אָנהויבען זעצען א רויך.

די צייט פון ווארעמעס איז א קורצע, דאָך איז מיין נייגיערדע געווען אזוי אויפגעוועקט, אז איך האָב זיך ארויסגערופען צו געהן מיט איהם אהיים און זעהן דעם גרויסען וואונדער. נאָר ער האָט מיר ערקלערט, אז מען לאָזט ביי איהם אין שטוב קיינעם ניט אריין און אפילו ער האָט געמוזט נעכטיגען ביי א שכן און וועט איצט אויך ווארעמעס עסען ביי א שכן.

דער אונגליקליכער ברודער זיינער האָט זיך נעבאך גערוי־

כערט וואכען־לאנג און יעדעס מאָל וואָס מענדעלע איז געקומען אין חדר, האָט ער מיר בעגריסט:

— עס געהט נאָך פון איהם אַלץ א רויך.

דערווייל האָט זיך שוין געפיהלט פּורים אין דער לופט. און ווער ווייסט ווי פיעל נאָך חדושים און וואונדער איך וואָלט זיך פון מענדעלען אָנגעהערט, נאָר ליידער האָב איך מיט איהם מעהר ווי איין זמן ניט געלערנט צוזאמען, און ער איז דאריבער באלד פערשוואונדען פון מיין זכרון. מיט יאָהרען און יאָהרען שפּעטער האָב איך זיך מיט איהם ווידער געטראָפען. איך בין פון דער ווייטער וועלט געקומען אויף א בעזוך אין מיין שטעדטעל. דאָס איז געווען פּאר יום טוב, און מען האָט ביי אונז אין שטוב געדארפט פאררייכטען דעם באק־אויווען. מען האָט געשיקט נאָך א מולער, און א פערשמירטער אין ליים יונגער מאן מיט א מויער קעלנע אין האנט איז אריינגעקומען. ער האָט מיך גלייך דערקענט און אויסגעשטרעקט א האנט פערדעקט מיט פערטריקענטען ליים און געזאָגט אויסשטעלענדיג ביידע רייהען ווייסע צייהנער:

— שלום עליכם! א גאסט ביי אונז אין שטעדטעל.

איך האָב איהם אָנגעקוקט א ווייל︎ע, סטארענדיג זיך צו דערמאָנען, ווער ער איז. נאָר ער האָט ניט געווארט און אליין אונטערגעזאָגט:

— מענדעלע, איהר געדענקט ניט מענדעלען? מיר האָבען געלערנט ביי... איהר געדענקט מוטשיק'ן... —

— אָה, מוטשיק! — האָב איך אויסגערופען, דערמאָנענדיג זיך וועגען אן אלטען בעקאנטען.

א גליקליכער שמייכעל האָט זיך געוויעזען אויף זיין פּנים, דער שמייכעל פון איינעם, וועלכער שטויסט זיך פּלוצים אָן אויף עפּעס זיינעם אן אויפטהו, וואָס לעבט לענגער פון אלע זיינע אנדערע מעשים.

— זאָגט, איז דאָס ניט געווען אן איינפאל פון א קליינעם איינגעל!

ער האָט מיך בעקוקט פון קאָפּ ביז די פים. זיין בליק איז לענגער געבליבען שטעהן אויף מיינע ווייסע קליינע הענט מיט די לאַנגע דינע פינגער און ער האָט געזאָגט מיט א זיפץ:

— ווער ווייסט, ווען איך וואָלט אפשר געלערנט ווי אנדערע— איך האָב געהאט ניט קיין שלעכטען קאָפּ.

ער האָט ניט געזאָגט, וואָס עס וואָלט געווען, ווען ער וואָלט געלערענט ווי אנדערע. אָבער דאָס איז געווען גרינג אנצושטויסען זיך.

אברהם שלמה חקרן.

איך בין שוין געווען אַ גמרא אינגעל ווען איך בין אַנגעקומען צו אברהם שלמה דעם חקרן.

עס רעדט זיך אַ גמרא אינגעל. מיין גאַנצע בעקאַנטשאַפֿט מיט'ן תלמוד איז בעשטאַנען פון „המניח את הכד“ מיט'ן בעוואוסטען גמרא נגון.

דער נייער חדר איז בעשטאַנען פון אַ קליינעם צימער, וואָס איז געווען אָפּגעטהיילט פון דער שטוב מיט אַ קליינעם דינעם ווענטעל, וואָס האָט ניט דערגרייכט צו דער סטעליע. אין שטוב איז געווען אַ בעקעריי און דאָס איז געווען אַ פערזיכערונג, אַז פון קיין קעלט וועט מען דאָ ניט ליידען, בפרט אַז איצט איז געווען דער זומערדיגער זמן.

איך בין שעמעוודיג אריין אין שטוב און בין געבליבען שטעהן אין אַ פערלעגענהייט ווען איך האָב אנשטאַט אַ רבי און תלמידים דערזעהן אַ דייזשע און זעקלאַך מעהל.

— געה, אינגעלע, אין קאַמער אריין, — האָב איך דערהערט אַ קול פון אַ ווינקעל.

דאָס איז געווען אַ יאַדישליווע אידענע, וואָס איז געשטאַנען ביים אויוען מיט אַ לאָפּעטע.

אין קאַמער זיינען שוין געווען עטליכע אינגלאַך. דאָס זיינען געווען די תלמידים, וואָס זיינען פערבליבען פון אַ פריהערדיגען זמן און זיי האָבען איצט אַנגענומען געגען מיר אַ מינע פון גדלות און געקוקט אויף מיר פון אויבען ארונטער.

דער רבי האָט מיר אַנגעוויזען אַ פּלאַץ, געשטעלט מיר אַ פּאָר פראַגען וועגען מיין למוד ביים פריהערדיגען רבי'ן, און די עלטערע תלמידים האָבען געשטורכעט איינער דעם אנדערען, ווי וועלענ־

דיג מיר געבען דערמיט צו פערשטעהן, אַז זיי בעגרייפען ניט ווי אַזוי אַזאַ רויהער אינגעל, וואָס איז ווייטער פון המניח ניט געגאַנגען, איז אַנגעקומען אין זייער חדר.

יעדען שטורך וואָס זיי האָבען איינער דעם צווייטען געגעבען, האָב איך געפיהלט ווי אַ פּאַטש מיר אין באַק, און די קאָלירען אין מיין פנים האָבען זיך געביטען. צום גליק האָבען באַלד אַנגעהויבען צו קומען די איבריגע תלמידים, און די עלטערע האָבען זיי געדאַרפט ארויסווייזען זייער גדלות.

אברהם שלמה איז געווען גאָר אַן אַנדער סאָרט מלמד. ער האָט געהאַט אַ שם, אַז ער שלאָגט ניט די תלמידים, און ביי איהם האָבען געלערנט אַלע גבירישע קינדער. צו זיין זיינער אַ תלמיד האָט געהייסען אויפהויבען זיך אויף אַ העכערער מדרגה, אויפגעבען קונדס'עריי און נעהמען זיך צום לערנען.

דער רבי איז געזעסען די גאַנצע צייט אויף זיין ביינקעל אויבען־אָן און געגלעט זיך די באָרד, וועלכע איז געווען אַזוי שוואַרץ אַז זי האָט אַזש פערטראָגען צו אַ בלויקייט. פון צייט צו צייט האָט ער זיך אַ שאָקעל געטהאָן, הגם קיין ספר איז פאַר איהם ניט געלעגען אָפען. מיט זיינע שוואַרצע אויגען האָט ער בעטראַכט יעדען תלמיד בעזונדער און עס איז געווען גרינג צו זעהן, אַז פאַר איהם זיינען זיי ניט געווען סתם אינגלאַך, וואָס צאָהלען אַזוי פיעל אַ חודש, נאָר אַ נאָהענטע קאָמפּאַניע, מיט וועלכער ער וועט דאַרפען פערברענגען לכל הפחות אַ האַלב יאָהר צוזאַמען.

אין קאַמער איז קיין זאַך ניט געווען, אויף וואָס אַ תלמיד זאָל אָפּשטעלען די אויגען, אַ חוץ אַ בילד וואָס איז געהאַנגען אויפ'ן וואַנטעל. דאָס איז געווען אַ בילד פון רב יצחק אלחנן און איך האָב פון איהם ניט געקענט אָפּרייסען די אויגען. די אורזאַך דערפון איז געווען אַ קנייטש אין יאַרמולקע פון דער רעכטער זייט, אַזוי ווי מען וואָלט דאָרטען אַ שטופּ געטהאָן מיטן פינגער. מיר איז קשה געווען דער דאָזיגער קנייטש און דאָס איז מיר נאָך קשה'דיגער געוואָרען, ווען דער רבי האָט אונז ערקלערט, אַז דאָס איז ניט קיין געוועהנליכע בילד, אַז אַ פּרוש פון דעם דערבייאיגען קלייזעל האָט דאָס בילד געמאַכט פון אַ פאָטאָגראַפיע. און איך

האָב געפרעגט, אַז וויבאַלד דאָס בילד איז געמאַכט געוואָרען מיט דער האַנט, פאַר וואָס האָט מען ניט געקענט אויסגלעטען דעם קנייטש אין יאַרמולקע?

— דאָס איז אַזאַ מין אומנות, וואו מען דאַרף זעהר נזהר זיין ניט צו מאַכען קיינע שנויים. דער קלענסטער שנוי — און עס ווערט אַן אַנדער פנים, — האָט אונז דער רבי מסביר געווען.

מיין נייער רבי, אברהם שלמה, האָט געהאַט אַן אמת'ען נחת ניט נאָר צו מסביר זיין אַ סוגיא נאָר אויך צו ערקלערען אַלערליי ענינים פון קונסט, פילוסופיא, פּאָליטיק און סתם חקירה. דער חדר איז געווען זיין גאַנצע וועלטעל און מיר זיינען געווען ניט נאָר תלמידים נאָר אויך זיין פּובליקום און זיינע חברים. ווען עס איז געקומען די צייט פון באָדען זיך, איז ער מיט אונז צוזאַמען ווי אַן עלטערער חבר, געגאַנגען צום טייך, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ער איז אַן אויסגעצייכענטער שווימער. הגם ער האָט אויף איין מינוט ניט פערלאָרען זיין ערנסטע מינע אין וואַסער. האָט ער זיך דערמאַנט אַ קלייזעלשע הלצה בשעת ער האָט מיט אונז דער שיעור געלערנט, האָט ער מפסיק געווען אין מיטען און איבערגעגעבען איהר אונז ווי פאַר זיינע חברים.

ווען אַלע תלמידים האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען און אויסגעזעצט זיך אויף די פּלעצער און יעדער האָט געעפענט זיין גמרא, האָט דער רבי אַרויסגענומען פון קעשענע אַ קיילעכדיגע בלעכענע פּושקעלע מיט טאַבאַק, געמאַכט אַ פּאַפּיראָס, פערדרויכערט, געגעבען אַ פּאָר ציה, צוריק אויפגעמאַכט דאָס פּושקעלע, אַריבערגעלעגט איבער'ן טאַבאַק אַ שטיקעל פּאַפּיראָס פּאַפּיר, אָפּגעטרעסעלט די אַש פון דעם פערדרויכערטען פּאַפּיראָס און אַריינגעלעגט איהם מיט'ן פייער און גיך פערמאַכט דאָס דעקעל.

עס איז געווען גרינג צו זעהן, אַז די גאַנצע טרחה צו פערדרויכערען אַ פּאַפּיראָס צוליעב אַ פּאָר ציה האָט ער נאָר גענומען דערפאַר, כדי ער זאָל אונז גלייך קענען מאַכען אַ וויסענשאַפטליכע ערקלערונג. און ווען מיר, די נייע תלמידים, האָבען געקוקט אויפ'ן פּושקעלע פערוואונדערט האָט ער ניט געוואַרט אויף אונזער פראַגע און ערקלערט:

— אָהן לופט קען קיין פייער ניט ברענען און ווען דאָס פּושקעלע איז סטשילנע פערמאַכט, מוז דער פּאַפּיראָס זיך גלייך אויסלעשען.

עס פערשטעהט זיך, אז דעם רבי'ס א וואָרט איז פאר אונז געווען א הלכה למשה מסני, און דאָך האָט זיך אונז בשום אופן ניט געוואָלט גלויבען, אז פייער ברענט ניט. די שייכות פון לופט מיט פייער איז פאר אונז געווען א צו ווייטע.

ער האָט אָפּגעוואָרט א קורצע ווייל און צוריק געעפענט דאָס פּושקעלע. דער פּאַפּיראָס איז געווען טאַקע אויסגעלאָשען און אויפ'ן דינעם בלעטעלע פּאַפּיראָס פּאַפּיר איז געווען נאָר א קליינער געלער פלעק.

— דער פלעק נעהמט זיך דערפון, וואָס איך האָב ניט אזוי גיך פערמאַכט דאָס פּושקעלע. אגב איז נאָך אביסעלע לופט געווען דאָרטען.

דער פלעק און די לופט האָבען אונז לחלוטין ניט אינטערעסירט. דער עיקר איז געווען דער קונץ. און מיר האָבען זיך דורכגעדרונגען צום רבי'ן מיט ניט ווייניגער בעוואונדערונג, וואָס יעדער אינגעל האָט פאר א שוואַרץ־קינצלער, וועלכער בעקומט פון א לעדיגען קאַפּעלוש א פּאָר לעבעדיגע טויבען.

עס איז ניט אוועק א טאָג, אז דער רבי זאָל דורכלאָזען א געלעגענהייט צו זאָגען עפּעס א מילי דעלמא, אָדער ארויסווייזען א שטיקעלע חקירה אדער עפּעס א טיעפע ידיעה אדער גאָר א בויך פברא.

ער האָט געהאַט א זילבערנעם זייגער, די דעקלאָך מיט קופּערשטעך, האָט ער איהם געהאַלטען אין א זעמשענע בייטעלע און געעפענט איהם נאָר סאַמע ווען נויטיג. און ווען א תלמיד האָט געפרעגט די צייט און דאָס איז ניט געווען זעהר נויטיג צו וויסען, האָט דער רבי געפּרואווט טרעפען אזוי לערך נאָך, אבער דעם זייגער האָט ער ניט געעפענט. און ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט ער ניט געוואַרט מען זאָל איהם פרעגען, פאר וואָס ער נעהמט ניט ארויס דעם זייגער און גיט ניט א קוק, נאָר ער האָט אליין גלייך געגעבען אן ערקלערונג:

— די קליינינקע זאוויעסקעלאך פון די דעקלאך זיינען געמאַכט געוואָרען אויסצוהאַלטען אזוי פיעל און אזוי פיעל מאָל עפענען. לאָמיר זאָגען, למשל, צוויי טויזענד מאָל. אז מען עפענט דעם זייגער איין מאָל א טאָג קענען די זאוויעסקעלאך דיענען צוויי טויזענד טעג, דאָס הייסט, א קיימא לן פון זעקסטהאַלבען יאָהר. איז דאָס ווען גערעדט? אז מען עפענט איין מאָל א טאָג. ווי איז אָבער דער דין, אז מען עפענט צעהן מאָל א טאָג? וועלען שוין די זאוויעסקעלאך ניט מעהר דיענען ווי צוויי הונדערט טעג, דאָס הייסט קיין יאָהר אויך ניט.

אין די גרויסע היצען האָט דער רבי זעהר געשוויצט. דער שוויים האָט זיך פון איהם געגאָסען אין גרויסע טראָפּענס, און דאָס איז ווידער געווען א געלעגענהייט צו ערקלערען אונז די פיער יסודות פון וואסער, ערד, לופט און פייער. דער שוויים האָט געדיענט פאַר א בעוויז פון וואסער, דער אָטהעם איז געווען די לופט. דעם יסוד פון פייער האָט ער ערקלערט דערמיט, וואָס ווען מען רייבט שטאַרק צוויי שטיקלאך האָלץ וועלען זיי זיך אָנצינדען. דאָס אלץ איז געווען פערשטענדליך, נאָר די גאַנצע שוועריגקייט איז אָנגעקומען מיט'ן יסוד ערד, דאָס הייסט אז מען זאָל עס בעשיינפערליך קענען זעהן. אונזערע קינדערשע מוחות האָבען בשום אופן ניט געקענט בעגרייפען על פי חקירה, וואו איז ערד אין א גוף. נאָר דאָ האָט זיך אויך דער רבי איין עצה געפונען, ער האָט א ריב געטהאָן א האַנט אן א האַנט און בעשיינפערליך בעוויזען אונז בלאָטע...

די גאַנצע אטמאָספער אין חדר איז אזוי דורכגעדרונגען געוואָרען מיט חקירה, אז די תלמידים צווישען זיך האָבען געזוכט איבערצוואָגען איינער דעם צווייטען אויף דעם דאָזיגען פעלד און עס האָט לאַנג ניט געדויערט ביז איך האָב זיך גענומען צום „ספר חברית“, צו שטילען מיין דורשט צו אַזעלכע ידיעות.

דער קליינער פילאָזאָף.

עס איז געווען גענוג פאַר אונז צו וויסען, אז מיר זיינען אברהם שלמה דעם חקרן'ס תלמידים און מיר זאַלען אַנהויבען צו פיהרען אַ שטאַט. עס האָט ניט געפאַסט פאַר אברהם שלמה'ס אַ תלמיד, אז מען זאָל אויף איהם אַנווייזען ווי אויף אַ קונדס, וויים־חברהניק. אזוי גיך ווי אַ תלמיד האָט נאָר אריינגעשטעלט דעם פוס צו איהם אין חדר, איז איהם קלאָר געוואָרען, אז די צייט פון שטיפען, צולאַזטקייט איז אריבער, און מען דאַרף ווערען אַ מענש. און דאָס איז געשעהן אָהן אַ שום טענות, אָהן אַ שום מוסר פון אברהם שלמה'ס זייט. דאָס איז געווען אין דער אַטמאָספער פון חדר.

און מיר זיינען געווען סטאַטעטשנע אינגלאַך. אז מיר זיינען ארויס פון חדר, איז דאָס געווען אָהן דעם געוועהנליכען רעש, אָהן דעם געוועהנליכען געפילדער. מיר זיינען געגאַנגען מעשה סטאַטעק, מיט שטילע טריט, ניט געאיילט, אָהן קולות. האָבען מיר געלאַכט, איז דאָס געווען אין די גרענעצען פון בעשיידענהייט, און ניט איין מאַמע ווען זי האָט געקוקט דורכ'ן פענסטער און געזעהן אונז, האָט זיך געוואונשען צו האָבען אזעלכע קינדער ווי מיר.

דאָס הייסט נאָך ניט, אז דער גאַנצער קונדס פון אונז איז מיט אַמאָל פערשוואונדען געוואָרען. מיר פלעגען יעדען שעהנעם פאַרנאַכט אוועקלאָזען זיך אין די פריסאַדעס אדער אין באַר אויף אַ שפאַציער, און אזוי גיך, ווי מיר האָבען די שטאָדט געלאָזט הינטער זיך און דערפיהלט די פרייע לופט ארום זיך, האָט זיך דער סטאַטעק אין אונז בעהאַלטען, און מיר האָבען געשפרונגען און

אַרומגעלאָפען און אַפילו געקוליעט זיך איבער'ן גראָז. ביי יעדען טעלעגראַף סלופּ איז געווען אַ נידריגערע קלעצעל און די דאָזיגע קלעצלאַך זיינען ווי אַריינגעשלאָגען געוואָרען פאַר אונז צו מעסטען אונזער פלינקייט אין שפּרינגען. מיר האָבען ביים שפּאַציר געמעגט האָבען אַ שכל'דיגען וכוח, נאָר קוים זיינען מיר צוגעקומען צו אַ טעלעגראַף סלופּ האָבען מיר אַפילו ניט איבעררייסענדיג דעם וכוח געלאָזט זיך שפּרינגען איינער נאָכ'ן צווייטען איבער'ן קלעצעל.

דער אָנפיהרער ביי די דאָזיגע שפּאַצירם איז געווען בענטשע, זעהר אַ דאַר אינגעל, מיט איינגעצויגענע בעקלאַך, און אויסגעכמאַרטשעטע סקולעס און אָפּגעשטאַנענע אויגען. ער האָט געהאַט אַ חתוך הדבור פון אַ מתורגמן און אַז ער האָט גענומען עפּעס מסביר זיין, איז געווען ממש ווי ער וואָלט געצעהלט רענדלאַך. דאָס איז געווען אַזוי אונגעוועהנליך, אַז מיר האָבען זיך אַלע צו איהם פערהאַלטען מיט אַ דרך ארץ.

און ער האָט שטענדיג געהאַט עפּעס צו מסביר זיין. האָט עמיצער פון די חברים געכאַפּט אַ פליג האָט ער זיך גלייך געווענדעט צו יענעם מיט אַ פראַגע:

— וואָס אַ שטייגער טראַכט איצט די פליג?

און אַזוי ווי קיינער פון אונז האָט די פּסיכאָלאָגי פון פליגען ניט שטודירט, האָבען מיר אַלע אויף איהם אויסגעשטעלט אונזערע אויגען און ער האָט אונז, רעדענדיג ניט געאיילט, מיט אַלע נויטיגע הפסקות ערקלערט:

— אַט די פליג וועט איצט קומען צופליהען אַהיים און דערצעהלען אַ גוואַלדיגען נס וואָס מיט איהר האָט געטראָפען אויפ'ן וועג. זי וועט דערצעהלען, ווי זי איז אַרומגעפלויגען און אַרומגעשטיפט אין אַ שעהנעם העלען טאָג, און פּלוצים האָבען זיך אויף איהר אַרויפגערוקט פון אַלע זייטען גרויסע, גרויסע בערג און בעגראָבען איהר אונטער זיך. אַרום איהר איז געוואָרען אַזאַ חושך, אַז זי האָט קיין זאַך ניט געזעהן. אומזיסט האָט זי זיך געשלאָגען, געריסען, געשריען — זי האָט שוין געמיינט אַז דאָ איז איהר קבר, נאָר פּלוצים האָבען זיך די בערג צוריק אָפּגערוקט, עס איז

ווידער געוואָרען ליכטיג און זי איז אַהין אַ נשמה איצט געקומען צופליהען אהיים.

האָט ער דערזעהן ווי עמיצער זיצט אין אַ וואָגען און שמייסט אַ פערד, האָט ער זיך געווענדט צו אונז מיט דער פראַגע:

— פון וואַנען ווייסט דער פערד, אַז מיט די שמיץ מיינט מען, ער זאָל געהן גיכער?

ביי אונז איז געווען אַזוי נאַטירליך אַז אַ פערד דאַרף פערשטעהן, אַז ער דאַרף לויפען, ווען מען גיט איהם אַ שמיץ, אַז מיר האָבען געענטפערט מיט אַ פראַגע:

— וואָס דען, זאָל ער זיך אָפּשטעלען?

אונזער קליינער פילאָזאָף בענטשע האָט זיך ניט פער'חדוש'ט פון אונזער ענטפער און ער האָט גאַנץ רוהיג אַ דרעה געטהאָן מיט'ן פינגער און געזאָגט:

— און טאַקע, פאַר וואָס זאָל אַ שמיץ ניט בעדייטען, אַז אַ פערד זאָל זיך אָפּשטעלען? אַז אַ רבי שמייסט אַ אינגעל, וועט ער נעהמען לויפען? פון וואַנען ווייס דער פערד, אַז שמיץ מיינט לויפען?

ווייטער צו דינגען זיך האָט שוין ניט געהאָלפען און מיר האָבען געמוזט צוגעבען, אַז די פּסיכאָלאָגיע פון פערד, ווי פון פליגען איז אונז אויך פרעמד.

— עס איז אַ טעות, אויב מען מיינט, אַז אַ פערד פערשטעהט, וואָס דער מענש מיינט. אויב אַ פערד לויפט, ווען מען גיט איהם אַ שמיץ, איז דאָס ניט דערפאַר, וואָס ער פערשטעהט דעם רצון פון דעם מענשען. אַ פערד איז אַ פערד און האָט קיין שכל ניט. מעהר ניט, אַז מען גיט איהם אַ שמיץ, וויל ער אנטלויפען — ניט געהן גיכער, ניט לויפען, נאָר אנטלויפען — און ער ווייס ניט, אַז דערמיט טהוט ער, וואָס דער מענש וויל און פיהרט גיכער דעם וואָגען.

בענטשע האָט זיין פילאָזאָפישען קעפּעל געבראָכען ניט נאָר אויף פּסיכאָלאָגיע, נאָר אויך אויף אנדערע חכמות. באַלד נאָכדעם ווי דער לעהרער וויינשטיין האָט גענומען קומען צו אונז אין

חדר אויף אַ שטונדע, האָט בענטשע אונז געגעבן אַ חקירה אין פּילאָלאָגיע.

— פאַר וואָס הייסט פּאָדלאָגע — פּאָדלאָגע?

עס פערשטעהט זיך, אַז נאָך די ערשטע עטליכע „אוראָקען" ביים לעהרער האָבען מיר נאָך ניט געקענט וויסען אַזאַ זאַך.

— עס הייסט פּאָדלאָגע, ווייל דאָס שטאַמט פון די ווערטער „פּאָד נאָגי" (אונטער די פיס). אי, וועט איהר דאָך פרעגען, אַז אויב אַזוי האָט דאָך פּאָדלאָגע געדאַרפט הייסען פּאָדנאָגע? איז דער תירוץ, אַז די אותיות דטלנ"ת פערבייטען זיך אַמאָל, און אַז „על" קען פערנעהמען דעם אָרט פון אַ „ען".

עס איז כמעט ניט אַריבער די וואָך, אַז ער זאָל פאַר אונז ניט האָבען עפּעס אַ נייע חקירה. ער איז אין דער הינזיכט געווען אַן אמת'ער תלמיד מובהק פון אונזער רבי'ן אברהם שלמה דעם חקרן.

נאָר איין טאָג האָט זיין חקירה אַ שווערען קלאַפּ געקראָגען.

עס איז געווען אין מיטען לערנען פאַר וואַרעמעס. בענטשע האָט פּלוצים דערפיהלט אַ שאַרפען וועהטאָג, אַ צאָהן האָט איהם פון העלער הויט אָנגעהויבען צו רייסען. ער האָט זיך אַלע וויילע געכאַפּט מיט דער האַנט פאַר דער באַק און פערמאַכט די אויגען. מיר האָבען דעמאָלט געהאַט אַ שווערע סוגיא און קיינער האָט ניט בעמערקט, ווי ער האָט געליטען. ער האָט זיך מיט גרויסע צרות קוים דערוואַרט, ביז דער שיעור האָט זיך געענדיגט. מיר האָבען זיך אַלע געלאָזט געהן אַהיים און בענטשע, מיט דער האַנט אויפ'ן באַק און מויל, האָט קוים אַרויסגעזייט דורך די צייהנער:

— אַ צאָהן, וואָס, האַ? דאַכט זיך, גאָר ניט? אַ שטיקעל ביינדעל, ניט מעהר, און ווי ער טהוט וועה. ווי קען אַ ביינדעל מאַכען אַזאַ וועהטאָג?

איצט האָט ער צום ערשטען מאָל געשטעלט אונז אַ פראַגע, אויף וועלכער ער האָט ניט נאָר קיין ענטפער ניט אָנגעגרייט, נאָר האָט קיין ענטפער ניט געקענט געפינען ער האָט איצט ניט געפרעגט, צו ווייזען אונז, ווי זיין מאָרד אַרבייט פילאָזאָפיש, נאָר דאָס איז געווען אַ קרעכץ פון אַ פערוואונדעטער חקירה. על פּי

זיין חקירה איז אַ צאָהן געווען ניט מעהר ווי אַן אריינגעשטעלטער ביינדעל אין מויל, וואָס מאַכט עס אויס, צו די נאַטור אדער אַ דענטיסט האָט דער ביינדעל אריינגעשטעלט. און וואָס פאַר אַ שייכות האָט אַזאַ ביינדעל מיט וועהטאָג?

דאָס איז געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ פאַר דעם קליינעם פילאַזאָף. ער האָט פאַר זיך געהאַט אויסגעבויט אַזאַ שעהנעם בנין מיט אַזאַ שטאַרקען פונדאַמענט, און פּלוצים האָט ער דערזעהן ווי אַלץ הויבט אָן צו קראַכען. צום ערשטען מאָל האָט זיך צו איהם פערגנב'עט אין זיין קליינעם קעפּעל דער ביטערער צווייפעל, און פון דעם טאָג אָן האָט בענטשע פערלאָרען זיין שטענדיגען זיכערען טאָן און מען האָט שוין פון איהם אזוי גיך ניט געהערט נייע ערקלערונגען אויפ׳ן געביעט פון חכמה און חקירה.

דער קאַפּראַלנער.

אין אונזער חדר, ביי אברהם שלמה דעם חקרן, האָט אַנגעהויבען אריינצוקומען אַ לעהרער.

דאָס האָבען די גבירישע טאַטעס געפאָדערט, אז זייערע קינדער זאָלען אַ שעה אין טאָג לערנען רוסיש און אריפמעטיק.

דער לעהרער איז געוועזן אן אריבערגעקומענער פון אן אנדער שטעדטעל, און האָט געהייסען וויינשטיין. ער האָט געטראָגען אזא שטעהענדיגען ענגען קראַגען, אז ער האָט דעם קאָפּ ניט געקענט אַנבויגען און האָט איהם שטענדיג געהאַלטען עטוואָס פערריסען, און אזוי האָט ער זיך אויך געהאַלטען מיט די תלמידים, שטייף און פערריסען. „זדראַווסטוואויטע“ און „דאַ סווידאַניאַ“ זיינען געוועזן די צוויי איבריגע ווערטער, וואָס ער האָט געזאָגט צו די תלמידים, אַ חוץ וואָס ער האָט געדאַרפט רעדען און ערקלערען ביים „אוראָק“. עס איז געוועזן גרינג צו זעהן, אז ער האָט זיך גענומען זעהר ערנסט און האָט אַרונטערגעקוקט אויף אַלעמען פון אויבען אַראָפּ. עס פערשטעהט זיך, אז ער האָט געטראָגען פענסנע און ביים אונטערשרייבען די „אטמעטקעס“ ביי די תלמידים האָט ער זיין נאָמען אויסגעצוקט אין דער פאָרם פון דריי פיראַמידען.

אין דער צייט פון דער שטונדע האָט דער רבי זיך אריבערגעקליבען אין דער גרויסער שטוב און האָט פערבראַכט אַ פיעל לענגערע צייט ביי זיין ווארעמעס, ווי דאָס אַרימע געקעכץ האָט געפאָדערט.

ער האָט דעם לעהרער ניט ליעב געהאַט, און ניט דערפאַר וואָס יענער איז געקומען גוי'איש לערנען דאָרטען, וואו ער האָט געפלאַנצט אידישקייט. דער רבי איז שוין געוועזן צופיעל חקרן

דערצו, און ווען ער וואָלט זיך ניט געשעהמט, וואָלט ער די „אוראַקען" געלערנט צוזאמען מיט אונז. און דאָס איז טאַקע געווען דער סוד, פאַר וואָס ער האָט ביי דער אָרימער שיסעלע סטשאַוו פערבראַכט איבער א שטונדע צייט. דאָס קליינע דינע ווענטעל, וואָס האָט אָפּגעטהיילט די שטוב פון חדר, האָט איהם ניט געשטערט צו הערען יעדעס וואָרט, וואָס דער לעהרער האָט מיט די קינדער געלערענט און ער האָט עס טיעף אריינגענומען אין זינען.

ער האָט גאָר ניט געהאַט געגען דעם, אז א איינגעל זאָל זיך לערנען רוסיש. פון אריפמעטיק איז דאָך אָפּגערעדט, דאָס איז ראָך א חכמה און ער אליין איז געווען גוט בעהאַווענט אין תשבורת נאָר אפילו לשונות איז גוט צו וויסען. עס קומט צוניץ. און עס איז טאַקע גאַנץ פיין, אז מען קען לשונות. אָבער דער לעהרער וויינשטיין האָט ביי איהם קיין שום פנים ניט געהאַט. דאָס וואָס ער רעדט רוסיש איז קיין קונץ ניט. דער קלענסטער שייגעצעל אין דאָרף רעדט רוסיש, און טאַקע אַן אמת'ער פּאַניע רעדט נאָך בעסער פון איהם. זעהט איהר, ווען וויינשטיין וואָלט געווען א בקי אין תלמוד און דערצו וואָלט ער נאָך געקענט לשונות, וואָלט געווען עפּעס א חדוש. אָבער פון דער גמרא ווייסט ער דאָך ניט אפילו מאי דקאמרי רביצין, און אלץ וואָס ער קען, איז דאָס ביסעל רוסיש און אלץ וואָס מען קען וועגען איהם זאָגען איז, אז ער איז א גרויסער שייגעץ.

איינטאָג איז דער רבי געווען זעהר אויפגעלעגט. דאָס איז געווען באַלד נאָכדעם ווי דער לעהרער איז אוועק. דער טאָג איז געווען א שעהנער און א הייסער. דער רבי האָט געשוויצט ווי זיין שטייגער איז געווען, און גרויסע טראָפּענס שוויים האָבען זיך געקייקעלט פון פנים און פון דער אָפענער ברוסט. פון צייט צו צייט האָט ער געווישט דעם פנים מיט'ן ברייטען ארבעל פון זיין העמד. דאָס האָט איהם א האָר ניט געמאַכט אונבעקוועם. זיינע שוואַרצע אויגען האָבען ממש געשפּרונגען פון א געפיהל פון חוזק און ער האָט עטליכע מאָל א גלעט געטהאָן זיין שוואַרצע באָרד, וואָס האָט פערטראָגען צו א בלויקייט, כדי צו פער־

שטעלען אַ שמייכעל, וואָס איז געלעגן בעהאַלטען אונטער זיינע וואָנסען און זיך אָנגערופען:

— הייסט עס, אַז היינט האָבען מיר געלערענט, ווי דער זיידע האָט געשלעפּט אַ ריבען און האָט איהם ניט געקענט אַרויסשלעפּען, און די באָבע איז געקומען און האָט געשלעפּט דעם זיידען און דער זיידע האָט געשלעפּט דעם ריבען און ניט געקענט אַרויסשלעפּען —

דאָס איז געווען געמיינט די תורה פון דעם לעהרער. דעם טאָג האָט דער לעהרער פּערטייטשט אַ קינדערישע מעשה'לע, ווי פיעל מענשען האָבען געשלעפּט אַ ריבען פון דער ערד און ניט געקענט אַרויסשלעפּען, ביז אַ מייזעל איז געקומען און האָט איהם אַרויסגעשלעפּט.

— דאָס איז יונ'ישע חכמה! — האָט ער בעמערקט, און אַ ברייטער שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף זיין גאַנצען פּנים.

מיר האָבען זיך אַלע פערשעמט. און טאַקע וואָס הייסט, מיר, גמרא אינגלאַך, וואָס בייסען שוין איין אַ מהרש"א, זיצען און לערנען, ווי דער זיידע האָט געשלעפּט אַ ריבען און ניט געקענט איהם אַרויסשלעפּען און אַזוי ווייטער.

דעם רבי'ס שמייכעל איז ניט געווען אַזוי פאַר דער נאַרישער מעשה'לע וועגען דעם ריבען און דעם זיידען, און דער באָבע און דעם מייזעלע, ווי צו געבען אונז צו פערשטעהן דעם גרויסען אונטערשייד פון אהלי שם ביז חכמת יון, דעם אונטערשייד צווישען דער תורה וואָס מען לערנט אין אַ חדר און דער חכמה וואָס מען הערט פון אַ לעהרער אין רוסיש. מיין רבי אברהם שלמה האָט קיין שום ספק ניט געהאַט, אַז דאָס איז געווען די גאַנצע חכמה, וואָס די גוים האָבען פערמאָגט.

דער רבי איז דעם גאַנצען האַלבען טאָג געווען זעהר אויפגעלעגט, כמעט פרעהליך, אַזוי ווי ער גופא האָט בייגעוואוינט אַ פערהער צווישען חכמת ישראל און חכמת הגוים און האָט בעשיינפערליך געזעהן, ווי די גוי'שע חכמה איז אַזוי צוריבען געוואָרען אין שטויב, אַז זי קען שוין מעהר קיין תקומה ניט האָבען. דעם טאָג האָט זיך דער למוד געקאַנטשעט מיט אַ האַלבע שעה

פריהער און דער רבי צוזאַמען מיט אונז איז אַוועק באָדען זיך. ער האָט כמעט פערלאָרען זיין ערנסטקייט און האָט זיך אין טייך געהאַלטען שטיפעריש, ער האָט קלאַפּטער געמאַסטען. אויפ'ן רוקען געשוואומען מיט צוזאַמענגעלעגטע הענט אונטער'ן קאָפּ און געגרונטעוועט זיך.

און אַז ער איז אַרויס פון טייך און גענומען אויסטרעסלען דאָס וואַסער פון די אויערען, האָט ער זיך ניט געקענט איינהאַלטען און געזאָגט אין דער הויך מיט אַ געלעכטער:

— און דער זיידע האָט געשלעפּט אַ ריבען און ניט געקענט איהם אַרויסשלעפּען.

עס איז ווידער געווען אַ שעהנער זומערדיגער טאָג און וואָרעמעס־צייט האָט דער רבי אין דער שטוב געגעסען אַ מילכיגען קרופּניק און מיר האָבען אין דער קליינער קאַמער געהאַט אונזער אוראָק. היינטיגס מאָל איז שוין דער למוד ניט געווען פון אַזאַ קינדישע מעשה'לע, ווי מיט'ן ריבען. דער לעהרער האָט די לעצטע צייט אונז פערטייטשט קרילאָוו'ס משלים.

ווען די תלמידים זיינען זיך צוזאַמענגעקומען נאָך האַלבען טאָג און אויסגעזעצט זיך אויף זייערע פּלעצער מיט די גמרות אויפ'ן טיש, איז דער רבי צוגעקומען אביסעל פערטראַכט. ער האָט געעפענט זיין בלעכענע פּושקעלע, צוזאַמענגעדרעהט אַ פּאַפּיראָס, פעררויכערט איהם און נאָכגעקוקט דעם רויך, ווי ער איז פערשוואונדען דורך דעם אָפענעם פענסטער. ער האָט זיך איצט ניט געאיילט צו עפענען זיין גמרא, און נאָך אַ היבשער פּויזע האָט ער געפרעגט:

— וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ משל, וואָס איהר האָט היינט געלערנט?

עטליכע שטימען מיט אַמאָל האָבען געענטפערט אויף דער פראַגע. געוועהנליך, וואָלט ער אָפּגעשטעלט אַלעמען און געווענדט זיך צו איינעם מיט דער זעלביגער פראַגע. נאָר היינט איז דאָס ניט געווען נויטיג. ער האָט די „באַסניע“ געוואוסט ניט ערגער. ווי די תלמידים.

ער האָט ווידער אַרויסגעלאָזט עטליכע ציה און געפרעגט:

— וועמעס איז דאָס?

— קרילאָוו'ס.

— קרילאָוו? אַן אמת'ער פּאַניע.

ער האָט ווידער אַרויסגעלאָזט עטליכע ציה און האַלב אַרויסגעזאָגט זיין השערה און האַלב ערקלערט אונז:

— מען קען ניט זאָגן, אַ שכל שטעקט אין דעם משל. דאָס איז אַ קלוגער איינפאַל, אָבער קיין חכמה קען מען עס ניט רופן. עס טרעפט אַמאָל, אַז מען הערט אַ קלוגן איינפאַל אפילו פון אַ פויער.

מיין רבי, אברהם שלמה דער חקרן, האָט זיך נאָך אָבער אַלץ ניט געקענט בערוהיגן. ער האָט ווידער געגעבן אַ פּאָר ציה און ווייטער געזאָגט:

— דער לשון איז אביסעל אַ גלאַטערער, ווי אַ פויער רעדט. עס קען גרייליך זיין, אַז דער קרילאָוו קען אפילו ניט שרייבן. אַ פּאַניע איז ער, איז פאַר איהם ניט שווער אַרויסצוזאָגן זיינעם אַ געדאַנק אין זיין לשון. עס איז אַ שטייגער ווי וויגדער דער בעל העגלה דערצעהלט זיינע אַ מעשה'לע וועגן די שדים, וואָס ער בעגעגענט אין וועג. ער איז אַ איד, איז דאָס ביי איהם אַ חוזק צו דערצעהלען אין אידיש, און פאַר'ן פּאַניע קרילאָוו, איז דאָס ניט שווער צו דערצעהלען אַזאַ משל אין רוסיש. און עס קען זיין, אַז ער פערשטעהט ניט מעהר ווי וויגדער דער בעל העגלה.

נאָר מיין רבי אברהם דער חקרן האָט זיך נאָך אַלץ ניט בערוהיגט. עפּעס איז איהם געווען קשה'דיג אין זיין השערה און נאָך אַ קורצער פּויזע, האָט ער זיך אָנגערופן מיט אַ פרייערען פּנים. פון וואַנען די גאַנצע פערטראַכטקייט איז פערשוואונדען געוואָרען:

— ווי הייסט ער? קרילאָוו? ער האָט מסתמא געדיענט אין סלוזשבע, און האָט זיך אודאי דערדיענט פאַר אַ קאַפּראַלנער. אַ קאַפּראַלנער האָט שוין אביסעל אַ בעסערען לשון און מוז שוין זיין אַ גראַמאַטנער. אַזוי איז דאָס טאַקע. ער איז בלתי ספק געווען אַ קאַפּראַלנער.

און מיין רבי אברהם שלמה האָט איצט מיט א גרינגערען הארצען אן עפּען געטהאָן די גמרא, א ריב געטהאָן א פּאָר מאָל מיט דער האַנט די באָרד פון אויבען אראָפּ, ווי ער וואָלט דערמיט וועלען אָפּרייבען אלע ספקות, און גענומען לערנען מיט אונז.

ביז היינטיגען טאָג קען איך ניט פערשטעהן, וואָס וואָלט מיין רבי'ן אברהם שלמה'ן געאַרט צו מאַכען פון קרילאָוו'ען אן אָפּיצער.

זיין פאַטענט.

יאַנקעל בערעל האָט זיך מיט קיין זאַך ניט אויסגעצייכענט ביי אונז אין חדר, סיידען דערמיט וואָס ער האָט געהאַט א קעפּעל שטייפע רויט־געלע האָר און זיין פּנים'על איז געווען אזוי בעשאָטען מיט זומער־שפּרינקלאַך, אז דעם אמת'ן קאָליר פון זיין הויט האָט מען ניט געקענט זעהן. ער איז אויך געווען זעהר א פרעהליכער און ווען ער זאָל ניט לערנען ביי אברהם שלמה דעם חקרן, וואָלט ער געווען דער גרעסטער קונדס אין שטאָדט.

יאנקעל בערעל האָט זיך ניט אויסגעצייכענט אין לערנען און כאָך וועניגער אין די חקירות, וואָס עס איז אויסגעקומען צו הערען פון רבי'ן אדער צווישען די תלמידים. ווי עס האָט אויסגעזעהן פון זיין גלייכגילטיגקייט צו די וואָך שיעורים און צו די פילאָזאָפישע השערות און סברות, מיט וועלכע די לופט אין אונזער חדר איז געווען פול, האָט ער זיך גיכער געפּאסט צו זיין א תלמיד ביי וועלכען עס איז אנדער מלמד און ניט ביי אברהם שלמה דעם חקרן.

איינטאָג, האָט דער רבי אברהם שלמה דער חקרן פעררויכערט א פּאַפּיראָס און האָט זיך ביים ערשטען ציה צוהוסט. דאַן האָט ער זיך אָנגערופען:

— זעהר ניט געזונט, זעהר ניט געזונט צו רויכערען.

ער האָט געסטאַרעט זיך אויסצוהוסטען דעם טרוקענעם טאַבאַק, וואָס האָט זיך איהם פער'גנב'עט אין האַלז און האָט ווידער א ציה געטהאַן מיט דעם זעלביגען רעזולטאַט. ער האָט געהוסט, געפּופּוקעט דעם טרוקענעם טאַבאַק פון די ליפּען און פון צונג און ווידער בעמערקט:

— זעהר ניט געזונט. א קוימען ווערט פערדעקט מיט סאַזשע

און אַ מענש וואָס רויכערט, ווערט איהם אויך פערדעקט אינוועניג מיט אַ מין סאַזשע.

ער האָט מיט'ן פינגער געוויזען אויפ'ן גאָרגעל און אַרונטער און ווייטער געזאָגט:

— אַ רויך פון האַלץ לאָזט אַרויס אַ שוואַרצען סם און אַ רויך פון טאַבאַק לאָזט אַרויס אַ געלען סם און אינוועניג איז איין געלע פּליאַמע.

מיר האָבען געקוקט אויפ'ן רבי'ן פערפּאַראינטערעסירט און פערוואונדערט. אונז האָט ניט גע'חדוש'ט, וואָס דער רבי רעדט אַזוי וועגען רויכערען מיט אַ פּאַפּיראָס אין מויל: מיר זיינען שוין געווען גמרא אינגלאַך און מיר האָבען געוואוסט, אַז דרש'ענען איז איין זאַך און מקיים זיין אין אַ צווייטע זאַך, און דאָס איז געווען גאַנץ פערשטענדליך. אונז האָט דער ענין גופא אינטערעסירט, ווייל כמעט אַלע תלמידים האָבען גערויכערט.

און אונזער אינטערעס איז נאָך גרעסער געוואָרען ווען אונזער רבי אברהם שלמה דער חקרן האָט זיך ווידער אָנגערופען:

— עס קען אויסווייזען קשה, פאַר וואָס עפּעס איז דער סם פון האַלץ שוואַרץ און פון טאַבאַק געל — נאָר דאָס איז די טבע אַזאַ, און איהר קענט עס אַליין זעהן.

ער האָט אָנגענומען דעם ברעג אַרבעל פון זיין העמד, צוגעטראָגען איהם צום מויל און דורכגעלאָזט דורך איהם אַ מויל רויך.

מיר אַלע האָבען זיך אויפגעהויבען פון די פּלעצער, איבערגעבויגען זיך איבערן טיש און אַלע אונזערע קעפּלאַך האָבען אַרומגערינגעלט דעם רבי'ס אַרבעל און מיט בליסטשענדיגע אויגלאַך צוגעקוקט זיך, וואָס דערפון וועט אַרויסקומען.

און טאַקי באַלד האָבען מיר דערזעהן אויפ'ן אָרט, דורך וועלכען דער רויך איז דורכגעגאַנגען, אַ געלע פּליאַמע.

עס איז געווען מורא'דיג און אינטערעסאַנט. מיר זיינען געבליבען אַלע אַווילע אָהן לשון. די קעפּלאַך אונזערע נאָך אַלץ צוזאַמענגעקוועטשט און די אויגען איינגעגעסען אין דעם רבי'ס אַרבעל, פון וואַנען די געלע פּליאַמע האָט ממש געשריען צו אונז:

— איהר זעהט? אזוי איז ביי איך אינעוועניג פון האַלז ארונטער.

און ווען מיר האָבען זיך שוין צוריק צוזעצט אויף אונזערע ערטער און דער שיעור האָט זיך אַנגעהויבען און מיר האָבען זיך ווייטער געשאָקעלט איבער דער גמרא, האָט אונזער געדאנק אוועקגעבלאָנדזשעט פון דעם לערנען און אונזערע אויגען האָבען געזוכט די געלע פּליאמע אויפ׳ן רבי׳ס ארבעל.

מעהר פון אַלעמען האָט זיך מיט די אויגען איינגעגעסען אין דער געלער פּליאמע יאנקעל בערעל. ער איז גראד געווען איינער פון די פּאָר תלמידים, וואָס האָבען דוקא ניט געררויכערט. עס קען זיין, אז לכתחילה האָט דעם אינטערעס ביי איהם ארויסגערופען דער קאָליר, וואָס איז איהם געווען אזוי בעקאַנט און וואָס האָט איהם אזוי פיעל עגמת נפש פערשאפט, ווייל צוליעב זיינע רויטגעלע האָר פלעגען מיר איהם רופען „געלער רמאי“ ווען מיר פלעגען אויף איהם אין כעס ווערען. נאָר אפשר איז שוין דעמאָלט ביי איהם אין קעפּעל געבוירען געוואָרען דער גרויסער געדאנק מיט וועלכען מיר האָבען זיך שפּעטער בעקענט.

נאָך דער דאָזיגער דעמאָנסטראַציע זיינען עטליכע וואָכען נאכאנאנד געווען די ארבעל פון אונזערע העמדער בעדעקט מיט געלע פּליאמעס. מיר האָבען ניט דורכגעלאָזט אַ געלעגענהייט צו ווייזען חברים די שעדליכקייט פון רויכענען און בעשיינפערליך געוויזען אויף אונזערע ארבעל פון העמד, און דאָס האָט שטענדיג ארויסגערופען אַ פערוואונדערונג ביי די, וואָס האָבען זיך דערצו צוגעקוקט.

איינפארנאכט ווען מיר האָבען זיך אַלע געלאָזט געהן אין די פריסאדעס שפּאַצירען האָט מיך יאנקעל בערעל פערהאַלטען מיט אַ פיעל בעדייטענדער מינע, כדי מיר זאָלען אָפּשטעהן פון די אנדערע חברים און שטיל געפרעגט:

— האָסטו געזעהן די פּליאמע?

— וועלכע?

— אויפ׳ן ארבעל.

איך האָב אויף איהם אַ קוק געטהאָן מיט פעראכטונג. איך

אליין האָב שוין אזוי פיעל בעוויזען, ווי אזוי די פליאמעס ווערען. און ער פרעגט מיך צו איך האָב געזעהן. נאָר ער איז ניט געפאלען ביי זיך פון דעם קוק און געפרעגט:

— נו?
— וואָס נו?
— פאר וואָס רויכערסטו?
— וואָס הייסט?
— איך קען דיך אָבגעוואוינען פון רויכערען.
— דו?
— יאָ, איך האָב אַ תרופה.

דער אמת איז געווען, אז ווי די פליאמע האָט ניט אויסגעזעהן מורא'דיג אויפ'ן ארבעל, האָב איך אפילו אין זינען ניט געהאט אוועקצוואַרפען רויכערען. דאָס רויכערען האָט פאר מיר געהאט גאָר אַן אנדער בעדייטונג, ווי פאר עלטערע מענשען. דאָס איז געווען עפּעס אַ מין פּאָוועסטקע צו די עלטערע, אז מיר זיינען שוין מעהר ניט קיין קינדער, דאָס איז געווען אַ מין שטומע ערקלערונג צו די סטאלנע, אז מיר שטעהען שוין אויף אונזערע אייגענע פיס. אַ חוץ דעם איז געווען עפּעס מעשה כוואַט צו פערציהען דעם רויך טיעף אינוועניג אָדער ארויסלאָזען אַ געדיכטען וואָלקען דורכ'ן נאָז. נאָר אַ תרופה געגען רויכערען איז שוין עפּעס אנדערש און איך האָב געפרעגט:

— וואָס איז די תרופה?
— פריהער זאָג, וואָס וועסטו מיר געבען, אז איך וועל דיך אָפּגעוואוינען דערפון?
— וואָס זאָל איך דיר געבען?
— אַ חודש צייט זאָלסטו מיר קויפען לאנדרינס פאר'ן געלט, וואָס דו גיסט אויס אויף פּאַפּיראָסען. נאָר פריהער דארפסטו מיר געבען אַ האַנט, אז דו וועסט קיינעם ניט אויסזאָגען.
— פאר וואָס?
— חכם! אז איך וועל דיר זאָגען וואָס דאָס איז, וועסטו דאָך קענען אליין אָפּמאַכען מיט די אנדערע חברים, און וואָס וועל איך דערפון האָבען?

דאָס איז געווען זעהר מאַטעריאַליסטיש און גאָר ניט אין דעם גייסט, ווי אונזערע חקירות זיינען געמאַכט געוואָרען. נאָר דער געדאַנק, אַז דער געלער רמאי האָט עפּעס אַליין פון זיין אייגענעם קאָפּ אויסגעפונען אַ מיטעל, ווי אַזוי אַפּצוגעוואוינען מענשען פון רויכענען און ער קען זיין בעזאָרגט ווער ווייסט ווי לאַנג מיט לאַנדרינס צוקערקעס, האָט ביי מיר אַרויסגערופען אַ גרויסע נייגיערדע, און אַריינפאַלענדיג אין זיין טאָן, האָב איך געפרעגט שטיל:

— נו?

— איז אַפּגעמאַכט?

— אַפּגעמאַכט.

— אַ חודש לאַנדרינס?

— אַ חודש לאַנדרינס, אויב —

— אויב וואָס?

— אויב איך וועל זיך אַפּגעוואוינען.

יאַנקעל בערעל האָט אַ קוק געטהאָן אויף די חברים, וואָס זיינען געגאַנגען פאַר אונז און וואָס האָבען אפילו ניט גע'חלום'ט וועגען דעם נייעם פּאַטענט, וואָס זייערער אַ חבר האָט אויסגעפונען, אַ חבר, וועלכער האָט זיך קיין מאָל מיט קיין זאַך ניט אויסגעצייכענט, דערנאָך האָט ער אַ קוק געטהאָן הינטער זיך צו זעהן, אויב קיינער געהט אונז ניט נאָך און געפרעגט:

— פיעל פּאַפּיראָסען אַ טאָג רויכערסטו?

— איך ווייס ניט.

— אַן ערך?

— צעהן.

— גוט. די נפקא מינה פון צעהן ביז ניין איז אַ חוזק, ניט אמת? דו קענסט אויסקומען מיט ניין פּאַפּיראָסען ניט ערגער ווי מיט צעהן, ניט אמת? ווייל איין פּאַפּיראָס אַ טאָג איז אַ חוזק.

ער האָט מיר געקוקט אין די אויגען, ווי וועלענדיג בעסער לייענען דעם ענטפער דאָרטען ווי אין מיינע ליפּען.

— זאָל זיין אַזוי.

— געדענק זשע, רויכערסטו מאָרגען ניט צעהן נאָר ניין פּאַ-

פּידאַסען און זעה אַז דו זאָלסט מעהר ניט רויכערען. איבערמאָרגען וועסטו רויכערען ניט מעהר ווי אַכט אַ טאָג, און נאָך איבערמאָרגען — ניט מעהר ווי זיבען, און נאָך איבערמאָרגען — ניט מעהר ווי זעקס און אין צעהן טעג ביזטו פאַרטיג, בלייבט דיר ניט צו רויכערען אפילו קיין איין פּאַפּיראָס.

— איז דאָס די תרופה? — האָב איך געפרעגט און האָב דערביי פעררויכערט אַ פּאַפּיראָס.

מיר האָבען זיך איצט געלאָזט געהן גיכער, כדי אַנצוזאָגען די איבעריגע חברים, און יאַנקעל בערעל האָט געקוקט אויפ'ן רויך, וואָס האָט זיך געצויגען פון מיין פּאַפּיראָס, געקוקט און אפשר געזעהן ווי די איינציגע אויסצייכנונג וואָס ער האָט געזאָלט האָבען ווערט צושוואומען ווי דער רויך.

נעבאַך, ער האָט קיין לאַנדרינס ניט געקריגען.

דער קלאַסניק.

לאַזער איז מיין חבר געווען, ביז איך בין אַנגעקומען צו אברהם שלמה דעם חקרן. מיר זיינען אין איין חדר געגאנגען ביי מיין פריהערדיגען מלמד, און א חוץ דעם זיינען מיר געווען שכנים און אונזערע קינדערשע יאָהרען פערבראכט צוזאמען. מיר האַבען צוזאַמען „איינע זיינע“ און „שלי שלך“ און „הילקע דרילקע“ געשפיעלט, גאַנצע זומערדיגע אבענדען אויף איין פריזבע געזעסען און דערצעהלט אדער געהערט מעשיות וועגען „לודאַיעדען“ מיט איין אויג אויפ'ן שטערען אַדער וועגען די גרויסע גבורות פון משה ג"ח, געהאַלפען איינער דעם צווייטען שבועות צאצקעס אויסקלייבען, אאיר אַנקלייבען, אויף תשעה באב שווערדלאך מאַכען און אויפ'ן בית עולם דזשיטשקע בערנעם רייסען. נאַר איידער איך בין אריין צו אברהם שלמה דעם חקרן אין חדר איז ער אין „קלאַס“ אַנגעקומען, און אונזער חבר'שאַפט איז אַפּגעקיהלט געוואַרען. ער האַט נייע חברים געפונען, קלאסניקעס ווי ער, און איך האַב געהאט מיינע נייע חברים.

עס פערשטעהט זיך, אז איך האַב מבטל געווען איהם און זיין געהן אין קלאַס. אונזער השגה וועגען קלאַס איז געווען, אז מען שטעלט די קלאַסניקעס אויף די קניע און מען זאַגט מיט זיי פּאַטשערעס. איידער מיר זיינען גמרא איינגלאך געוואַרען בין איך מיט דעם זעלביגען לאַזער'ען נאַכגעלאַפען די שילער ווען זיי זיינען פון שקאַלע געגאנגען און נאַכגעשריען זיי:

גוי, גוי,
לאַרענוי!

נאָר איצט אונטער דער השפעת פון מיין רבי׳ן אברהם שלמה דעם חקרן האָב איך זיך אויפגעהויבן העכער דערפון און האָב נאָר געקענט מבטל זיין מיין חבר לאָזער׳ען.

האָב איך איהם מבטל געווען בתכלית הביטול און אין דער זעלביגער צייט, איך ווייס אליין ניט ווי אזוי, האָב איך אָנגעהויבען צו פיהלען צו איהם א קנאה. איך געדענק ווי איינטאָג האָט ער זיך בעוויזען מיט קורץ אָבגעשאָרענע האָר און אָהן א סימן פון פאות. ווען מיין מאַמע האָט איהם דערזעהן דורכ׳ן פענסטער האָט זי טרויעריג א שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ און ארויסגעזאָגט מיט א זיפץ:

— מען נעהמט בידים און מען מאַכט א קינד פאר אן אכוואַטניק.

און זי האָט מיט מעהר ליעבע ווי געווענליך א קוק געטהאָן אויף מיינע פאה׳קעלאך. ער האָט אויך אין מיינע אויגען אויסגעוויזען, ווי פון איהם איז אראָפּגענומען געוואָרען דער צלם אלקים. נאָר אין עטליכע טעג ארום האָב איך אָנגעהויבען צו פיהלען מיינע פאות, א זאַך וואָס האָט מיט מיר ביז איצט קיין מאָל ניט געטראָפען.

דאָס זעלביגע איז געווען ווען ער האָט זיך בעוויזען אין א היטעלע מיט א יונ׳ישען ברילעק. אדער ווען זיינע נייע חברים פלעגען קומען צו איהם און פאר׳ן שטוב זיינען זיי געשטאַנען און געהאַקט רוסיש. דאָס אליץ איז געווען עפּעס מעשה שקצים און עס איז ניט געווען וואָס מקנא צו זיין, אָבער אין דער זעלביגער צייט האָט דאָס געשאַפען ארום מיין פריהערדיגען חבר עפּעס אן אטמאָספער פון געוואַגטקייט, העלדישקייט און הפקרות. איך האָב געוואוסט, אז דאָס איז דער רייץ פון טומאה, נאָר א רייץ האָט עס געהאַט.

עס קען זיין, אז דאָס איז געווען נאָך אן איבעריגע אורזאַך, פאר וואָס איך האָב זיך מיט מעהר חשק גענומען צו אמת׳ע חקירה. אויף דער רעקאָמענדאציע פון מיין רבי׳ן אברהם שלמה דעם חקרן האָב איך זיך איינגעשאַפט דעם ספר הברית און יעדע לעדיגע מינוט צייט האָב איך אָפּגעגעבען דעם דאָזיגען ספר. איך

האָב ממש געשלונגען יעדען וואָרט און האָב זיך ניט אזוי געפרעהט מיט די נייע ידיעות, וואָס איך זאַמעל אָן, ווי דערמיט וואָס איך וועל קענען ווייזען מיין נאַרישען פריהערדיגען חבר דעם קלאסניק, אז אַפילו אין שיחת חולין, וואָס איז די גאנצע תורה פון דער שקאָלע, וועל איך איהם אויסטרייסלען פון אַרבעל.

נאָר דערצו האָט זיך געפאָדערט אַזאַ ענין, וואָס זאָל אין שקאָלע אויסגעטייטשט ווערען אַנדערש ווי ביי אונז. איך האָב זיך אָנגעשטויסען אויף קופערניקוס' שיטה און איך בין געוואָר געוואָרען, אז אין די שקאָלעס לערנט מען, אז די ערד דרעהט זיך.

עס פערשטעהט זיך, אז דער מחבר פון דעם ספר הברית האָט אוועקגעמאַכט מיט דער האַנט קופערניקוס מיט זיין שיטה. ער האָט דערוויזען מיט אַלע וויסענשאַפטליכע ראיות, אז די שיטה איז אַ פאַלשע. די וויסענשאַפטליכע ראיות הגם זיי זיינען געווען זעהר קלאָר און איבערצייגענד, זיינען פאַר מיר געווען אַ גליטשיגער באָדען, נאָר איין ראיה איז געווען אַזאַ, וואָס אַפילו אַ קינדערשער מוח האָט געקענט גוט בעגרייפען. איך האָב עטליכע מאָל דורכגעלייענט דעם ענין און האָב ניט נאָר אַראָפגעשלונגען דעם גאַנצען וכוח, נאָר טאַקע גוט צוקייעט איהם און ווען איך בין דערמיט פאַרטיג געוואָרען, האָב איך גענומען וואַרטען מיט גרויס אונגעדולד אויף מיין פריהערדיגען חבר דעם קלאַסניק און געזוכט די געלעגענהייט צו פערציהען מיט איהם אַ וכוח. אַה, ווי איך האָב געגאַרט אָפצורעכענען זיך מיט די אונטערגעהאַקטע פאות און יוני'שע היטעלע! איך האָב זיך שוין בעצייטענס געפרעהט, פאַרשטעלענדיג זיך, ווי איך נעהם איהם אַרויף אויפ'ן ביינקעל און ער בלייבט ליגען הילפלאָז און פערשעהמט.

ס'איז געווען אַ שבת נאָכ'ן טשאָלענט ווען איך האָב בעמערקט דורכ'ן פענסטער, ווי מיין פריהערדיגער חבר לאַזער איז אַרויס פון שטוב און געלאָזט זיך געהן צום ראָג געסעל, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אויפ'ן מאַרק. עס איז געווען אַ הייסער זומערדיגער טאָג, די זון איז געשטאַנען סאַמע איבער'ן קאָפ, און דער ברייטע־מאַרק איז געווען פערפלייצט מיט אַזאַ העלקייט, אז מען האָט די אויגען געדאַרפט האַלב פערמאַכען. דאָ און דאָרט אין אַ ראָג

געסל איז געשטאַנען אַ בחור אָדער יונגערמאַן אָהן אַ רעקל און געקוקט סתם אין מאַרק אַריין. פון ערגעץ האָבען זיך בעוויזען אַ כאַליאַסטרע מזיקים און זיי האָבען זיך מיט פוילע טריט געלאָזט געהן צום פּלומפּ, וואָס איז געשטאַנען אין מיטען מאַרק. איינער האָט זיך געשטעלט פּאַמפּען און איינציגווייז איז יעדער צוגעגאַנגען, האָט אַרונטערגעבויגען דעם קאָפּ און אונטערגעשטעלט דאָס מויל. דער איינער ביי דער פּאַמפּע האָט אָנהויב געלאָזט דאָס וואַסער געהן פּאַמעלאַך נאָר אַזוי גיך ווי ער האָט בעמערקט, אַז דער טרינקער איז שוין באַלד פאַרטיג האָט ער מיט כח אַרונטערגעקוועטשט דאָס הענטעל, און דאָס וואַסער האָט אַ פּליוכע געטהאָן און פאַרגאָסען דעם טרינקער פון קאָפּ ביז די פיס.

נאָר דער אמת'ער שפּאַס האָט זיך אָנגעהויבען, ווען דער איינער ביי דער פּאַמפּע האָט זיך געדאַרפט שטעלען טרינקען. ער איז אַריין אין נצחון צו ווייזען, אַז איהם וועט מען ניט אָפּפּליוכען. ער האָט דערביי אָנגעווענדעט אַלע אַקראָבאַטישע שטיק, נאָר דאָס האָט איהם ניט געהאָלפען. ער איז דורכגעווייקט געוואָרען נאָך איידער ער האָט אַ שלוק געכאַפּט, און נאָך אַ לאַנגען שפּריצען, פּליוכען און גיסען און ראַנגלען זיך, האָט זיך די גאַנצע כאַליאַסטרע אוועקגעלאָזט דורכגענעצטע נאָר גליקליכע צו זוכען עפּעס אַ נייעם אָרט, וואו אַרויסצואווייזען שקאַצעריי.

איך בין אָהן שום הקדמות גלייך צוגעטראָטען צו מיין פריהערדיגען חבר לאַזער. און זיך אָנגערופען:

— אַזוי, לערנט מען ביי אייך, אַז די ערד דרעהט זיך?

ער האָט מיך אָנגעקוקט פערוואונדערט. נאָך דער סצענע מיט דער כאַליאַסטרע מזיקים, איז די פראַגע געקומען גאָר אונערוואַרטעט. ער האָט אַ וויילע געטראַכט און געענטפערט ערנסט, גאָר ניט מיט קיין קול פון אַ אינגעל.

— יאָ, די ערד דרעהט זיך.

ער האָט זיך ניט סומך געווען אויף זיין שקאָלע. דאָס איז געווען צו וועניג פאַר איהם. ער האָט די גאַנצע אחריות גענומען אויף זיך אַליין און זיין ערנסטער ענטפער האָט מיר געדאַרפט

ווייזען אז מיט זיין הסכמה דאַרף שוין ביי מיר מעהר קיין ספק ניט בלייבען.

איך האָב איצט אויסגעשאָטען פאַר איהם אַלע ראיות, אז די דאָזיגע שיטה איז אַ פאַלשע. אָנפאַנגס האָט ער זיך צוגעהערט מיט אַן אָפענעם איראָנישען אויסדרוק אויפ'ן גאַנצען פּנים, ווי ער וואָלט וועלען מיר זאָגען, וואָס אַ שטייגער ווייס אַזוינער וואָס געהט ניט אין קיין שקאָלע פון אַזעלכע זאַכען? נאָר ווען איך האָב דערמאָנט קופּערניקוס, איז די איראָנישע מינע פערשוואונדען און ער האָט געפרעגט:

— ווער איז קופּערניקוס?

— ס'טייטש דו ווייסט ניט, ווער קופּערניקוס איז? וואָס הייסט, ווער איז קופּערניקוס? קופּערניקוס איז —

דאָ האָב איך שוין בעשיינפערליך געזעהן, אז איך בין אופן פערד. וואָס קען זיין נאָך נאַרעשער, ווען איינער רעדט וועגען אַ שיטה און ווייס אפילו ניט, ווער איז דער טאַטע פון דער שיטה. איך האָב קלאָר געזעהן, ווי ער האָט זיך פערלאָרען, איהם איז די מעשה גאָר ניט אָנגעשטאַנען. און איצט האָב איך זיך געאיילט צו ברענגען די שטאַרקסטע ראיה, פאַר וואָס די שיטה איז אַ פאַלשע, און מיטן אמת'ן גמרא נגון, און מיט אַ דרעה פון דעם גראָבען פינגער האָב איך אויסגעזונגען:

— ווען עס זאָל אמת זיין, וואָס קופּערניקוס זאָגט, אז וואָס? אז די זון שטעהט אויף אַן אָרט און די ערד דרעהט זיך — וואָלט דאָך געדאַרפט אויסקומען, אז אַ האַלב יאָהר זאָלען מיר זיין אונטען און אַ האַלב יאָהר אויפ'ן הימעל.

איך בין שוין געווען בעגאָסען מיט שוויים ניט נור פון דער היץ פון דער זון, נאָר אויך פון דער היץ פון דעם וכוח. און איך האָב גענומען ווישען דעם שוויים כמעט מיט נצחון. איך בין געווען זיכער, אז איצט וועט שוין זיין מויל פערשלאָסען ווערען.

אָבער גראָד אין דער מינוט האָט ער זיך צולאַכט און געזאָגט:

— וואָס פאַר אַ הימעל, וואו הימעל! עס איז אַלץ בלוי וואָס מען זעהט. —

אויסגעשלאָפענע אידען האָבען שוין אָנגעהויבען צו ציהען איבערן מאַרק צום בית המדרש לערנען עין יעקב אדער זאָגען

תהלים. פון די הייזער האָט זיך שוין דערהערט, ווי די ווייבער האָבן גענומען לייענען פרק. אַלץ איז געווען אזוי הארמאָניש. נאָר איין קלאסניק האָט זיך אריינגעכאַפּט צו אונז אין געסעל און האָט די גאַנצע הארמאָניע איבערגעפיהרט.

איך און דער קלאסניק זיינען זיך צוגאַנגען און אונזער פריינדשאַפט איז נאָך מעהר אָפּגעקיהלט געוואָרען און איצט האָב איך שוין אַפילו מעהר איהם ניט מקנא געווען.

פון חדר.

(סקיצע)

א גוטע פערטעל שעה פאר ניין אין אבענד האָבען מיר שוין אָנגעהויבען צו וואַרפען פער׳גנב׳עטע בליקען אויפ׳ן וואָנט זייגער, וועלכער האָט געהאַט דריי ווייזערס, איינעם פאָר מינוטען, דעם צווייטען פאָר שטונדען און דעם דריטען פאָר׳ן דאַטום. אין דער דאָזיגער פערטעל שעה האָבען מיר ניט געוואוסט, וועלכער ווייזער עס ריהרט זיך לאַנגזאַמער. עס האָט אויסגעזעהן, אַזוי ווי זיי האָבען אַלע אַ פערשווערונג געמאַכט ניט צו ריהרען זיך פון אָרט. אין די דאָזיגע מינוטען האָט זיך דער למוד אין חדר גאָר ניט געקלעפּט און איז ממש אין קאָפּ ניט געקראָכען. עס האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער ארויסרייסען זיך אין דרויסען און אהיים, וואו מען האָט קיין מאָל ניט געקענט וויסען, וואָס פאַר א סורפּריז וואַרט אויף דיר. דער טאַטע האָט ערגעץ געקענט געהן אויף א קהל׳שע סעודה און ברענגען אהיים אַ „פערטעלע“, דאָס הייסט אַ געבראָטענע פּאָלקע גאַנז. און אויב עפּעס האָט געקענט דערמאָנען דעם טעם פון א גן עדן איז דאָס געווען דאָס הייטעל פון דער גאַנז. ווינטער איז אויך געווען די צייט פון פּרעגלען גענזענע שמאַלץ און פון דעם דאָזיגען פּרעגלען נעהמען זיך גריבענעס, וועלכע קענען כמעט קאָנקורירען אין טעם מיט דעם דערמאָנטען הייטעל. ווינטער קען מען גאָר אונערוואַרטעט טרעפען אין דערהיים א קליינעם עולם ביי א קערטעל, מיט א גראָשען א סטאַווקע און מיט א פערבייסען נאָכ׳ן שפּיעלען. מאָלע וואָס עס קען פּאַסירען ווינטער אין אבענד. און די מינוטען צווישען א פערטעל צו ניין ביז ניין האָבען זיך געצויגען ווי פון פּעך.

און דער רבי אַברהם שלמה איז געווען אַ פינקטליכער. אַזוי גיך ווי דער וואַנט זייגער האָט אַנגעהויבען צו שלאָגען ניין, האָט ער אַרויסגענומען זיין זילבערנעם זייגערל און איבערצייגט זיך צו עס פעהלט ניט אַ מינוט צייט. און ווען ער האָט פערמאַכט זיין ספר איז דאָס געווען אַ סיגנאַל פאַר אונז, אַז מיר מעגען זיך שוין אויפהויבען.

הגם אַלע האָבען זיך אַ וואָרף געטהאָן צו זייערע מאַנטעלאַך און פוטערלאַך מיט אַזאַ האַסטיגקייט, אַזוי ווי עס וואָלט געברענט אונטער זייערע פיס, האָט מען זיך איצט ניט געשפּאַרט גלייך צו דער טהיר ווי זומער־צייט, נאָר ווער עס האָט געהאַט אַ לאַנטערנע האָט גענומען רייבען שוועבעלאַך און צינדען דאָס ליכטעל.

די גאַנצע סטאַטעטשנעקייט, ווי עס פאַסט פאַר קינדער וואָס האָבען שוין גמרא אַנגעהויבען צו לערנען, איז איצט פערשוואונדען און אַלע מיט אַמאָל שטופענדיג איינער דעם צווייטען האָבען זיך אַ וואָרף געטהאָן צו די פוטערלאַך, פערוואָרפען איבער'ן האַלז די בלוטשקענע שאַלקעס און אַרויסגעלאָפען אין דרויסען נאָך איידער די צווייטע האַנט איז געווען אין אַרבעל. ווער האָט איצט צייט אויף אַזעלכע זאַכען, ווען צוועלף שעה איז מען אָפגעזעסען אין אַן ענגען צימער און מען האָט רעכט אַפילו ניט געקענט אויסציהען די גליעדער. און די גאַנצע צייט רווישט דאָס יונגע בלוט און די איינגעשפאַרטע ענערגיע רייסט זיך עפעס צו טהאָן.

דער חדר איז אַזש לעבען די גערטנער, און דער וועג אַהיים איז אַ גאַנץ היפשער, און די קולקעס פליהען פון איינעם צום צווייטען בעגלייט מיט פרעהליכע אויסגעשרייען. וועלכע לאָזען וויסען אין די אָרימע שטיבלאַך אין די פערוואָרפענע געסלאַך, אַז דער זייגער איז שוין ניין.

דער וועג ביז'ן מאַרק איז אַ פרעהליכער, נאָר דאָ שיידען זיך די וועגען פערנאַנדער און יעדער דאַרף אַליין געהן צו זיין געסעל.

דער מאַרק איז איצט פערלאָזט און מען זעהט ניט קיין לעבעדיגען נפש. די קראָמען זיינען נאָך אָפען, נאָר זיי זעהען אויס ווי אויסגעשטאָרבען, און עס שמילקעט דאָרטען אַ קליין אומעדיג לעמפעל, און עפעס ווי אַ שאָטען זיצט ביים אַריינגאַנג. אַזוי איינ־

גענורעט, אַז דו ווייסט ניט, צו דאָס איז אַ לעבעדיגע קרעמערקע צו איהר גייסט.

עפּעס אַן אונבעקאַנטער אומעט הויבט אָן צו צוטרעטען צום האַרצען און צוזאַמען מיט איהם גנב'עט זיך אַריין אַ מורא אין דער נשמה. די פּערגליווערטקייט, מיט וועלכער די לופט איז אָנגעפילט, און די ווייסע גאַס און די ווייסע דעכער ברענגען אַרויף אונהיימישע געדאַנקען, און עס דאַכט דיר, אַז דו ביזט אַריינגעפאַלען אין אַן אויסגעשטאָרבענע וועלט און דו ווייסט אַליין ניט וואָס צו ערוואַרטען אויף יעדען נייען שריט.

און פּלוצים ווערסטו דורכגעדרונגען מיט אַן איינדרוק, אַז עס איז גאָר ניט אַזוי פּוסט און פערלאָזט ווי דיר ווייזט אויס. און דער דאָזיגער איינדרוק וואַקסט אַלץ גרעסער, וואָס נעהענטער דו קומסט צו אַ געסעל. דער מאַרק איז ברייט, און, ווען ניט ווען, וועט דאָך עמיצער דורכלויפען און ברענגען אַ גערוס פון דער לעבעדיגער וועלט. די שיינקען זיינען בעלויכטען און פון דאָרטען הערען זיך לעבעדיגע שטימען. און ליתר בטחון געהסטו איבער'ן סאַמע מיטען פון מאַרק און פון ביידע זייטען קענסטו זעהען, וואָס עס טהוט זיך פאַר דיר.

אַנדערש איז אָבער אין אַ געסעל, פון ביידע זייטען קוקען אויף דיר שוואַרצע לעכער, און דו ווייסט ניט, ווער דאָרטען איז פערשטעקט. אָט וועט אַרויסשפּרינגען דער „חברה־מאַן“ אַרומגעגאַרטעלט מיט זיין אייגענער רויטער צונג און פערשטעלען דיר דעם וועג. ווי ווייט אונז איז געווען בעקאַנט, האָט ער קיינעם קיין שלעכטס ניט געטהאָן, ער טרייבט נאָר זיין נאַרישען שפּאַס. נאָר די בעגעגענים מיט איהם אַליין איז שוין גענוג. אָדער עס וועט זיך ווייזען זיינער אַ חבר, און ער וועט דיר אַ בלענדענים אַרויפוואַרפען אויף די אויגען, און ווען דו ביזט זיכער, אַז דו געהסט אַהיים און קענסט מיט'ן פינגער אָנווייזען אויף די גוט בעקאַנטע הייזער פון דיינע שכנים, פיהרט ער גאָר דיך ווייט, ווייט הינטער די גערטנער, און דו ווייסט נאָכדעם ניט, וואו דו ביזט אין דער וועלט.

און פּלוצים דערמאָנסטו זיך, אַז דו האָסט דעם יתום אייזיקל

אריינגעוואָרפען אין שניי און געקייקעלט איהם דאָרטען און ער איז נאָכדעם וויינענדיג אוועקגעלאָפען צו זיין מאַמען. און וואָס וועט זיין טאַטע פון דעם עולם האמת זאָגען דערויף? עס איז אמת, דאָס איז געווען אַלץ אין שטיפעריי, נאָר זיין טאַטע איז געווען אַ קראַנקער און אַ בייזער און ווער ווייסט, צו ער לויערט דאָ ערגעץ ניט אויף דיר.

דו פיהלסט, ווי איבער'ן רוקען געהט דיר איבער אַ קעלט. דו געהסט גלייך, אויסגעצויגען ווי אַ סטרונע און האָסט מורא אַ קעהר צו טהאָן דעם קאָפּ אין דער אדער אין יענער זייט. דו וואָלסט איצט גערן אַ לאָף געטהאָן, נאָר דו ווייסט דיין אונבעהאָלפענקייט, אַז פון זיי קענסטו ניט אנטלויפען. דו האָסט מורא, אַז מיט'ן לויפען זאָלסטו נאָך מאַכען ערגער. און דער אָטהעם פעהלט דיר פון דעם מינדעסטען שאָרך.

אַ קאַץ לויפט דורך און דער גרינער שיין פון איהרע אויגען שטעלט אָפּ אויף עטליכע סעקונדען דאָס קלאַפּען פון הארצען.

אין דעם ענגען געסעל, מיט די פינסטערע לעכער וואָס קוקען אויף דיר פון ביידע זייטען, מיט דער גאַנצער פּאַנאָראַמאַ פון שדים, מתים, רוחות, לצים פאַר די אויגען, קענסטו ניט זיין זיכער, צו די קאַץ איז טאַקע אַ קאַץ און צו עס האָט פון די אויגען פון אַן אמת'ער קאַץ אָפּגעשלאָגען אזא גרינער שיין. דו ציהסט אָפּ גרינגער דעם אָטהעם ווען דו זעהסט, ווי די קאַץ האָט חרטה געקריגען און. אנשטאָט צו לויפען אנטקעגען דיר, האָט זי זיך פערקערעוועט און פערנומען זיך אין דער זייט געגענאיבער.

און אָט זעהסטו די טהיר פון אייער הויז און פערמאַכסט איהר מיט אַ גרויסען אימפּעט.

פון אַ וועלט פון שאָטענס צוריק אריין אין אַ לעבעדיגער וועלט.

די לאַנטערנע.

באַלד נאָך סכות ווי מיר האָבען אָנגעהויבען צו לערנען אין חדר ביינאַכט, האָט זיך אָנגעהויבען אַ סדרה פון לאַנטערנעם.

ביי אונז אין שטעדטעל איז ניט איינגעפיהרט געווען דער מנהג צו בעלייכטען די גאַסען, הגם מיר האָבען געוואוסט, אַז אין די גרויסע שטעדט ברענען לאַנטערנעם אַ גאַנצע נאַכט אין די גאַסען. דאָס האָט אונז דערצעהלט יאנקעלע זיסעל דעם בעל־העגלה'ס, און ער האָט געדאַרפט וויסען... זיין טאַטע פלעגט יעדע וואָך פאָהרען קיין ווילנא און דערין האָט קיין שום ספק ניט געקענט זיין. יאנקעלע פלעגט אָפט ברענגען אין חדר אַ שטיקעל האַלב זיידענעם ברויט און אַזאַ ברויט האָט מען ניט אין אונזער שטעדטעל און ניט אין די אַרומיגע שטעדטלאַך קיין מאָל ניט געזעהן.

און אַז די גאַסען זיינען ביי אונז ניט געווען בעלויכטען, האָבען מיר געזוכט צו בעזאָרגען זיך מיט לאַנטערנעם פאַר די פינסטערע נעכט. עס איז אמת, אַז ווי פינסטער אַ נאַכט איז ניט געווען און ווי פערוואָרפען אונזער חדר איז ניט געווען, וואָלטען מיר חס ושלום ניט פערבלאָנזשעט. יעדער פון אונז האָט, דאַכט זיך, מיט פערבונדענע אויגען געקענט טרעפען פון חדר צו זיך אַהיים. בפרט אַז ניין אַ זייגער, די צייט וואָס מיר האָבען געדאַרפט געהן פון חדר, איז מען נאָך אין אונזער שטעדטעל ניט געשלאָפען און אפילו דורך די פערמאַכטע לאָדענס האָט זיך אַרויסגעריסען אַ שוואַכער שיין. נאָר ערשטענס האָבען זיך באַלד נאָך סכות אָנגעהויבען די גרויסע בלאָטעס און מען האָט געדאַרפט מעסטען יעדען טריט און צווייטענס, איז די לאַנטערנע ניט געווען אַזוי פאַר בעלייכטען ווי פאַר שמירה... עס איז ניט געזונט אָנצושטויסען זיך אין דער

פינסטער אויף א ניט־גוטען און ער זאל מיט דיר טרייבען שפאס. און א לאנטערנע איז אזוי גוט ווי א שומר ביי דער זייט.

אזוי גיך ווי די ערשטע בעקאנטשאפט איז צווישען אונז חדר־אינגלאך געשלאסען געווארען, איז גלייך געווארען א רייד וועגען לאנטערנעס.

— האסטו א לאנטערנע?

— וואס פאר א לאנטערנע?

לאנטערנעס זיינען געווען פערשיעדענע, עס זיינען געווען פאפירענע, עס זיינען געווען ווייסע בלעכענע, עס זיינען געווען גרויסע לאנטערנעס און עס זיינען געווען קליינע. און די לאנטערנע האט געדארפט ווייזען דעם יחוס און צושטאנד פון יעדען אינגעל בעזונדער.

א פאפירענע לאנטערנע איז געווען א קבצנ׳ישע. א גרויסע בלעכענע לאנטערנע האט געוויזען, אז זי געהערט צום טאטען און איז דאריבער ניט געווען קיין געגענשטאנד מיט וועלכען א אינגעל זאל זיך קענען איבערנעהמען. א יחוס איז געווען א קליינע בלעכענע לאנטערנע, וואס האט בעשיינפערליך געוויזען, אז זי איז געקויפט געווארען פאר דעם חדר אינגעל.

איך האב קיין לאנטערנע ניט געהאט און איך האב דערפיהלט ווי איך פערליער מיין שטעלונג אין דער חדר געזעלשאפט און ווער פערשטויסען מחוץ למחנה. אהן א לאנטערנע בין איך נאך אפשר ערגער ווי א אינגעל אהן א מעסערעל און אלע וועלען אויף מיר ארונטערקוקען און ניט וועלען זיך חבר׳ען מיט מיר.

אין די גרויסע מורא׳דיגע טעג האב איך זיך ניט געפיהלט אזוי געבראכען ווי איצט נאך דעם שמועס וועגען לאנטערנעס. און ווען איך בין פארנאכט געקומען אהיים, האט זיך די מאמע ממש דערשראקען פאר מיין אנבליק.

— וואס איז דיר געשעהן, מיין קינד?

— א לאנטערנע! האב איך אויסגעפלאצט.

— וואס לאנטערנע?

— איך דארף א לאנטערנע.

— ערגיץ דארף דא זיין דעם טאטענס לאנטערנע —

— איך וויל ניט דעם טאַטענס, האָב איך די מאַמען איבערגעשלאָגן. — איך וויל אַן אייגענע.

— גוט, גוט, מיר וועלען זעהן, האָט די מאַמע מיך געזוכט איינצונעהמען.

מיט אַ צובראָכענעם האַרצען און אָהן אַ שום לאַנטערנע האָב איך זיך צוריקגעקעהרט אין חדר.

ווען די פּראַגע וועגען אַ לאַנטערנע איז געקומען צום טאַטען, האָט ער גלייך אָפּגעפּסק'עט, אַז די אַלטע לאַנטערנע, וואָס דאַרף ערגעץ ליגען אויפן בוידעם, וועט זיין גוט גענוג פאַר מיר, און מען דאַרף קיין געלט אומזיסט ניט אַרויסוואַרפען. איך האָב געוואוסט, אַז ביים טאַטען וועל איך גאָר ניט פּועל'ן, און איך האָב דעריבער אָנגעהויבען צו קנעלען מיט דער מאַמען. זי האָט ניט געקענט אויסהאַלטען, אַז מען זאָל פון עפּעס האָבען צער, און איך האָב איהר מיין צער אַרויסגעוויזען אויף אַ ברוטאַלען אופן. אַ פּאָר מאָל בין איך אַוועק אַ הונגעריגער אין חדר און איך האָב געוואוסט, אַז דאָס וועט איהר אַרויסרייסען די נשמה.

אָרימע מאַמע מיינע! ווי שלעכט מיר האָבען דיר געצאָהלט פאַר דיין גוטסקייט!

און די מיטלען האָבען געווירקט. איך האָב געקראָגען אַ קליינע נייע בלעכענע לאַנטערנע.

שטאָלץ ווי אַ פּאַווע בין איך אין חדר געקומען מיט מיין נייער לאַנטערנע, און האָב שוין געקענט זעהן די קנאה'דיגע בליקען פון מיינע חברים, צווישען וועלכע איך וועל איצט דאַרפען פערנעהמען דעם אויבען אָן. נאָר מיין שמחה איז באַלד פערשטערט געוואָרען.

דעמזעלביגען אבענד איז אין חדר געקומען יאָסעלע מיט אַ לאַנטערנע, וואָס האָט ביי אונז אַלעמען אַרויסגערופען אַן אויסגעשריי פון בעוואונדערונג.

— אַה־ה־ה־ה! האָט זיך דערהערט פון אַלע זייטען.

יאָסעלעס טאַטע איז געווען דער סבאָרסטשיק פון אונזער שטעדטעל, און ער האָט זיך געקענט פערגינען אַ סך זאַכען. און די לאַנטערנע וואָס יאָסעלע האָט איצט געבראַכט איז געווען עפּעס

אַזוינס, וואָס קיינער האָט קיין מאָל ביי אונז ניט געזעהן. די לאַנטערנע איז געווען אַ שוואַרצע און האָט אַזוי געגלאַנצט, אַז מען האָט זיך אין איהר געקענט שפּיגלען.

מיר האָבען פאַרגעסען יעדע קנאה און מיט נייגיערדע איהם אַרומגערינגעלט.

— גיט אַ טאַפּ — און זעהט ווי גלאַט, האָט יאָסעלע אויסגערעכענט די מעלות — סאַמעט איז ניט אַזוי גלאַט און שוה־וואַקס איז ניט אַזוי שוואַרץ. און דאָס גלאָז! דאָס איז געשליפען. זעהט ווי דיק. גיט אַ טאַפּ, אודאי אַ פינגער די דיק. דאָס איז שפּיגעל גלאָז. און זעהט ווי קליין! איך קען עם האַלטען אין קעשענע.

און דאָס אַלץ איז געווען אמת, אפילו דאָס ליכטעל וואָס האָט דאַרטען געשטעקט איז ניט געווען קיין חלב'ענע, נאָר אַ סטרינאָווע.

און אַז מיר זיינען ניין אַזייגער אַרויס פון חדר, איז געווען פערשטענדליך, אַז יאָסעלע געהט דער ערסטער און זיין מאָדנע לאַנטערנע האָט אונז אַלעמען געלויכטען דעם וועג, און מיר מיט אונזערע לאַנטערנעס האָבען געהאַט אַ פּנים פון חוזק.

דער משמור.

דאָנערשטאָג ביי נאכט, ווינטער־צייט, בין איך פון חדר אהיים געקומען מיט אַ גדלות, אזוי ווי אויף מיין זכות האָט זיך די וועלט געהאלטען. און די גדלות האָט זיך בשום אופן ניט גענומען דערפון, וואָס די וואָך שיעורים זיינען אריבער גוט אין חדר, איך האָב זיך געקליבען צו טהאָן עפּעס בעסערעס, דאָס איז געווען די נאכט וואָס איז בעשטימט געוואָרען פאר משמורים.

מילא אין חדר האָב איך געמוזט געהן, א ברירה האָב איך געהאַט, הגם קיין גרויסער מתמיד בין איך ניט געווען, און איך בין זיך מודה, איך וואָלט יעדען טאָג בעסער פערבראכט שעה'ן לאנג אויפ'ן פערפראָרענעם טייך, ווי צו זיצען אין חדר. עס האָט מיך געצויגען צום גליטש ווי מיט א מאגנעט. נאָר, פון אזעלכע זאכען האָט מען ניט געטאָרט אפילו דענקען, און יעדען טאָג כסדר האָבען מיר געמוזט אָפּזיצען צוועלף שעה לאנג איבער'ן תנ"ך און גמרא, און האָב דערפאר קיין יישר כח ניט געקענט ערוואַרטען און האָב זיך דערמיט ניט געקענט איבערנעהמען.

אנדערש איז אָבער געווען מיט'ן משמור. איך בין ניט מחויב געווען צו זיצען אַ גאנצע נאכט אין בית המדרש נאָך צוועלף שעה לערנען אין חדר. די דאָנערשטיגע נאַכט פון דעם משמור האָב איך אוועקגעגעבען פון מיין אייגענעם שלאָף, און דערפון האָט זיך דאָס גענומען אזאַ גאוה. אין דער נאַכט האָט די מאַמע געקוקט אויף מיר מיט אזעלכע אויגען, ווי זי האָט קיין מאָל ניט געקוקט. די אויגען האָבען אין דער זעלביגער צייט אויסגעדריקט אי גייסטיגען נחת אי צער. עס האָט דער מאַמע'ס הארץ געריסען, וואָס איהר קינד נעבאך, קוים צעהן יאָהר אלט, וועט א גאנצע נאכט זיין אויף און מיט קיין אויג ניט צומאכען, און אין דער זעלביגער צייט האָט

איהר האַרץ אָנגעקוואָלען, וואָס איהר קדיש'ל וועט א גאנצע נאכט ווי אַ גלאָק קלינגען איבער דער תורה.

און אויב די מאמע האָט מיך די גאנצע וואָך געקיכעלט, האָט זי פּשוט ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן מיט מיר די נאכט פון דאָנערשטאג. הגם איהרע הענט זיינען געווען פערנומען מיט די פיעלע און פערשיעדענע ארבייט, וואָס יעדע אידישע בעל־הבית'טע האָט ווינטער־צייט אין דער נאכט פון ערב שבת, האָט זי אלץ פערבויגען און אויפגעפּאסט אויף מיר. צי זי האָט חלה פערראסטשעט, צי דעם צימעס צורעכט געמאכט, צי געבראקט די שבת'דיגע לאָקשען, צי געפילט פיש, האָב איך נאָר עפּעס ארויסגעוויעזען א וואונש, האָט מען פריהער פון אלץ געדארפט מיך צופריעדענשטעלען.

דער מאמען האָט שטענדיג אויסגעוויזען, אז איך עס גאָר ניט און זי האָט תמיד געוואָלט אריינשטאָפּען אין מיר, פיעל זי האָט געקענט, נאָר דאָנערשטאג ביינאכט צו דער וועטשערע האָב איך פּשוט פון איהר ניט געקענט אויסהאלטען. דער בעסטער חלק האָט בעלאנגט צו מיר און וואָס פאר א נאשעריי זי האָט געקענט שאפען דעם אבענד איז דאָס געווען פאר מיר. א שפּאָס איז דאָס, ביי מיר איז היינט א משמור.

און ווי שוין געזאָגט, בין איך קיין מתמיד זוייט ניט געווען. און געטריבען צום משמור האָט מיך ניט די התמדה, נאָר די נייאינגקייט דערפון. עס איז געווען ניי צו זיין א גאנצע נאכט אָהן דער השגחה פון טאַטע־מאַמען, אָהן דער השגחה פון רבי'ן, אָהן דער השגחה פון וועמען עס איז. מען האָט זיך געפיהלט עפּעס מענרשער, עפּעס סטאלנער, אזוי ווי מען וואָלט שוין אליין אויך צוגעלעגט א האנט צו שלעפּען דעם שווערען יאָך פון אידישקייט. און א חוץ דעם האָט מען דאָ טאקע געקענט א שטיף טהאָן.

נאָך אמאָל און ווידער אמאָל האָט מיר די מאמע איבערגעטאפּט מיין פוטערל, צו אלע קנעפּלאך זיינען פערשפּילעט, האָט מיר די שאלקע אזוי ארומגעוויקעלט, אז קיין אָפענעם שפּעלטעלע זאָל דער פראסט ניט געפינען, און מיט א זיפץ און גליק אין די אויגען האָט זי מיך פון שטוב ארויסגעלאָזט און אָנגעזאָגט, אז איך

זאָל קיין איבעריגען כח ניט אָנטהאָן איבער זיך און אויב איך וועל זעהר זיין שלעפעריג, זאָל איך קומען אהיים.

דער שמש האָט זיך דוקא ניט זעהר געפרעהט מיט אונז. ער האָט געוואוסט, אז הויבען הויבט זיך אָן דער משמור מיט לערנען און לאָזט זיך אויס געוועהנליך מיט שטיפעריי. נאָר ער האָט קיין זאַך ניט געקענט זאָגען. מיין טאַטע איז געווען דער גבאי און ער האָט זיך נאָר בענוגענט מיט א זויערע מינע. אבער די פּרושים און אָרים־בחורים האָבען אזא אויסרעכענונג ניט געהאַט און האָבען אָפען ארויסגעוויזען זייער אונצופריעדענהייט.

— ברוך הבא, זיי זיינען שוין דאָ! איז געווען אונזער בעגריסונג.

פאַר די פּרושים און אָרים בחורים איז די קלויז ניט נאָר געווען א פּלאַץ צום לערנען, נאָר אויך א פּלאַץ צום שלאָפען. און פאַר זיי איז געווען גענוג, וואָס זיי האָבען געלערענט דעם גאַנצען טאָג, און זיי האָבען ניט געוואָלט האָבען קיין שטערער פון זייער שלאָף ביי נאַכט. אָבער ווער האָט זיך אויף זיי אומגעקוקט? וועמען זיינען זיי אָנגעגאַנגען?

די ערשטע פּאָר שעה בין איך מיט מיינע עטליכע חברים די משמורניקעס טאַקע איבערגעגאַנגען ברחבת דעם שיעור פון דער וואָך ביז נאָך 12 א זייגער און דער לימוד איז אָהן אן אָנטרייבער, אָהן א משגיח צוגעגאַנגען לעבעדיג. נאָר אָט האָבען זיך די פּרושים אויסגעלייגט שלאָפען. דער שמש איז שוין לאַנג אַוועק און די האַלב פינסטערע קלויז האָט אָנגעהויבען אָנצונעהמען עפּעס א משונה׳־דיגע געשטאַלט, און עס איז געוואָרען עפּעס אונהיימליך אויפ׳ן האַרצען.

און די אונהיימליכקייט איז נאָך פערגרעסערט געוואָרען, ווען פון די גרויסע פענסטער פון קלויז האָט מען דערזעהען די פינסטערע שוהל, ווער ווייסט, וואָס דאָרטען קומט איצט פאָר? האָט ניט צאַלקע דער וואַסער טרעגער דערצעהלט, אז ווען ער איז איין מאָל שפּעט ביינאַכט פערבייגעגאַנגען די שוהל, האָט ער פּלוצים דערהערט, ווי מען האָט קלאָר און דייטליך זיין נאָמען אויסגערופען און אויפגערופען פּונקט ווי דער בעל קורא צו קריאת התורה?

און עס איז דאָך אַ דבר ידוע אַז די מתים פערקלייבען זיך אין שוהל ביי נאכט און לייענען דאָרטען די תורה. וואָס אַ שטייגער, אַז זיי זאָל זיך פערגלוסטען אויפצורופען מיך אָדער אַ חבר? און די קלויז איז אַזוי נאָהענט צו דער שוהל. סך הכל עטליכע שפאַן.

יעדער האָט מורא אַרויסצוזאָגען זיינע געדאַנקען און סטאַרעט זיך ניט צו קוקען דורכ'ן פענסטער. און ווען די אויגען רייסען זיך אָפ פון דער גמרא און שפרינגען דוקא צום פענסטער, פיהלט מען, ווי עפעס אַ קעלט לויפט דורכ'ן רוקען. און דעמאָלט וועקט זיך אויף אַ געפיהל פון רחמנות צו זיך אַליין, מען זאָגט זיך אָפ פון שלאָף און מען לערנט תורה און מען שטעלט זיך אין אַזעלכע סכנות.

נאָר די פאָר אומעדיגע שטונדען געהען איבער, און עס דערהערען זיך שוין די שווערע טריט פון צאַלקע דעם וואַסער־טרעגער, און די גאַנצע אומעדיגקייט ווערט פערשוואונדען. אַ פרייד פון לעבען גיסט זיך אַריין אַלעמען אין די הערצער. עס הויבט זיך אָן אַ שטיפעריי גאָר ניט ווי אין אַ מקום קדוש.

פערמאַכט זיינען די גמרות און די קונדסים שפרינגען שוין אַרום איבער דעם לאַנגען און ברייטען קלויז. די בימה איז ווי צוגעפאַסט פאַר אַ שפיעל אין לויף און כאַפ. עס כאַפען זיך אויף ניט טויט ניט לעבעדיג די פרושים פון דעם געלאָף מיט אַ בייזען געשריי:

— קונדסים! אַזוי לערנט איהר דאָס?

איין אָרים בחור, מיט אַ לאַנגער נאָז און לאַנגע האַלז שילט זיך מיט טוידטען קללות. נאָר ווען צאַלקע דער וואַסערטרעגער איז שוין נאָך און שפרייזט מיט זיינע שווערע טריט, האָבען די קללות קיין שום האַפט און חברה בעשליסט אָפצורעכענען זיך מיט איהם. און די בעסטע שטראָף וואָס מען קען פאַר איהם אויסטראַכטען איז אַ פאָנפע.

און אַ פאָנפע איז אַ שטיקעל פאַפיר צוזאַמענגעדרעהט אַזוי ווי אַ פאַפיראָס, נאָר אונטען מיט אַ שפיץ, וועלכען מען טהוט שטיל אַריין דעם קרבן אין נאָז, און פון אויבען צינדט מען אָן דעם פאַ־

פּיר. דער בייסענדיגער רויך קריכט גלייך אריין אין האַלז און דער קרבן כאַפּט זיך אויך ניט טויט ניט לעבעדיג, און עס הויבט זיך אָן אַ געלאָף ווידער אַרום בימה. נאָר איצט איז שוין דער אָרים בחור מיט דער לאַנגער נאָז אויך פֿון די לויפֿער, אָבער די קונדסים זיינען געשווינדער פֿאַר איהם, און דער סוף איז, אז ער מוז נעבאַך מיט אַ ברומען צוריקקעהרען זיך צו דער האַרטער באַנק און סטארען זיך ווידער איינצושלאָפען איידער דער עולם הויבט אָן צו קומען.

איבער׳ן שטילען שוהל הויף דערהערען זיך שוין גיכע טריט פֿון די ערשטע תהלים זאָגער און אין קלויז קומט אריין ירוחם דער באָקער און מאַכט פֿול די קלויז מיט זיין יאַדישליוועו הוסט. נאָר ווען ער כאַפּט אָפּ דעם אָטהעם, רייבט ער די הענט און מורמעלט:

— גוט, קינדערלאַך, גוט. אי, ווי גוט איז אז מען קען לערנען.

דאָס איז דער סיגנאַל, אז אונזער משמור האָט זיך שוין געענדיגט, און הגם אויסגעמאַטערט מיט אויסגעצויגענע פּנים׳לאַך פֿון ניט שלאָפֿען אַ לאַנגע נאַכט, לאָזען מיר זיך צופֿריעדענע און גליקליכע אַהיים און מאַכען אין די שטילע גאַסען מעהר רעש, ווי מיר האָבען פֿערדיענט.

עס איז נאָך ווייט, ווייט צו טאָג, און די מאַמע איז שוין לאַנג אויף אָן, ווער ווייסט, וויפֿיעל מאָל זי האָט דורכ׳ן פֿענסטער אַ בליק געוואָרפֿען אין דער ריכטונג צום קלויז צו כאַפּען כאָטש אַן אינערליכען בליק אויף איהר מתמיד׳ל.

און זי איז איצט גרייט צו נעהמען מיך אויף די הענט און קאַרמענען ווי אַן עופּ׳עלע און לעגען מיך שלאָפֿען און איינטוליען. נאָר פֿאַר איהר שטעהט אַ גמרא אינגעל, וואָס קומט ערשט פֿון אַ משמור און זי ווערט אליין דורכגעדרונגען מיט עפּעס אַ דרך ארץ גאָר ניט ווי פֿון אַ מאַמען צו איהר צעהניעהריגען אינגעל.

איך האָב די נאַכט געהאַט אַ משמור.

מען שעטקעוועט קרויט.

(אַן אַסיענדיגער נגון)

די טעג זיינען געווען כמאַרנע. וואָלקענס האָבען זיך אַנגערוקט און זיינען פערשוואונדען. און דער הימעל האָט זיך אויף לאַנג ניט אויסגעלייטערט. אַ קאַלטער צפון׳דיגער ווינט האָט געבלאָזען און אַלטע לייט האָבען זיך געקאַרטשעט און נביאות געזאָגט, אַז מיר וועלען האָבען שניי.

די דובולטאָווע פענסטער האָבען די כמאַרנעקייט נאָך פערגרעסערט און אַן אומעט איז געפאַלען אויף אַלץ און האָט מיט זיינע סאַרע פליגלען אַפילו פערשטעלט דעם פּאָעטישען שיין פון די ערשטע סדרות פון חומש.

און אין דער דאָזיגער מרה שחורה׳דיגער צייט האָט מען זיך ביי אונז געשטעלט שעטקעווען קרויט, און דאָס האָט אַריינגעבראַכט אַ בלאַסען שיין אין דעם אומעדיגען לעבען.

דער אמת איז, אַז איך גופא האָב ניט געקענט פערטראָגען קיין קרויט. דער זויערער טעם פון אַזאַ געקעכץ איז מיר ניט געפעלען געווען און איך האָב זיך צו דעם דאָזיגען מאכל ניט צוגעשטעקט. דאָס איינציגע מאָל אין יאָהר וואָס איך האָב געגעסען און געלעקט די פינגער פון דער דאָזיגער פּאַטראַווע איז געווען דעם ערשטען טאָג סכות, ווען קרויט איז אַריין אין דעם צעטעל פון די יום טוב׳דיגע מאכלים. און טאַקע יענעם טאָג האָט ער געהאַט אַן אמת׳ן יום טוב׳דיגען טעם. אַזוי אָבער איז מיין השגה געווען, אַז קאַפּוסטאַ איז אַ מאכל פאַר יונגים און דער זויערער ריח פון קרויט האָט זיך ביי מיר תמיד אויסגעמישט מיט׳ן ריח פון אַ קאַזאַרמע.

נאָר ווען מען האָט זיך געשטעלט שעטקעווען קרויט איז געוואָרען אַ שטיקעל יום טוב.

שוין מיט אַ טאָג פריהער האָט מען זיך אין שטוב מתעסק געווען מיט אַ ווייסען פעסעל און מען האָט עס געוואַשען און געסקראָבעט. דער טאַטע האָט געשאַרפט אַ גרויסען מעסער און די מאַמע האָט ריין געמאַכט די גרויסע לאָקשען ברעט. אין שטוב האָט מען אריינגעבראַכט אַ היבשען שטיין און מען האָט איהם אויך געטהאָן זיין רעכט, געוואַשען און ארומגעווישט. אַ גרויסע קיילע אָנגעפּאַקט מיט קעפּלאַך קרויט איז געשטאַנען אין ווינקעל.

אויף מאָרגען אין דער פריה איז געקומען די „אידענע“. און הגם זי האָט געהאַט אַ נאָמען, ברכה האָט זי געהייסען און מען האָט איהם אומעדום געקענט, האָט מען וועגען איהר גערעדט ווי וועגען דער „אידענע“. זי האָט ביי אונז געהאַט די חזקה צו שעטקעווען קרויט און די קעפּלאַך האָבען זיך אונטער איהרע הענט אין אַ הרף עין פערוואַנדעלט אין לאַנגע לאָקשען.

אָבער דער יום טוב איז ניט געווען אין די קרויט, נאָר אין די קאַטשאַנעס.

שוין מיט אַ טאָג פריהער האָב איך די חברים אין חדר אָנגעזאָגט די שמחה אַז מען וועט ביי אונז שעטקעווען קרויט, און גלייך האָבען זיך דערהערט פון אַלע זייטען:

— מיר קאַטשאַנעס!

— מיר קאַטשאַנעס!

עס איז מיט אַמאָל אויסגעוואַקסען אויף אַלעמען אַ גדולה, און דעם טאָג וואָלט קיינער אין מיינע שיך ניט געקענט אריינגעהן. איך בין געוואָרען פאַר דער קורצער צייט דער העלד, און יעדער האָט זיך געסטאַרעט צו נושא חן זיין אין מיינע אויגען. איינער האָט זיך ארויסגערופען, אַז ער וועט מיר ווייזען ווי צו מאַכען אַ פּאַפּירענע לאַמטערנע, זלמן דעם סטאָליערס אינגעל האָט צוגעזאָגט צו בריינגען קליי, סטאָליאַרסקע קליי, הגם איך האָב ניט געוואוסט, וואָס פאַר אַ געברויך איך וועל דערפון קענען מאַכען און מענדעל דעם שרייבערס אינגעל האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט ברענגען דעם טאַטענס אַ פּאַפּיראָס און וועט מיר געבען אַ פּאָר ציה.

ווען מיר זיינען געגאַנגען צו וואַרעמעס האָט מיר יעדער דערמאָנט וועגען די קאַטשאַנעס און איך בין געווען ענטשלאָסען צו פערנעהמען אזוי פיעל, ווי עס וועלען נאָר אריין אין די קעשענעס.

נאָר ברכה איז געווען א אידענע און האָט ניט פערשטאַנען דעם שכל פון שלעפּען א סך קאַטשאַנעס. און נאָך ווייניגער האָט זי פערשטאַנען דעם שכל פון גרויסע קאַטשאַנעס. ווען איך האָב זיך געשטעלט פאַר איהר לאָקשען ברעט און אויסגעשטרעקט די האַנט נאָך א קאַטשאַן, האָט זי מיך אָפּגעהאַלטען מיט א „וואַרט!“ און האָט איהם פאַר מיר צוגעגרייט. זי האָט איהם אזוי לאַנג ארומגעהאַקט און ארומגעשניטען, אז עס איז נאָר געבליבען א קליין ווייס שטיקעלע פון סאַמע גרונט און איז ניט געווען גרעסער פון א ציגעלע צוקער.

— איך וויל גרויסע און א פולע! — האָב איך פּראָטעסטירט.

— דו וועסט האָבען א בויכוועהטאָג, און דו וועסט קראַנק ווערען. מען טאָר קיין קאַטשאַנעס ניט עסען.

ווי קליין איך בין ניט געווען, האָב איך שוין יעדען אין דערפריה געמאַכט די ברכה „שלא עשני אשה“ און איך האָב איצט געזעהן בעשיינפערליך אז די ברכה מאַכט מען ניט אומזיסט. אויב א קעפּעל קרויט האָט געהאַט עפּעס א ווערטה, איז דאָס נאָר געווען צוליעב דעם קאַטשאַן, און ביי דער אידענע קומט אויס, אז דערפון קריגט מען א בויכוועהטאָג.

און ערשט אז איך האָב איהר ערקלערט, אז די קאַטשאַנעס דאַרף איך פאַר די חברים, האָב איך קוים ביי איהר גע'פועל'ט צו געבען מיר עטליכע, נאָר טאַקע עטליכע אויסגעצעהלטע און ניט אנדערס אז איך זאָל איהר צוזאָגען, אז איך אליין וועל די קאַטשאַנעס ניט עסען.

צוליעב דעם דינגען זיך מיט דער אידענע האָב איך זיך צוריקגעקעהרט אין חדר, ווען אלע זיינען שוין געזעסען ביים טיש און די חלוקה האָט זיך ערשט געקענט אָנהויבען פאַר מנחה.

דער רבי האָט זיך צוגעגרייט צו לויפען אין קלויז, און מיר זיינען געשטאַנען פאַר'ן פענסטער און געקליבען זיך צום גרויסען

מאַהלצייט. און נאָך איידער מען האָט רעכט אַ ביס געטהאָן, האָט זיך שמעון פון דער עלטערער כּתּה פאַר אונז אָפּגעשטעלט און גענומען אונז דערצעהלען וועגען דער גרויסער ראָל פון קאַטשאַנעס ביים גרינדען פון דער קריסטליכער אמונה.

אונזער קרייז ביים פענסטער איז געוואָרען ענגער, מיר האָבען זיך שטייפער צוגעטוליעט איינער צום צווייטען, און מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטהעם צוגעהערט זיך צו דער וואונדערליכער מעשה. און עס האָבען זיך אָנגעצונדען די יונגע אויגלאַך מיט אַ פרומען פייערל און עס האָבען געקלאַפּט די יונגע הערצלאַך אין טאַקט צו די טראָפּ, וואָס אונזערערער עלטערער חבר האָט געשטעלט אין זיין ערצעהלונג, און די קאַטשאַנעס האָבען ביי אונז געוואונען דעם זיבענטען חן.

—— צייט מנחה צו דאַווענען! — האָט געזאָגט דער רבי.

און מיר זיינען איהם נאָכגעגאַנגען מיט אַ יום טוב'דיגער שטימונג.

דער בית המדרש

מיין ערשטע ליעבע.

איך בין נאך דעמאלט געווען א פרום בחור׳ל.

קיין עם־הארץ בין איך ניט געווען, איך בין שוין געווען בעהאווענט אין א פאר סדרים גמרא, און מיין פרומקייט איז טאקע געווען ניט קיין געזאגטע מעשה.

א חוץ גמרא האב איך ליעב געהאט ארייןצוקוקען אין מוסר־ספרים.

אין גיהנם בין איך געווען קלאר ווי אין אשרי און פאר א׳ן עבירה האב איך מורא געהאט, ווי פאר פייער.

די מוסר־ספרים האבען מיך שטענדיג געהאלטען אין איין מורא, אט־אט גיסטו א בליק, א קוק, א טראט און דיין גליק, דער אמת׳ער גליק, איז קאפוט.

און מיין הארץ האט מיר געשראקען ניט אומזיסט...

פונקט אנטקעגען איבער דעם קלייזעל, וואו איך האב געדאווענט און געלערענט, איז געשטאנען א שטיבעל. אין שטיבעל האט געוואהנט א מיידעל, דאס מיידעל האט געהאט א שעהן פנים׳ל און דאס שעהן פנים׳ל פלעגט אפט ארויסקוקען פון פענסטער אויפ׳ן שול־הויף. מיין „שטאט“ אין קלייזעל איז אויסגעקומען פונקט אנטקעגען דעם פענסטער. און אין די סאמע געדיכטע ערטער אין דאוונען, וואו מען דארף שטעהן מיט׳ן פנים צום וואנט, האבען מיינע אויגען ניט ווילענדיג א בליק געטהאן אויף דאס מיידעל.

דאכט זיך, וואס? א בליק, גאר ניט; אבער מיין כונה איז שוין געשטערט. איך שפרינג שוין גאלאפ, די ליפען שאקלען זיך: „אתה קדוש, ושמך קדוש, קדוש, קדוש, קדוש.... מלא כל הארץ כבודו ומקבלין דין מין דין“, און גיב זיך א כאפ ביי א שפיי צו עלינו, ווען אלע קלאפען זיך אין הארצען פון „סלח לנו“. אמאל

בעקום איך גלאט קפיצת הדרך אין שמונה עשרה און מיין רוקען ברעכט זיך גאר אהן מיין ידיעה פון מודים, ווען מיינע שכנים גלייכען אוים די פלייצע פון צווייטען בוק ביי מגן אברהם. הגם איך האלט פערמאכט די אויגען און האב שטארק אין זינען, אז ביי מיר אויפ'ן קאפ ליגען תפילין, און איין רגע טאר ניט אריבער אין היסח הדעת. און איך חזר מיט זיך „היסח הדעת" און טראכט וועגען געקרייזעלטע האר... רויטענקע ליפעלאך... מודים אנחנו לך.

דאס פערגעניגען, וואס איך האב געהאט פון דעם איין בליק, איז מיר ארוים באקאם. שפעטער אווייניגסטענס האב איך מיט זיך גענומען מאכען א חשבון, „חשבון הנפש", און מיר האט פשוט א גרויל אנגעכאפט. ווען אפילו ניט פון יעדען אות, וואס איך האב מבליע געווען אין דאווגען, נאר פון יעדען ווארט זאל ווערען א שווארצע ווארענע און קומען מיך פיקען מיט די הארטע שנאבלען נאך מיין טויט — וואס וועט פון מיר ווערען?

עטליכע טעג נאכדעם בין איך שוין אויף מיין שטאט ניט געשטאנען, איך האב זיך פערדרוקט אין א ווינקעל, ווייט פון פענסטער און געסטארעט זיך דאווגען מיט כונה. איך האב זיך געפרובט דוויקען, שאקלען שטארק, פארשטעלען מיט דער רעכטער האנט די אויגען, אבער אומזיסט. די טויבע און דיקע וואנט איז געווארען דורכזיכטיג און „איהר" פנים האט איבעראל געשוועבט פאר מיר. איך האב קלאר ארויסגעזעהן, אז איך האב דא צו טהאן מיט דער קליפה ר"ל. איך האב געוואוסט פיעל מעשיות פון דער שעהנער לילית, פון איהרע שפיצלאך און המצאות, וואס זי טהוט מיט יונגע לייט און מיר האבען זיך די האר געשטעלט קאפויער פאר שרעק. איך האב געזוכט הילף ביי די מוסר־ספרים, נאר אפילו דארטען פון די הייליגע בלעטלאך האט זי צו מיר געשמייכעלט און געלאכט פון מיין שוואכקייט: שוטה, וואס האסטו אזוי מורא אויף מיר א קוק צו טהאן? נארעלע, וואס נעהמסטו זיך אזוי צום הארצען פון א קוק? ווער קוקט עס ניט?

איך בין געוועזן אייזען, אבער „זי". איך מיין איהר פנים, איז געוועזען מאגנעט און האט מיך ארויסגעצויגען פון ווינקעל צוריק אויף מיין שטאט לעבען פענסטער. מיר האט געצויגען

צום פענסטער מיט אַזאַ מאַכט, אַז איך האָב פערלאָרען אַלע מיינע חשבונות און האָב זיך געלאָזען אויף איינם, זאָל זיין וואָס עס וועט זיין.

און איך האָב זיך ערלויבט צו וואַרפען הינטערווייל׳עכטס אַ בליק אויף איהר.

איצט האָב איך שוין ניט געוואַרט אויף שמונה עשרה, ווען מיר וועט אויסקומען שטעהן מיט׳ן פנים צום וואַנט. דעם גאַנצען דאַווענען בין איך געשטאַנען מיט׳ן געזיכט צו דער וואַנט, סיידען ווען איהר פנים האָט זיך ניט געזעהן אין פענסטער, האָב איך זיך געמאַכט אַ היתר צו זיצען, און זאָגאַר אין לערנען האָב איך ליעב געהאַט אומקעהרען דעם שטענדער צום פענסטער, כדי צו זיין שטענדיג גרייט, טאָמער וועט זי אַרויסקוקען.

פון דער צייט איז מיר געוואָרען פיעל גרינגער, דאָס האַרץ האָט מיר ניט געקלאַפּט פאַר די עבירה; אומשטיינס געזאָגט, וואָס האָב איך שוין דאָ צו פערלירען? וואָס מאַכט מיר אויס, צו הונדערט וואַראַנעם וועלען צופּיקען מיין גוף נאָכ׳ן טויט צו מיליאָנען. אַי וואָס? קיינער וועט ניט אַריין גלייך אין גן עדן, אַלע מוזען אויסשטעהן אַ כף הקלע. און פערשידענע מעשים וועגען גרויסע חסידים, וואָס האָבען דאָך ניט געקענט אויסמיידען דעם גיהנם, זיינען מיר אַרויף אויפ׳ן געדאַנק. איך האָב זיך גערופען נאַר, שוטה, וואָס איך האָב געדענקט צו זיין בעסער פאַר אַ גאַנצע וועלט: „אין צדיק בארץ אשר לא יחטא“, ניטאָ קיין צדיק אויף דער וועלט, וואָס זאָל לחלוטין זיין ריין פון אַן עבירה.

נאָך אַזאַ חשבון האָב איך שוין געוואָרפען אַ בליק אויף איהר פון פענסטער מיט אַ רוהיגען האַרצען, און די בליקען האָבען מיר שוין אַזוי ניט געבריהט. איך האָב געפיהלט סתם אַ פערגניגען. עפּעס קיצעלט דאָרטען אינוועניג ביי דער נשמה, דער קאָפּ ווערט לויטער. ריין: פאָרט, פאָרט פון דאָרטען אַלע פינסטערע מוסר־ספרים׳דיגע מחשבות! די פאַנטאַזיע שפּינט, וועבט גאָלדערנע פעדים און איך פליה, שוועב אין אַ וועלט פול מיט לעבען און האָפנונג.

איצט האָב איך שוין מעהר אין קיין מוסר ספר ניט געקוקט.

אלע ידיעות, וואס איך האב פון דארטען געשעפט, האבען זיך ערגעץ פעררוקט ווייט אין א ווינקעלע און זיינען מיר ניט ארויף מעהר אויפ'ן זכרון. מיין מוח האט זיך בעפרייט פון א שטרענגען קאנטראליער, און דאס הארץ האט געפיהלט, ווי עס האט געלוסט.

מיינע בליקען אויף איהר, פערשטעהט זיך, זיינען געווען גע'גנב'עטע. איך האב געקוקט כלומרשט סתם אין דער וועלט אריין, און ווען איך בין געווען זיכער, אז „זי" זעהט מיך ניט, האבען זיך מיינע אויגען א קעהר געטהאן אין איהר זייט. א לאנגע צייט איז מיר געלונגען זיין א גנב. איינמאל אבער בין איך מיאוס אריינגעפאלען. זי האט געהאלטען ארויסגערוקט דעם קאפ פון פענסטער און געשמייכעלט. פון שמייכלען האבען זיך איהר געשטעלט גריבלאך אין די בעקלאך (דעם אמת זאגענדיג, האב איך ביי איהר געזעהן נור איין גריבעלע, ווייל איך האב אויף איהר געקוקט אין פראפיל, נאר געדוכט האט מיר, אז איך זעה ביידע גריבלאך) און דאס האט איהר צוגעגעבען דעם זיבעטען חן. מיינע אויגען האבען זיך אין איהר איינגעגעסען און האבען זיך בשום אופן ניט געקענט אפרייסען; פלוצים — א, א שאנדע! — האט זי א קעהר געטהאן איהר קעפעל אין מיין זייט און א קוק געטהאן פונקט אויף מיר. אונזערע אויגען האבען זיך געטראפען... דאס בלוט האט מיר א שפאר געטהאן אין פנים אריין און איך האב זיך ניט געוואוסט וואוהין צו טהאן פאר חרפה. איך בין געבליבען שטעהן כאטש מעלק מיך. די אויגען, פערשטעהט זיך, האב איך תיכף געוואלט אראפלאזען, נאר איך האב עפעס ניט געקענט, זיי האבען זיך גענומען דרעהען ארום איהר געזיכט, געשפרונגען פון קאפ אויפ'ן קין־באק, פון איין אויער אויפ'ן צווייטען און איך בין אלס רויטער און רויטער געווארען.

און זי האט אלץ געשמייכעלט, געקוקט אויף מיר און געשמייכעלט.

ענדליך האב איך די אויגען אראפגעלאזט, נאר פון ארט ניט אפגעטראטען, כאטש געשטאנען בין איך אויף פריסאק און וואלט געווען זעהר צופריעדען, ווען א גרוב זאל זיך איצט עפענען און איינשלינגען מיך. איך האב פון זיך זעלבסט גענומען נקמה; דער

מוסר־ספרים׳דיקער „איד“ איז פּלוצים אַרויסגעשפּרונגען פון זיין פערבאָרגענעם ווינקעל, אַרויף אויפ׳ן פערד און גענומען זיך רייצען מיט מיין נייעם „איד“: „גוט, רעכט אויף דיר! ווייטער קוק ניט אויף מיידלאַך! איצט וועלען אַלע וויסען, וואָס פאַר אַ תכשיט דו ביזט!“ מיין נייער „איד“ איז געשטאַנען צוטומעלט, צומישט און האָט אַלץ מקבל באהבה געווען. ער האָט געפיהלט, אַז ער איז ווערט דעם פּסק: די גאַנצע שטאָדט וועט באַלד קלינגען מיט איהם. מען וועט אויף איהם טייטלען מיט די פינגער: „קוקט אָן דעם שעהנעם בחור׳ל, קוקט אָן דאָס פרומע צורה׳קעלע. ער קאָן, דוכט, קיין צוויי ניט צעהלען און דאָך טרעפט ער צו קוקען פון אַ מקום־קדוש אויף מיידלאַך“.

אַ לאַנגע וויילע האָט געדויערט מיין פערצווייפלונג. פּלוצים איז מיר ווי אַ בליץ דורכגעלאָפען אַ געדאַנק דורכ׳ן קאָפּ און האָט מיר ליכטיג געמאַכט אין האַרצען: „פאַר וואָס מעג זי“? פאַר וואָס מעג זי? — דוכט זיך גאָר אַ פּשוטע פראַגע, אָבער וואָס פאַר אַ גרויסע בעדייטונג זי האָט געהאַט פאַר מיר! אַ שווערער באַרג האָט זיך מיר אַראָפּגעקייקעלט פון האַרצען און האָט פאַר מיר פריי געמאַכט די וועלט. פאַר וואָס מעג זי? זי איז חס ושלום ניט קיין מופקרת, זי איז אַ גאַנץ אָנשטענדיגע מיידעל און קוקט אַרויס פון פענסטער אויף וועמען זי וויל, פראַנק און פריי. און פאַר וואָס זאָל איך זיך שטערען? פאַר וואָס?

פון דעם טאָג אָן פלעג איך זיך מיט „איהר“ אָפּט בעגעגענען מיט די אויגען און פלעג שוין אַזוי ניט „סטרעליאיען“ מיט זיי, ווי דאָס ערשטע מאָל. אַזאַ מין איבערקוקעניש האָט ביי אונז געדויערט אַ היבשע צייט. איינמאָל האָט זי צו מיר אַ שמייכעל געטהאָן: ווען זי זאָל האָבען געשמייכעלט צו אַ פרעמדען בחור, איך מיין, ניט צו מיר, וואָלט איך איהר אודאי געהאַלטען פאַר אַ חצופה, נאָר געשמייכעלט האָט זי צו מיר, און איך מיט איהר זיינען שוין גאָר קיין פרעמדע ניט. איך האָב איהר אויך געענטפערט מיט אַ שמייכעל און אונזער בעקאַנטשאַפט איז געוואָרען פיעל נעהענטער. ביי אונז איז געוואָרען אַ מין לשון מיט די אויגען. און אונזערע

רעיונות האבען מיר לייכט אויסגעדריקט מיט די בליקען, מיר האבען שוין איינער דעם צווייטען גוט פערשטאנען.

צוליעב פיעל אורזאכען האב איך זיך מיט איהר געוואלט בעסער בעגעגענען ביי טאג. דעמאלט איז אין קלייזעל געווען שטיל. א פאר פרושים זיינען געגאנגען עסען מיטאג; איינער איז געלעגען אויסגעצויגען אויף דער באנק און האט געדרעמעלט; און ווידער איינער האט זיך פעררוקט אין ווייבערשען קלייזעל און געלערענט דארט „חכמות חצניות". איך בין געווען איינער אליין, און מיר האבען זיך געקענט זעהען, הייסט עס (פערשטעהט זיך ממילא, אז פון די פענסטער) אונטער פיער אויגען. זי איז איצט ביים פענסטער ניט געווען, און איך האב איהר געוואלט ארויסרופען. איך האב אומגעקערט דעם שטענדער צום פענסטער, אויסגעפרובט די שטים און קנאקענדיג און דרעדלענדיג גענומען זינגען: „יותר משהאיש רוצה לישא האשה רוצה להנשא" (געלערענט האב איך דעמאלט נשים) און מיין זינגען איז געווען ניט אומזיסט: זי האט דארטען תיכף פערשטאנען, וואס דאס בעדייט און האט זיך טאקע באלד בעוויזען אין פענסטער, מיט אן אנגעהויבענע געשטריקטע פאטשיילקע אין די הענט, און א קניילכעל וואל אונטערן ארים (אה, ווי מקנא האב איך געווען דעם קניילכעל וואל!) דאס מאל האבען מירביידע געמאכט א מינע, פונקט ווי איך זאל מיט'ן זינגען גאר ניט האבען געמיינט און זי כלומרשט האט זיך צופעליגערווייזע געזעצט נעבען פענסטער. איך האב זיך א לאנגע צייט איינגעהאלטען און ניט אויפגעהויבען דעם קאפ פון דער גמרא. איך בין געגאנגען שטייגער, געגלעט, געדרעט זיך דעם טשוב אויפ'ן קאפ, געצויגען ביז צום מויל, און געקייט די האר כלומרשט ווי פערטיעפט אין א טיעפען ענין. שפעטער א ווילע, אז איך האב אויף איהר א ווארף געטהאן א געגנבע'טען בליק, האב איך געזעהען, אז זי קוקט אויך גאר ניט אין מיין זייט, נאר געפיהלט האב איך, אז מיר זעהען איינער דעם צווייטען צו גוט.

פון דעם טאג אז האבען זיך אנגעפאנגען אונזערע בעגעגעניסען כמעט יעדען טאג. מיר פלעגען אזוי שעה'ן־ווייז אפשטעהן ביי די פענסטער און כאפען אפט איינער ביי'ם צווייטען א שמיי־

כעל. איך בין געווען אויפ'ן זיבעטען הימעל, ווען מיר פלעגט געלינגען צו בעמערקען אין איהרע רויטע בעקלאך די חנ'עוודיגע גריבלאך. מיין גרעסטער גן־עדן איז געווען דאָס קלייזעל. זייענדיג דאָרט, האָב איך פערגעסען אַז עסען און טרינקען, און ווען בין איך דאָרט ניט געווען? — מיר איז פשוט ליעב געוואָרען דאָס אָרט לעבען פענסטער און האָב זיך פון דאָרטען ניט געקענט אָפּרייסען אפילו דעמאָלט ווען איך האָב בשום אופן ניט געקאָנט ערוואַרטען, זי זאָל זיך ווייזען. איך האָב דאָרט ליעב געהאַט צו שטעהן, אָנגעשפּאַרט איבער דער גמרא און פאַנטאַזירען סתם אין דער וועלט אריין. די מאַמע האָט פשוט אָנגעקוואָלען פון איהר בן יקיר'ס התמדה: „ער שטעהט אַ גאַנצען טאָג ווי אַ קרוק איבער'ן גמרא". און זי האָט גאָר ניט חושד געווען, אַז ניט די גמרא שמיעדט מיך איצט צו צום קלייזעל.

צו וואָס וועט דאָס פיהרען? אַזאַ פראַגע איז מיר גאָר אין קאָפּ ניט אריין. איך האָב געלעבט מיט'ן איצטער און פאַר מיר איז געווען עד בלי די וואָס איך האָב געהאַט.

נאָר פלוצים האָט זיך אַ כמאַרע בעוויזען אויף מיין האָריזאָנט: בינקאָווסקעלע, דער שטעדטעלדיגער לעהרערל, האָט גענומען איינגעהן צו איהר. איך בין דערפאַר געוואָרען אש־להבה. ס'טייטש! ער געהט איין צו איהר?! ער, וואָס ווייס ניט קיין צלם פאַר קיין אלף וואַגט צו געהן צו איהר, און זי — און דאָס איז טאַקע דער עיקר — לאָזט איהם אריין! פערשטעהט זיך, אַז אַזאַ זאַך האָב איך איהר ניט געקענט פערצייהען. איך בין פאַר כעס אַנטלאָפען פון קלייזעל און אַ טאָג צוויי ניט בעוויזען זיך אין פענסטער.

אויב זי האָט געבענקט — ווייס איך ניט, נאָר אַז איך האָב קיין רוה ניט געפונען איז אַ פאַקט. איך בין אַרומגעגאַנגען, ווי אַ משוגענער, אין האַרצען האָט זיך מיר אָנגעצונדען אַ פייער און אינעוועניג געסמאַליעט, געברענט, געבראָטען. איך האָב ניט געוואוסט, וואָס מיט מיר טהוט זיך. מען האָט צו מיר גערעדט און איך האָב ניט געהערט, אויף דער צעהנטער פראַגע, אויב איך האָב שוין יע געענטפערט, האָב איך געענטפערט בוידים. צום עסען

האָב איך זיך ניט צוגעשטעקט. ביינאַכט האָב איך זיך געוואָרפען פון איין זייט אויפ׳ן צווייטען, געשליידערט פון זיך די דעקע, געריסען פון זיך די העמד, עפּעס איז מיר געווען ענג, הייס, שווער. אויפ׳ן דריטען טאָג קוים בין איך אוועק אין קלייזעל. דעם שולהויף בין איך אַ דורכגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגען און געהיט זיך ניט אַ קעהר צו טהאָן דעם קאָפּ אין איהר זייט. דאָס מאָל בין איך ביי׳ם פענסטער ניט געשטאַנען; איך האָב דאָס אַלץ געטהאָן פון צו־להכעיס וועגען. נור איין געדאַנק האָט מיר געעגבערט דעם מוח: „טאָמער פיהלט זי גאָר ניט מיין צו־להכעיס!“ ענדליך אָבער האָב איך זיך ניט איינגעהאַלטען און אַ וואָרף געטהאָן אַ בליק אויפ׳ן פענסטער — דער בליק איז געווען האַלב ברוגז׳דיג אין פאַל, טאָמער בעגעגענען מיר זיך מיט די אויגען. — איז זי אָבער איצט אין פענסטער ניט געווען. איך האָב אַ היבשע צייט געוואַרט ביי׳ם פענסטער, געוואַרט און געקוקט, געקוקט און געוואַרט, אָבער זי האָט זיך ניט בעוויזען. איך בין געוואָרען אונרוהיג אָבער די אונרוהיגקייט איז ווייט ניט געווען עהנליך אויף כעס איך בין מיט אַמאָל איבערגעבראָכען געוואָרען: עפּעס האָב איך דערפיהלט, אַז די ערד פון אונטער מיינע פיס גליטשט זיך אוועק, און איך הענג אויף אַן איבערגעברענטען שטרוי. וואָס אַזוינס איז מיט מיר, האָב איך ניט פערשטאַנען, איך האָב נאָר געוואוסט, אַז איך בין שוין עפּעס ניט וואָס פריהער. מיין גאַנצע גאוה האָט זיך פּלוצים פון מיר אָפּגעטהאָן, און איך בין ווייטער געוואָרען אַ שטיק וואַקס פאַר איהר. איך האָב פערלאָרען מיין דעה איבער זיך, און זי האָט איצט געקאָנט פון מיר מאַכען, וואָס זי וויל. איין בליק איהרער — און איך וואָלט גלאַטע ווענט געקראָכען; איין שמייכעל אויף איהרע ליפּען — און איך וואָלט מיט׳ן קאָפּ מויערען געבראָכען. איך האָב עס ניט פערשטאַנען, נאָר געפיהלט האָב איך, און אין איין צייט איז מיר געווען אי ברענענדיג אַנגענעם אי שרעקליך וועה. „איזהו גבור הכובש את יצרו“ (ווער איז אַ גבור? דער וואָס איז גובר זיין יצר הרע). און איך פיהל, אַז איך ווער אויס גבור, מיין מלוכה ווערט פון מיר אוועקגענומען... און איך וואַרט און קוק, קוק און וואַרט אין פענסטער, און זי זעהט זיך אַלץ ניט. טויזענדער

נאַרישע געדאַנקען פליהען מיר אַלע ווײַלע אַ דורך דעם מוח און מײַן אונרוהיגקייט וואַקסט מיט יעדער מינוט.

די מנינים האָבען זיך שוין געענדיגט. די פײַנע בעל־הבתים, וואָס לערנען אַלע אין דערפריה אַ בלאַט גמרא נאָכ'ן דאַווענען, זײַנען שוין אויך צוגאַנגען. אַ פּאָר אָרים־בחורים זײַנען געגאַנגען אויף די טעג אָנבײַסען און איך שטעה נאָך אַלץ בײַם פענסטער אין די תפילין און וואַרט. איין אָרים־בחור מאַכט מיר אויפמערקזאַם, אַז בײַ מיר איז הײַנט אַ לאַנגער דאַווענען, נאָר איך פאַרשטעה ניט, וואָס ער רעדט, הגם איך נעהם אָהן טראַכטען גלײַך אַראָפּ דעם של ראש און לעג איהם צונויף. ענדליך כאַפּ איך זיך אויף, ווי פון אַ שטאַרקען שלאָף: זי בעווײַזט זיך אין פענסטער. זי איז מונטער, פריש... צוואַנציג שפּיזען שטעכען זיך מיר פּלוצלונג אַרײַן אין האַרצען, פון איהר מונטערן, פרישען געזיכט שפּאַרט מיר אַזש אַרײַן דאָס בלוט אין די אויגען. אַ העלישער פלאַם צינדט זיך מיר ווײַטער אָן אין האַרצען און איך לויף מיט אַ פערקאַטשעטען אַרבעל אויף דער לינקער האַנט משוגענערווייס אַהיים.

— אודאי מיט בינקאָווסקעלען געזעסען נעכטען בײַ נאַכט שפּעט, שטעכט מיר אַ געדאַנק.

פּע! איך האָס איהר, איך האָס איהר מיט'ן גאַנצען האַרצען. אַ פּײַנע מיידעל! ניטאָ וואָס צו רעדען! זיצען שפּעט בײַנאַכט מיט בחורים. און נאָך מיט וועמען?... אַ קשיא אויף בינקאָווסקעלען... דער שלויע, דער שייגעץ, ער האָט הפּנים אין זיך אַ קאָפּ חרפּה אדער בושה?... בײַ מיר איז נאָך אפילו אַ גרויסער ספק, נאָר איך וואָלט ניט קאָווירט, אַז ער האָט איהר ניט אַ גלעט געטהאָן, און אפשר... אפשר נאָך אַ קוש געטהאָן אויך. מיר האַרט גאָר ניט פאַר איהר. וואָס געהט זי מיר דען אָן? וואָס האַרען מיר אַזעלכע זאַכען. וואָס בין איך דען גאָט'ס סטראַפּציע? קושען זיי זיך יע, קושען זיי זיך ניט — מײַן דאגה! נור דאָך וואַרפט מיר פון דעם געדאַנק אין קעלט און אין היץ. איך ציטער מיט אַלע מײַנע גלידער. מײַן איינציגער גליק איז, וואָס איך ווייס ניט אויף געוויס, אויב ער איז גאָר נעכטען געווען בײַ איהר, און אפילו אויב ער איז יע געווען, צו איז ער געזעסען שפּעט, און אַז אפילו דאָס אויך —

ווי ווייס איך, אַז ער האָט איהר געגלעט? סתם אריין צו א מיידעל און געגלעט איהר. און וואו איז זי דען אין דער וועלט? זי האָט שוין גאָר קיין דעה ניט? אַ וועלט איז דאָך ניט הפקר...

איך האָב שוין באלד חרטה, וואָס איך בין אנטלאָפען פון קלייזעל; נור פאר מיינע אויגען שוועבט דורך איהר געזיכט, מונטער, פריש... נאָך דעם וואָס ביי אונז האָט פּאַסירט, האָט זי ניט געטאָרט אזוי אויסזעהן, און ווידער איז קאָנטיג געווען, אַז זי איז אקאָרשט אויפגעשטאַנען פון שלאָף — פאר וואָס איז זי היינט עפּעס געשלאָפען אזוי שפּעט?

איך ווער ווייטער אַנגעצונדען פאר כעס, פאר אייפערזוכט און מיין האַס צו איהר ווערט נאָך שטאַרקער.

נאָר דער כעס האַלט ניט לאַנג. איך פיהל איצט נאָך שטאַרקער, ווי איך האָב איבער זיך קיין דעה ניט. עפּעס פיהל איך זיך ווי א שאָטען, וואָס מוז זיך ציהען נאָך איהר; נור איך קלער ניט דאַריבער.

איצט אין קלייזעל בין איך געגאַנגען ווי א זינדיגער. אזא מזל האָט שוין שטענדיג דער שוואַכער, ער מעג זיין גערעכט, ווי גאָט אליין, קוים אָבער האָט ער צו טהאָן מיט א שטאַרקערען געגנער, פיהלט ער זיך אומגערעכט. אין קלייזעל האָב איך ניט געוואָגט שטעלען זיך אויף מיין געוועהנליכען אָרט. עפּעס האָב איך זיך געשעמט פאר איהר. אונזער ערשטע איצטיגע בעגעגענים דורך די פענסטער האָט מיך געשראָקען. עפּעס האָב איך ניט געקאָנט פאַרשטעלען זיך, ווי וועט דאָס אויסקומען. נאָר עס האָט לאַנג ניט געדויערט און איך האָב זיך ווידער געשטעלט אויף מיין אַלטען אָרט און געוואַרט מיט הארצקלאַפּעניס, ווען וועט זי צוגעהן צום פענסטער. איך האָב ניט געוואַגט ארויסצורופען איהר מיט'ן זינגען און האָב דעריבער געוואַרט זעהר א לאַנגע צייט. ענדליך, האָב איך זיך דערוואַרט און האָב איהר דערזעהען מונטער, פריש, לעבעדיג...

איך בין איצט ניט אנטלאָפען, ווי פאַריגען מאָל. אויך האָב איך זיך ניט אַנגעצונדען מיט'ן פייער פון אייפערזוכט, נאָר עפּעס האָט זיך מיר אַ ריס געטהאָן אין האַרצען און דאָס בלוט האָט מיר

גענומען קיהלען אין די אדערען. איך האב איצט דאס ערשטע מאל פערשטאנען, אז זי שמייכעלט צו מיר, ניט ווייל איך בין איך, נאר זי וואלט פונקט אזוי געשמייכעלט צו אנאנדערען אויך, ווען „יענער“ וואלט געשטאנען אויף מיין ארט. איך בין פאר איהר עפעס א מין שפילעכעל, נאר זי קימערט זיך גאר ווינציג, וואס דאס שפילעכעל האט זיך א פאר טעג ניט געזעהען.

— אבער איז זי דען א מלאך, וואס זי זאל וויסען, וואס ביי מיר אין הארצען טהוט זיך, פרוב איך זיך אליין טרייסטען. אפשר ידענקט זי, אז זי איז אויך פאר מיר ניט מעהר ווי א שפילעכעל? ווען אבער זי זאל וויסען וואס פאר א רעיונות איך האב וועגען איהר, וואלט זי אויף מיר גאר אנדערש געקוקט. נאר ווי קומט די קאץ איבערן וואסער? ווי גיב איך איהר איבער מיינע געדאנקען און ווען אפילו איך זאל דאס האבען ביכולת, וואס וואלט איך איהר געזאגט? וואס?...

איך טראכט, וואס וואלט איך איהר אז ערד געזאגט און געפין קיין ווערטער ניט. מיינע געפיהלען האבען קיין לשון ניט, איבערהויפט ווייל איך אליין האב קיין נאמען ניט אויף דעם פייער, וואס ברענט מיר אין הארצען. איך בין מיט יעדען טאג געווארען אלס אומעדיגער.

דערווייל איז געקומען שבת, ס'איז געוועזן צו קריאת התורה. איך האב זיך געריכט אויף מפטיר און האב מיט זיך געקלערט, אז ווען איך וועל נעהמען אנטהאן דעם טלית, וועל איך בכיון מעדלעווען, כדי זי זאל זעהען. פאר וואס? וויים איך ניט, נאר מיר האט געדוכט, אז אין טלית וועל איך ביי איהר מעהר נושא חן זיין. איבערהויפט נאך, ווייל איך האב בעשלאסען צו נעהמען דעם טלית ניט ביי'ם פאטער, נאר ביי אונזער שכן, שמואל אשר דעם שיינקער: זיין טלית איז געוועזן מיט אן עטרה. מסתמא האט מיר געדוכט, אז א טלית מיט אן עטרה גיט דעם זיבעטען חן. איך וואלט די צייט פון קריאת התורה געקאנט פאנטאזירען מי יודע ווי, א שפאס אזא געלעגענהייט! און זי שטעהט טאקע איצט אין פענסטער... נור פאר וואס איז מיר פלוצים פינסטער געווארען פאר די אויגען?

גראד איצט האט דער רוח אנגעטראגן בינקאווסקי, און ער איז גלייך צוגעגאנגען צו איהר פענסטער און אזוי אפען בפרהסיא געוויטעוועט זיך מיט איהר.

איך האב ניט געהערט, ווי דער בעל קריאה האט אויסגערופען: „יעמוד החתן“... נאר ווען דער טאטע האט אויף מיר ארויפגעווארפען דעם טלית און „זי“ האט גראד א ווארף געטהאן א בליק אויף מיר, האט מיר דאס בלוט א שפאר געטהאן אין פנים אריין און מיט פאלשע טריט בין איך אוועק צו דער בימה.

די ברכות האב איך גוט געקענט פון אויסווענינ און דאריבער האב איך קיין טעות ניט געהאט, נור צוויי טעג בין איך געווען א שטיקעל חולה, און די מאמע האט טאקע געזאגט, אז א בייזע עין הרעה האט מיר געשאט.

מיין כעס צו בינקאווסקי'ן איז ניט געווען אזוי שטארק, ווי מיין קנאה צו איהם. און די קנאה האט מיך געטריבען צו טהאן אלץ אין דער וועלט, אבי נושא־חן צו זיין ביי איהר. אז מיר פעהלט אין איהרע אויגען חן, האב איך גאר ניט געצווייפעלט און איך האב אויף איהר מלמד זכות געווען. שוין די פאות אליין זיינען געווען גענוג צו פער'מיאוס'ען מיך אין איהרע אויגען. ביז איצט האב איך מיינע פאות גאנץ ליעב געהאט. ווען דאס לערנען איז געגאנגען גלאטיג, האב איך זיי געקרייזעלט, געדרעהט און געהאט דערפון פערגניגען; און ווייטער אז ס'האט זיך געמאכט א שווערער עניו, האב איך גאר אהן די פאות כמעט ניט געקענט אויסקומען: צופענדיג זיי, פליקענדיג זיי, האב איך זיך מיט זיי מישב געווען און טאקע מיט זייער הילף בין איך דורכגעקראכען די שווערסטע לייענעם. איצט אבער האב איך בעשיינפערליך דערזעהען, אז די פאות מאכען מיר מיאוס און האב זיך שטארק געוואונדערט, ווי אזוי, האב איך עס ביז איצט ניט בעמערקט. דער ערשטער קרבן זיינען זיי געפאלען, און געפאלען זיינען זיי זעהר מיאוס, טאקע אזוי, אז איך האב פשוט א לאנגע צייט די אויגען ניט געקאנט ווייזען פאר קיינעם. די מעשה דערפון איז אזוי געווען: צו קיין שערער האב איך ניט געקאנט געהן, איך האב געוואוסט, אז די צונג וועט זיך מיר ניט א קעהר טהאן זאגען דעם

שערער, אַז ער זאָל מיר די פּאות אַראָפּהאַקן, און איך האָב זיך געמוזט צו דער אָפּעראַציע אַליין נעהמען. איך האָב אָפּגעזוכט דער מאַמעס שערעלע און אָפּהיטענדיג אַ צייט, ווען קיינער איז צוהויז ניטאָ, האָב איך זיך געזעצט פאַרן שפּיגעל און גענומען קירצען. אָנפאַנגס האָב איך אָבגעהאַקט די שפּיצען, אָבער אַזוי ווי איך בין אין דעם ניט געווען פּראַקטיצירט, איז איינע ארויסגעקומען לענגער און די אַנדערע קירצער. פערשטעהט זיך, אַז איך האָב איינע געמוזט ווייטער קירצען. אָבער, מעשה שטן, נעהם איך און כאַפּ ביי איהר ווידער איבער די מאָס. אַזוי לאָזען האָב איך דאָך ניט געקאָנט, האָב איך שוין געמוזט די אַנדערע פערריכטען. אַזוי בין איך פאַרקראָכען ביז איבער׳ן ביינדעל, וואָס טהיילט אָב די שלייפען פון די באַקען, כמעט מיט די שפּיץ אויערען צו גלייך. מיט דער קורצקייט האָב איך שוין געקאָנט זיין יוצא לכל הדעות, זיינען מיר אָבער אויפ׳ן וועג פון די שלייפען ביז אונטער׳ן ביינדעל פערבליבען לקט און שכחה און אַז איך האָב דאָס אויך אַראָפּגענומען האָט עס אויסגעזעהן, ווי די שטיק פּאַטעלניצע, וואָס דער רופא שערט אָב צו שטעלען באַנקעס. איך דענק, אַז די מאַמע האָט געהאַט רעכט, ווען, דערזעהענדיג מיך תיכף נאָך דער אָפּעראַציע, האָט זי פאַרבראָכען די הענט און אויסגעשריען: „ווייה צו מיר ניט, ווער האָט׳ס דיך געמאַכט, ווי אַ רעקרוט!“

קיין פערגניגען פון מיינע איצטיגע קורצע פּאות האָב איך שוין אויף אַזאַ אופן ניט געקאָנט האָבען. אַ געוויסע צייט האָב איך געמוזט געהן פערוויקעלט מיט אַ פּאַטשיילקע, נאָר דאָך האָט כיר מיין ערשטע מפּלה קיין שכל ניט איינגעגעבען. מיין באַגעהר נושא חן צו זיין ביי איהר איז אַלץ שטאַרקער געוואָרען, וואָס עפּטער בינקאָווסקי איז איינגעגאַנגען צו איהר. און בינקאָווסקי איז געגאַנגען שוין צו אָפּט. נאָר איך האָב זיך באַלד דערוואוסט, אַז זיין געהן איז ניט קיין סתם גאַנג: זי נעהמט ביי איהם אוראַקען.

איצט איז ביי מיר געבוירען געוואָרען אַ חשק צו חכמות חצוניות; אויב קענטשאַפט געפעלט איהר, האָב איך דאָך דעם

בעסטען מיטעל מיט וואס זיך אויסצוצייכענען פאר איהר. און אויסצייכענען זיך אין שכל־זאכען איז דאך פאר מיר די גרינגסטע זאך אין דער וועלט. דערויף האב איך דאך עפעס א מהרש"א קעפעל, געגוג וועט זיין ארייגקוקען בין השמשות א געוויסע צייט אין א ביכעל, און איך וועל מיט דעם שוין זיין פארטיג. און אום אויסצופיהרען דעם פלאן, האב איך זיך געווענדט צום ארים בחור, וואס פלעגט אלע טאג זיך ארויפגנב'ענען אין ווייבערשען קלייזעל לערנען די גוי'שע ביכלאך. ער האט זיך זעהר דערפרעהט מיט מיין פלאן און האט מיר געגעבען אויף דאס ערשטע מאל צום לייענען דעם „אהבת ציון". אז די גאנצע גוי'שע חכמה זאל זיך איינהאלטען אין אזא קליין ביכעל, ווי דער „אהבת ציון" איז מיר גאר ניט געווען קשה; וואס דען? זיי וועלען אויך על כל פנים האבען א תלמוד בבלי, תלמוד ירושלמי, ספרא, ספרי, מכילתא און ז. וו. און ז. וו.? און אז ביי די גוים זאל א מעשה אויך זיין א חכמה, איז מיר אויך ניט געווען קיין וואונדער, אלא וואס האט זיך מיר ניט געלאזט שיקען, ווי קומט לשון יוז צום איוב־לשון? (אז דער „אהבת ציון" איז געשריבען מיט'ן לשון פון איוב האב איך געלערענט פון דעם, וואס ער הויבט זיך אויך אן מיט: „איש היה"). נאר די טרוקענע חקירות האב איך געווארפען באלד אן א זייט, ווייל די מעשה האט מיך באלד פעראינטערעסירט און האב געבעטען דעם ארים בחור, ער זאל מיר געבען נאך אזעלכע מעשיות.

ניט טראכטענדיג וועגען דער פעולה, וואס די ביכלאך האבען אויף מיר געהאט, האב איך אליין ניט־בעמערקט, ווי איך האב זיך געענדערט. איך האב גאר ניט בעמערקט, ווי ביסלעכוויים, ביסלעכוויים האבען די ביכלאך פון מיר אראפגעצויגען די שווערע קייט, אין וועלכער מען האט מיר געקאוועט גלייך ביי מיין ארויסגעהן פון די וויקעלאך. איך האב גענומען קוקען פרייער, אטהעמען פרייער, און מיין שכל האט גענומען ארבייטען גאר אין איין אנדער ווענדונג. אליין ניט צו מערקען ווי אזוי, האב איך אמאל דורכ'ן פענסטער פערצויגען מיט „איהר" א געשפרעך, דאס הייסט איך האב א פאר ווערטער צו איהר געזאגט. די מעשה איז געווען אזוי: זי האט געפרעגט אין שטוב, פיעל איז דער זייגער? און

אַזוי ווי אין קלייזל איז געווען שטיל, האָב איך געהערט, ווי מען האָט איהר געענטפערט: האַלב דריי. אויפ'ן קלייזלשען זייגער איז געווען פינף מינוט אויף דריי, און איך האָב זיך אַרויסגערוקט פון פענסטער און געמאַכט איהר אויפמערקזאַם, אַז זייער זייגער לויפט אין כמעט אַ האַלבע שעה. איך בין תיכף רויט געוואָרען פאַר מיין געוואַגטקייט און ווען זי האָט האַלב פערוואונדערט אויף מיר אַ קוק געטהאָן, בין איך נאָך רויטער געוואָרען. נאָר ווי דאָס איז, דער ערשטער טראָט איז געווען געמאַכט, און ווייטער איז שוין געגאַנגען גרינגער. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך איהר געפרעגט, אויב זי לייענט ניט קיין אידישע ביכלאַך, און אַז זי האָט געענטפערט: „אַ, יע!" האָב איך זיך איהר אָנגעשלאָגען לייהען אַ ביכעל. קיין אידיש ביכעל האָב איך ניט געהאַט, נאָר וואו דער מוכר ספרים וואָהנט האָב איך געוואוסט, און איך בין טאַקע באַלד געלאָפען סטראָם האַלאָוואַי קויפען אָדער נעהמען אויף פּראָקאַט, אַבי ס'זאָל תיכף ווערען. אַ שפּאַס אַזאַ גליק! איך וועל האָבען אַזאַ טהייערע געלעגענהייט צו שטעהן לעבען איהר, אַזוי ווי בינקאָווסקעלע איז געשטאַנען! קען מען זיך עפּעס מעהר ווינשען?

ביז וואַנען איך האָב געקראָגען דעם ביכעל איז מיר אַביסעל דער קוראַזש אַראָפּ און דעמאָלט האָב איך זיך מיישב געווען, אַז גלייך איבערגעבען דאָס ביכעל טויג ניט, בעסער אין אָבענד: פרעמדע אויגען זיינען גאָר איבריג. איך האָב אין קלייזל געוואַרט מיט דער גרעסטער אונגעדולד, ס'זאָל שוין זיין נאָך מנחה־מעריב, און דאָס ביכעל איז מיר געווען אַ שרעקליכע משא אין קעשענע, כאָטש אין דער זעלביגער צייט איז עס ביי מיר געווען אַ טייערער אוצר. ענדליך, האָב איך זיך דערוואַרט, דערזעהן איהר, ווען זי איז אַרויס אין דרויסען און איבערגעגעבען איהר מיט ציטערדיגע הענט.

— שוין געבראַכט? — האָט זי געפרעגט און אַ שמייכעל געטהאָן צו מיר. איך האָב עפּעס געוואָלט ענטפערען, די ווערטער זיינען מיר נאָר אונטערגעקומען ביז'ן גאָרגעל און איך האָב זיי בשום אופן ניט געקענט אַרויסברענגען. אַ נס, וואָס עס איז

געווען פינסטערלאַך און זי האָט ניט געקאָנט בעמערקען, ווי איך בין אַנגעצונדען געוואָרען פאַר שאַנד פון מיין שטומענים.

— איך דאַנק אייך, — האָט זי, ניט דערוואַרטענדיג זיך פון מיר קיין ווערטער, געזאָגט און איך האָב פאַר׳ן טונקעלען שיין פון זייער פענסטער ווידער באַמערקט אַ שמייכעל אויף איהרע ליפען.

איך בין אַוועקגעגאַנגען ווי אַן אָבגעשמיסענער, דעם גאַנצען וועג האָב איך זיך געגריזשעט פאַר מיין האַלטען זיך אַזוי נאַרעש און האָב זיך געזידעלט מיט די ערגסטע ווערטער. מיין איינציגע נחמה איז געווען איהר שמייכעל: אבי זי איז צו מיר פריינדליך.

אין עטליכע טעג אַרום האָב איך איהר ווייטער אָפגעהיט און בעגעגענט זיך מיט איהר כלומרשט ווי ניט בכיון. איך האָב זיך פריהער צוגעגרייט מיט אַ געשפרעך. דאָס געשפרעך האָב איך מסדר געווען, ווי מען דאַרף גאָר ניט בעסער, נאָר ווי אויף צו להכעיס אָבער איז מיר שוין ביי׳ם סאַמע אָנפאַנג די צונג געוואָרען ווי אַ קלאָץ און פון מיין גאַנצען סדר איז געוואָרען אַ תל. דאַך האָב איך איינגעשטעלט דאָס לעבען און געפרעגט ווי עס געפעלט איהר דאָס ביכעל? שפעטער אַ ווייַלע איז שוין געגאַנגען אָהן גרויסע סכנות. איך האָב ווי ס׳איז געמאַכט עטליכע פראַגען און בין געבליבען צופרידען מיט זיך, פונקט ווי איך וואָלט האָבען געהאַט אויפגעטהאָן עפעס גאָר אַ גרויסע זאַך.

אין די השכלה ביכלאַך האָב איך געפונען אַ נאָמען פאַר מיינע געפיהלען און האָב זיך אַלץ געקליבען אַרויסרעדען זיי פאַר איהר, נאָר אַרויסברענגען עס לפועל איז מיר געווען זעהר שווער. דערווייל זיינען פון טעג געוואָרען וואָכען, פון וואָכען — מאָנאַטען, מיר זיינען שוין געוואָרען גאָר נאָהענט בעקאַנט, מיר פלעגען זיך בעגעגענען זעהר אָפט, נאָר עפענען פאַר איהר מיין האַרץ האָב איך בשום אופן ניט געקאָנט.

איינמאָל, ס׳איז דעמאָלט געווען אַ ווינטער־נאַכט, האָב איך זיך מיט איהר שטאַרק פעררעדט און, ניט בעמערקענדיג ווי אַזוי, האָבען מיר אַוועק געשפאַצירט ביז הינטער דער שטאָדט. די נאַכט איז געווען וואונדער שעהן, אויבען און אונטען בלוי און ווייס, דער הימעל פערצירט מיט בליסצענדע שטערען, און דער

ווייסער שניי מיט שטראַהלענדע אַלמאַזען. דער פֿראָסט האָט געברענט און בעפּאַרבט איהרע בעקלאַך, אויערען, קינ־באַק מיט אַזאַ רייצענד־שענע ראָזענע קאָליר, אַז ווען איך האָב איצט אויף איהר אַ קוק געטהאָן, האָב איך פּלוצים דערפֿיהלט, ווי עפּעס שטופּט מיך, שטויסט מיך מיט אַ גרויסער קראַפֿט צו איהר, און איידער איך האָב זיך אַ רעכענונג געקענט אָפּגעבען, האָב איך אומגעלומפּערט אַ בויג געטהאָן זיך צו איהר און אַ קוש געטהאָן אין ראָזיגען בעקעל.

זי האָט עס ניט ערוואַרט און האָט זיך אַ צאַפּעל געטהאָן ווי דערשראָקען. איך בין געבליבען שטעהן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ ווי אַ פֿערזינדיגטער. זי האָט זיך גלייך אַ קעהר געטהאָן צוריק צו דער שטאָדט. אָהן אַ שום וואָרט צו זאָגען, און איך בין נאָכגעגאַנגען ביי איהר זייט, ווי בענומען. איך האָב קיין וואָרט ניט געקענט אַרויסרעדען, און ווייל איך האָב געפֿיהלט, אַז איך מוז עפּעס זאָגען, האָב איך זיך נאָך מעהר פֿערלאָרען, ניט געפֿינענדיג קיין פּאַסענד וואָרט. אומזיסט האָב איך גערופֿען צו הילף די ביכלאַך, וואָס איך האָב געלייענט. נאָר ווי ווייט איך האָב געדענקט, איז ערגעץ ניט געווען קיין גלייכען צו דער איצטיגער סיטואַציע. דאָרטען איז אומעדום דער ערשטער קוש געווען אַרומגערינגעלט מיט רויזען און פּאָעזיע. וואָס פֿאַר שעהנע, וואונדערבאַרע שעהנע ווערטער דער העלד האָט געזאָגט, איידער ער האָט זיך צוגעריהרט מיט זיינע ליפּען צו איהרע. און דער קוש איז אַרויסגעקומען אַרומגערינגעלט מיט גאָלדענע פּאָעטישע שטראַהלען. און דאָ בין איך איצט געגאַנגען ביי איהר זייט ווי אַ בעגראַבענער און פֿערשאָלטען מיין אונגעלומפּערטקייט.

דער ערשטער קוש איז ניט אַרויסגעקומען געראָטען.

די גאַנצע צייט וואָס איך בין געגאַנגען ביי איהר זייט האָט מיך געשראָקען אַ געדאַנק, אַז זי וועט מיך איצט מעהר ניט וועלען קענען, און זי וועט זיין געערגערט. איך האָב גערעכענט, אַז זי איז אויף מיר שטאַרק אויפגעבראַכט און וועט מיך קיין מאָל ניט פֿערצייהען און איך וועל שוין מעהר קיין מאָל אויף איהרע אויגען ניט קענען זיך ווייזען.

אבער זי איז געוועז ניט נאר די שעהנסטע, די קליגסטע מיידעל אין דער וועלט, נאר אויך די בעסטע. און ווען איך האב איהר צוגעפיהרט צו איהר הויז, האט זי מיר געגעבען איהר האנט צום ווידערזעהן און אין א סעקונדע בין איך פון א פער׳משפט׳ען דערהויבען געווארען צו דער העכסטער מדרגה פון גליק.

פון איהר אהיים בין איך אוועק טאנצענדיג. דאס איז ניט געוועז קיין טאנץ, וואס מען לערענט אין א טאנץ־שול. קיין טענצער האט נאך קיין מאל אזעלכע פא ניט געמאכט. דאס איז געוועז אן אייגענארטיגער טאנץ, וואס קומט נאר מיט דער העכסטער התרוממות הנפש, און מען פיהלט ניט די ערד אונטער זיך. איך בין איצט געוועז גרייט ארומצונעהמען זיך מיט יעדען אדער צו שלאגען זיך מיט יעדען. אין הארצען האט אן אונבעקאנטער שטורם געבושעוועט.

נאך א טאג און נאך א טאג און איך בין געווארען אן אריינגעהער צו איהר אין הויז. פערשטעהט זיך, אז זיין א בית המדרש בחור׳ל און געהן מיט וויזיטען צו א מיידעל, אדער ווי מען האט אין שטאדט געזאגט, שפיעלען א ליעבע האט זיך ניט געריימט, און דער פרומער בחורל האט געמוזט אפטרעטען פלאץ דעם נייגעבארענעם משכיל. טאטע־מאמע האבען שטארק פראטעסטירט נעגען דעם, וואס גרעסער די שטערונגען זיינען געוועז, אלץ שטארקער איז געווארען מיין ליעבע צו איהר.

אין א יאהר ארום, האבענדיג קענטנים אויפן שפיץ מעסער, בין איך געפאהרען שטודירען. איך האב געגלויבט, אז איך דארף נאר אויסשטרעקען די האנט און דערגרייכען אלץ. יאהרענלאנג האב איך געלעבט אין גרויס דחקות און געלערענט מיט התמדה און צו מיין ציעל בין איך נאך אלץ ניט געקומען, און זי האט געווארט, געטרייסט זיך מיט די קורצע קאלטע בריוולאך און האט חתונה געהאט.

פיאָנערען פון השכלה.

(פון די כתבים פון א געוועזענעם ארים־בחור).

איך בין נאָך דערמאָלט געזעסען אין קלויז על התורה ועל העבודה... איבריגענס, רעדט זיך נאָר אזוי. אין אמת'ן אָבער האָב איך עפּעס צום לערנען גאָר א קנאָפּען חשק געהאט און אויב איך בין געזעסען אין קלויז פון פריה ביז שפּעט אין דער נאָכט, האָב איך דאָס נאָר געטהאָן, ווייל איך האָב קיין אָנדער ברירה ניט געהאט: געהן מיט וויזיטען האָב איך ניט געהאט וואו און ארומשלעפּען זיך אין די גאַסען פּאַסט ניט פאַר א לערנער: אין קלייזעל אָבער זיינען געווען חברים און דאָרט איז געווען גאַנץ פרעהליך.

דאָרטען האָב איך געקאָנט ביי טאָג, פערדעקט דאָס פּנים מיט'ן היטעל, כאַפּען א דרעמעל, שפּעטער ארומיאָגען זיך מיט די קלויזניקעס ארום בימה און וואָרפען זיך מיט לייכטערס: דער־עסט די ארבייט — שטעלט מען זיך ביים פענסטער, מען הויכט אויף די שויבען און מען צוקט אוים פערשיעדענע טיטלען, איבער־הויפּט איבט מען זיך אין למד פון לכבוד: די שויבען פון קלייזעל זיינען גרוים און דער למד, האָבענדיג גענוג פּלאַץ, קומט ארוים מאָקע צום בעוואונדערן...

איך און מיינע חברים זיינען געזעסען אין קלויז און געפיהלט זיך זעהר היימיש. דער קאָפּ, דאָס האַרץ זיינען געווען רוהיג. אמאָל נאָר פלעגט מיר דורכלויפען א געדאַנק וועגען א כלה און אינעווייניג פלעגט עפּעס א בריה טהאָן.

און פּלוצים האָט זיך אריינגעריסען אין פינסטערן, פער־שטיקטען קלייזעל א שטראָל פון השכלה. דער „אהבת ציון“ האָט

געגעבען א שיין אויף די סטענדערס און מיר האבען אלע דערפיהלט, אז עפעס א גרויסע ענדערונג איז געשעהן. אן ענדערונג. וואס סטראשעט צו מאכען א גאנצע איבערקעהרעניס אין אונזער קליינעם וועלטעל. די קראפט, פערשטעהט זיך, איז ניט געלעגען אין ביכעל, זי איז געלעגען אין דעם ווינטעל, וואס האט דעמאלט געבלאזען. און מיר האבען זיך א כאפ געטהאן ניט טוידט ניט לעבעדיג.

רעדענדיג אין א לשון פון מליצה, האבען מיר פאר'ן שיין פון השכלה פלוצים דערזעהן ווי נאקעט, ווי ארים מיר זיינען און מיר האבען זיך פערשעמט. מיר האבען זיך געשעמט אין צווייען: אי פאר זיך אי פאר אונזערע „פאנאטישע“ אידען (דאס ווארט „פאנאטישע“ איז פאר אונז געווען גאר א שפאגעל־נייעס, מיר האבען עס אקארשט אויסגעלייענט אין א העברייאישער צייטונג). און הילף האבען מיר גענומען זוכען אין „דיעטסקי מיר“.

און מיר, געוועזענע גרויסע מענשען, מיר, וואס פון ניינצעהן יאהר אן האבען אויפגעהערט צו זעהן, וואס עס טהוט זיך אויף דער ערד, ווייל אונזערע קעפ האבען איינגעשפארט דעם הימעל, מיר וואס שיטות ווי „רוכב ומנהג“, ווי „תגרי לוד“ זיינען ביי אונז געווען א קינדערשע זאך און א שווערער תוספת און קאפדרייהיגער „ויש לישב“ איז געווען א חוזק — מיר האבען מיט גרוים אפעטיט גענומען חזר'ען אזעלכע ווילדע מעשיות, ווי א הוהן, וואס האט געלייגט גאלדענע אייעלעך, און מיר האבען זיי ממש געשלונגען, ווייל מיר האבען געגלויבט, אז אין זיי שטעקט אונזער גאולה...

פון אונזער לערנען די גוי'שע ביכלאך האט קיינער ניט געוואוסט, און מיר וואלטען יאהרען־לאנג געקענט אפזיצען אין קלייזעל, האלטענדיג דאס גוי'שע ביכעל איבער'ן גמרא, נאר דער שווארץ־יאהר האט אנגעטראגען „דעם קאלעלישקען“ צו קעמען זיך עפעס אמאל שבת און דערפון איז געווארען אין קלויז א גאנצע מהומה.

דער פועל־יוצא פון דעם קעמען זיך איז געווען, אז מען האט איהם פון קלויז ארויסגעטריבען. ווערליג ער האט געזאגט, האט

איהם די מעשה הנאה געטהאָן, ווייל דאָס האָט איהם געהאָלפען פּטר'ען מיט'ן קלויז וואָס גיכער. און אין דער ווירקליכקייט איז ער געווען זעהר צופריעדען, נאָר זיין צופריעדענהייט איז געווען גאָר צוליעב אַן אנדער אורזאַך: ער האָט אויף זיך געקוקט ווי אויף אַ מאַרטירער פון בילדונג, און דאָס האָט איהם געקיצעלט.

דער קאַלעלישקער האָט אין גאָר אַ קורצער צייט בעקומען גאָר אַן אַנדער פּנים. זיינע אָרים בחורשע קליידער, געקירצט דורך ניט קיין געניטע האַנט, זיין שוואַרצע זאַגענאַנטע אינסטיטוטסקע היטעל מיט'ן רימענעם ברילעק, בעשטעלט ביי אַ היגען קירזשנער און האָט מעהר פּערטראָגען צו אַ פּויערשען היטעל, האָבען ביי יעדען געקענט אַרויסרופען אַ שמייכעל אויף די ליפּען, נאָר ביי אונז אין די אויגען האָט דאָס געהאַט דעם זיבענטען חן און מיר האָבען איהם מקנא געווען.

אין שטאָדט איז איהם באַלד אַרויס אַ שם פאַר אַ גרויסען קענער. מפורסם איז ער געוואָרען פון די קרעמלאַד, וואו ער פלעגט קויפען פּאַפּיראָסען, עסענוואַרג און שרייב־געצייג. פון די בלעטער און ביכלאַך, וואָס ער האָט געלעזען האָט ער גענאַשט היבש פרעמדע ווערטער, איבערהויפּט איז ער געווען זעהר פּאַדקע אויף די הויכקלינגענדע ווערטער, וואָס ענדיגען זיך מיט „איזמוס“ און אין זיין ריידען האָט ער זיך געסטאַרעט ווי ווייט מעגליך צו מאַכען פון זיי אַ געברויך. און מיט די קרעמערקעס האָט ער קיין אַנדער לשון ניט געפונען ווי נאָר אַזאַ. ווי מיר האָבען געוואוסט, האָט ער בלויז אויסגענוצט זייער פּראָסטקייט און האָט געברויכט ווערטער, וואָס ניט געשטויגען און ניט געפלויגען.

— די פּאַפּיראָסען האָבען געוויסע אַטריבוטען, נאָר איך קען אַבסאָלוט פון זיי קיין געברויכיזמוס ניט מאַכען, האָט ער גערעדט צו דער קרעמערקע־מיידעל, ביי וועלכע ער פלעגט קויפען פּאַפּיראָסען.

אַזאַ זאַץ איז געווען גענוג, אַז די קרעמערקע און אַלע קונה'טעס, וואָס האָבען געהערט די ווערטער, זאָלען פערנאַנדערטראָגען אויף טעלערלאַך דעם קאַלעלישקער'ס גרויסע קענטעניס.

זיין שם, זיינע קליידער האָבען אונז אויך געטריבען צו מאַ־

כען א סוף מיט'ן קלויז. איבערהויפט האט ער אין אונז אנגעצונדען א קנאה, ווען מיר האבען איהם געזעהן פארנאכט, ווי ער שפאצירט מיט א פריילין און ניט קוקענדיג אויף דער קנאה, האבען מיר צו איהם געפיהלט א גרויסע דאנקבארקייט. ווען א שטייגער מיר פלעגען זיך בעגעגענען, שפאצירענדיג אין די פריכאדעס אונטערן שטאדט, און ער פלעגט זיך אונז „קלאניען“: דערווייל ווייס א פריילין אז מיר זיינען ניט אבי ווער, מיר זיינען ניט קיין פשוט'ע ארים בחורים, דעמאלט, אין יענע מינוטען, פלעגען מיר זיך מיט איהם אינעווייניג, ביי זיך אין הארצען, גרויכען און פערגניגענען זיך מיט דער בעגעגענים, הגם זי פלעגט אונז שטענדיג שטעלען אין גרויסע בזיונות, ווייל ער, אלס היינטוועלטיגער, האט געפונען פאר נויטהיג אראפצונעמען פאר אונז דאס היטעל און נייגען זיך צו אונז, ווי אונז האט געדאכט, זעהר מאדיש, וואס מיר האבען בשום אופן ניט געקענט נאכמאכען. ערשטענס, ווייל אין די פריסאדעס האט מען שטענדיג געקענט בעגעגענען א „פאנאטיק“ און מיר וואלטען פאר „מנהג עכו'ם“ געקענט כאפען א גוטע מפלה, צווייטענס זיינען אונזערע ווייכע, זעקסקאנטיגע היטלען גאר ניט געווען צוגעפאסט דערצו און דריטענס, וואס טהוט מען מיט'ן נייגען זיך? אמת, מיר פלעגען נאך יעדער בעגעגענים מיט איהם פרובען לערנען די „פאליטיק“ פאר דער קעשענע־שפיגעלע אין קלויז, אבער מיר פלעגען שטענדיג בלייבען אונצופרידען מיט זיך און בעשלאסען בעסער ניט נאכצומאכען די בוקענים ביז א געוויסער צייט.

און מיר האבען אין א שעהנעם פריהמארגען אפגעמאכט פאר זיך הבדלה און זיינען ארויסגעטראטען פון קלויז. מיר האבען בעשלאסען צו לויפען פון דער שטאדט, וואו מען האט אונז געקענט פאר ארים־בחורים. פערקוקענדיג זיך אויפ'ן קאלעלישקען, האבען מיר אויך דעם טאג פאר'ן אפפאהרען געקויפט שווארצע אינסטיטוטסקע היטלען, נאר געטראגען האבען מיר זיי דעם וועג פון קירזשנער ביז דעם קאלעלישקערס דירה און געדוכט האט אונז, אז גאנצע מחנות קינדער לויפען אונז פון הינטען נאך און ווארפען אין אונז מיט בלאטע. מיר האבען די אויגען געהאלטען אראפגעלאזען צו

דער ערד און מורא געהאָט אָפּצוקעהרען זיך אַהינטער. ביים קאַלעלישקער אין שטוב האָבען מיר געכאַפּט די היטלען גלייך ארונטערנעהמען, כלומרשט, מיר ווילען געהן בגילוי הראש, אין אמת'ן אָבער, האָבען מיר געכאַפּט ארונטערנעהמען פון זיך די קייטען, אין וועלכע מיר האָבען זיך אליין געשמיעדט. פּעקלאַך האָבען מיר געהאַט קליינע און דעריבער זעהר ווינציג ארבייט. מיר זיינען געזעסען און געשמועסט פון אונזער קינפטיגען לעבען ביז דער בעל העגלה איז אונז געקומען אָנזאָגען, אז די אָדלערס זיינען שוין געשפּאַנט.

אין וואָגען מיט אונז איז מיטגעפאָהרען עפּעס א פריילין. און יעדער פון אונז האָט גערעכענט פאר זיין חוב אָנצוציהען מיט איהר א געשפּרעך. זאָל זי טאַקע וויסען, אז מיר זיינען ניט קיין אָרים־בחורים. נאָר אויסער דעם קאַלילעשקען האָט זיך ביי קיינעם פון אונז דאָס מויל ניט געעפענט, און אז איך האָב זיך שוין געהאַט צוגעגרייט מיט א פראַגע און האָב אויפגעעפענט דאָס מויל און שיער ניט ארויסגעשפּרונגען מיט א וואָרט, האָב איך גאָר א גענייץ געטהאָן, דאָס הייסט געמאַכט זיך געניצען און דערביי רויט געוואָרען ביז איבער די אויערען.

איך האָב זיך זעלבסט, אזוי וואהרשיינליך אויך מיינע חברים, גוט אויסגעזידעלט, האָב זיך גערופען אָרים־בחור, פּטרן, קלויזניק. נאָר דערפון איז גאָר ניט ארויסגעקומען. אָנצוציהען מיט'ן פריילין א געשפּרעך האָב איך בשום אופן ניט געוואָגט.

און דער קאַלעלישקער האָט צו איהר גערעדט און דערצעהלט איהר אויף זיין געוועהנליכען לשון, געמישט מיט פרעמדע און ניטגעשטויגענע ווערטער, פון אונזער נסיעה און ניט געשעמט זיך אפילו אָנצורופען אונז חברים. מיר האָבען ביי די ווערטער אויף איהם א קוק געטהאָן מיט פוטערנע אויגעלאַך און מוחל געווען איהם, וואָס ער זיצט צו נאָהענט צו דער פריילין...

און פונדעסטוועגען האָט דאָס אונז ניט געשטערט צו דענקען, אז מיר זיינען די זאַלץ פון יודענטהום, אז מיר פאָהרען מאַכען א גאָלדענע קרוין פאר ישראליקס קאָפּ, אז מיר וועלען בעשענען, בעפּוצען, בעפיינען דעם אָרימען אידען'ס נאָמען; אז מיר

וועלען פעראייניגען רעליגיאָן מיט בילדונג, תורה מיט השכלה, און אַז מיר וועלען מאַכען אַ נייע עפּאָכע אין דער אידישע געשיכטע....

געפאָהרען זיינען מיר אין ווילנא און דער בעל־העגלה האָט אונז אויסגעפּאַקט אין אַ גרויסער אכסניא. די ערשטע עטליכע טעג האָבען מיר זיך געהאַלטען איינער ביים צווייטען און מורא געהאַט אַ טריט צו טהאָן איינער אָהן דעם אַנדערן. אַלע אונזערע אויגען האָבען געקוקט אויפ’ן קאַלעלישקען. נאָר ער האָט אויך, ווי עס האָט זיך אויסגעלאָזט, מורא געקראָגען פאַר דער גרויסער שטאָדט. אונזער איינציגער מלאך הגואל איז געווען דער בעל־העגלה. מיר זיינען איהם נאָכגעגאַנגען ווי אַ קוה נאָך אַ קאַלב און שטונדענווייז אָפּגעשטאַנען ביי די סקלאַדען, וואו ער האָט איינגעקויפט סחורה פאַר די שטעדטעלדיגע קרעמער. נאָר אין צוויי טעג אַרום איז דער בעל העגלה אוועקגעפאָהרען צוריק אהיים און מיר זיינען געבליבען כצאן בלא רועה, ווי אַ שיף אָהן אַ רודער אויפ’ן גרויסען ברויזענדען ים.

די בעל־אכסאניא’טע האָט פון סימפּאַטיע מיט אונזערע ערהאַבענע אידעען, — ווי מיר האָבען פערשטאַנען — אונז אַריינגעגעבען שכל, אַז די ערסטע זאַך וואָס מיר האָבען צו טהאָן איז צו זוכען אַ דירה; און אַזוי ווי מיר האָבען ניט געוואוסט „מיט וואָס מען עסט דאָס“, און האָבען נאָר געקענט איהר צובאַמקען, אַז יע, יע, זי האָט רעכט, האָט זי גענומען די מיה אויף זיך און אויסגעזוכט פאַר אונז ערגעץ אויף אַ בוידעם אַ מקום מנוחה. און אויף אַזאַ אופן איז די ערסטע און הויפּט זאָרג אַראָפּ פון אונז.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז דער קאַלעלישקער אַריינגעקומען פון גאַס מיט אַ פרעהליכער מינע אויפ’ן געזיכט. פאַר’ן האַלבליכטיגען שיין וואָס האָט פון אַ קליין פענסטערל אַריינגעקוקט אין אונזער בוידעם האָבען מיר נאָר געקענט בעמערקען, אַז זיין פּנים שיינט היינט מעהר ווי אַלע מאָל. מיר האָבען זיך דערפרייט. וואַרשיינליך האָט ער עפּעס אַ גוטע בשורה פאַר אונז. נאָר ער איז געבליבען שטעהן אין מיטען צימער מיט זיין שטראַהלענדען גע־

זיכט, ניט אַ וואָרט אַרויסצוברענגען פון זיין מויל און האָט נאָר געקוקט אויף אונז.

מיר האָבען גאָר ניט פערשטאַנען און געקוועטשט נאָר מיט די פּלייצעס.

— קוקט! האָט ער ענדליך געזאָגט און מעהר אַרויסגעשטעלט זיין פּנים.

מיר האָבען געקוקט און דער רעטענים איז אַלץ געבליבען אַ רעטענים.

— טאַפּ! האָט ער צו מיר געזאָגט און צוגערוקט זיין פּנים צו מיין האַנט.

איך האָב ניט טראַכטענדיג אַ טאַפּ געטהאָן איהם דאָס פּנים און האָב אַלץ ניט פערשטאַנען, וואָס איז מיט איהם אזוי די שמחה.

— איך האָב זיך אָבגעגאָלט! האָט ער ענדליך געזאָגט מיט אַזאַ קול, מיט וועלכען מען דערציהלט פון אַ גרויסען זיעג.

און אַ מלחמה האָט ער געדאַרפט האָבען אַ שווערע. צו יענער צייט זיינען מיר אַלע נאָך געווען מאמינים. אמת, מיר האָבען ניט געגלויבט ווי אַלע „פאַנאַטיקער“, אָבער אויף עובר זיין אַ „לא תעשה“ האָבען מיר נאָך קיין היתר ניט געהאַט געפונען און דאָריבער האָט ער געדאַרפט אויסשטעהן אַ שווערע מלחמה, ווייל דער געגנער איז געווען אַ האַרטער, און ווידער צו יענער צייט איז זייז פּנים געווען ריין פון אַ מינדסטען הערעלע, גאָר אָהן אַ חתימת זקן.

זיצען אַזוי אויבען אויפ'ן בוידעם איז גאָר קיין תכלית ניט געווען. די אָרימע פּאָר גראָשען, ווי קאַרג מיר האָבען ניט געלעבט, האָבען אָנגעהויבען צורונען צו ווערען און מיר האָבען געמוזט אָנהויבען זוכען, פרעגען וואָס צו טהאָן.

איינער פון אונז האָט געגעבען אַ פּלאַן צו געהן איבער די קלויזען און זוכען אַ קלויזניק, וואָס זאָל זיין אַ בעהאַלטענער משכיל, און דער פּלאַן איז אָנגענומען געוואָרען.

מיר האָבען געזוכט און געפונען. נאָך דעם פּראָפּיט פון איהם האָט געצויגען די ערשטע צייט בלויז דער קאַלעלישקער. נאָך דער ערשטער בעקאַנטשאַפט מיט איינעם אַזאַ חברה־מאַן, האָט ער

זיך אויסגערופען געהן מיט אונז צוזאַמען אַהיים. אויפ׳ן „נעוו־סקי“ האָט זיך דער קאַלעלישקער מיט איהם אָראָפּגענומען אין אַ הויף און האָט אונז געהייסען אָפּוואַרטען. מיר האָבען געפּאָלגט. אין אַ היבשע ווײַלע אַרום זיינען זיי אַרויסגעקומען און ביים קאַלעלישקער אין האַנט איז געווען עפּעס פערוויקעלט אין אַ ווייסע שטיק פּאַפּיער. מיר האָבען געהאַט אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועג, און זיי האָבען ניט אויסגעפּייעט צו מאַכען אַ צעהן טריט צו אונז ווי ביים קאַלעלישקער האָט זיך אַרויסגעריסען פון האַלז אַ געשריי: „אוי, שלעכט!“ און כאַפּענדיג זיך מיט דער האַנט ביים האַלז, האָט ער גענומען ברעכען אויפ׳ן לאַווע ((טראַטואַר) פאַר דעם גאַנצען פּיבליקום. קוים האָבען מיר צו זיי געמאַכט עטליכע טריט ערשט ז׳ער צווייטער, אונזער נייער בעקאַנטער, האָט אויך גענומען מאַכען דעם זעלביגען קונץ. צוקומענדיג נעהענטער צו זיי, האָבען מיר פּשוט געברענט פאַר שאַנדע און אין דער זעלביגער צייט ניט געקענט איינהאַלטען זיך פון געלעכטער. ווען מיר האָבען זיך מיט זיי אויסגעגלייכט האָט דער קאַלעלישקער מיט פולע אויגען פון טרערען אויך געלאַכט. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז זיי האָבען ביי אַ שווייגען־טישעל געקויפט אַ שטיק סאַלע (חזיר־פעטס) און ניט ווּיסענדיג דעם געברויך דערפון, האָבען זיי פון דעם פּערזוכט צו שטיקלאַך.

נאַר אויב דער ערשטער פּראָפּיט, וואָס דער קאַלעלישקער האָט געהאַט פון אונזער נייען חבר, איז ניט געווען קיין געלונגענער און איז איהם אַרויסגעקראָכען באָקאָם, דערפאַר אָבער איז ער זעהר צונויז געקומען שפּעטער אי פאַר איהם אי פאַר מיינע איבריגע חברים. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ער ווייס עפּעס אַ סוד, ווי צו ראַטעווען אַזעלכע פּיאַנערען, ווי מיר זיינען געווען, פון הונגער. אַנפאַנגס האָט מען זיך פאַר מיר בעהאַלטען. זיי פלעגען מיך איבערלאָזען אַליין און ערגעץ פערשוואונדען ווערען; דערנאָך האָבען זיי זיך ניט געקענט איינהאַלטען און ענטדעקט פאַר מיר דעם סוד, אַז זיי געהען צו די מיסיאָנערען, און דאָרטען מאַכען זיי די כפול־שלשה׳דיגע ברכה, „פאַר׳ן הייליגען טאַטען און

פֿאַר דעם רוח און פֿאַר'ן זוהן און קריגען דערפֿאַר שוין אַ מאַלצייט און גרויסע הבטחות פֿיר דער צוקונפֿט.

מיר האָבען זיך באַלד צושיידט און איך האָב זיי פֿערלאָרען פֿון אויג. נאָר אין אַ יאָהר צוויי אַרום האָב איך איינעם פֿון זיי אָנגעטראָפֿען, און האָב זיך געוואונדערט, זעהענדיג איהם ווידער אין אַ זעקסקאַנטיגע, ווייכע היטעל. ער האָט מיר דערצעהלט, אַז איהם איז מיאוס געוואָרען צו געהן צו די מיסיאָנערען און צו לייי־דען הונגער און האָט זיך בעסער ווייטער בעזעצט אין אַ קלויז.

— און וואָס טהוען די איבריגע?

— דעם קאַלעלישקען האָבען די מיסיאָנערען אַוועקגעשיקט אין לאָנדאָן; ער וועט דאָרטען אויך ווערן אַ מיסיאָנער. און די איבריגע זיינען נאָך דאָ.

— וואָס טהוען זיי?

— זיי ליידען הונגער, אַ רחמנות אויף זיי.

טאַקע אַ רחמנות...

צוויי וועלטען אונטער איין דאַך.

(ערצעהלונג)

.1

ער איז געלאָפען אין בית־המדרש. דאָס זעקס־קאַנטיגע היטעל, וואָס איז געווען פערדרוקט צו דער פּאָטיליצע, האָט גרעסער געמאַכט זיין שטערן. די סאַרע אויגען מיט גרויסע מענשלאַך זיינען געווען פול מיט עררעגונג. די נאָז איז איהם געווען לענגער, ווי געוועהנליך.

ער איז געלאָפען און געבאַלבעט מיט די הענט אין דער לופטען. ער האָט צו זיך עפּעס גערעדט מיט כעס, די ליפּען האָבען זיך געשאָקעלט, דער שטערן געקנייטשט, מיט איין פינגער פון דער רעכטער האַנט האָט ער ווי געסטראַשעט עמיצען.

— נו, א פּלאַגע, האָט זיך ביי איהם אַרויסגעריסען פון האַלז, און ער האָט דערביי א דרעה געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

ער איז אַריין אין בית־המדרש און געלאָזט זיך געהן צום אויבען־אָן.

אין בית־המדרש איז איצט געווען שטיל. פון בעלי־בתים קיין לעבעדיגער נפש; דער וואָסילישקער זיצט מיט די פיס אונטער זיך און לאַטעט זיין אויבער־בגד; דער דרויער ליעגט אויסגעצויגען אויפ'ן מזרח־באַנק מיט'ן היטעל פערדעקט דאָס געזיכט און דרעמעלט; דער נאָווידוואָרער זיצט אָנגעשפּאַרט מיט'ן קאָפּ אויף די צוזאַמענגעלעגטע הענט אויף דער גמרא און שלאָפט; דער שמש זיצט לעבען אויווען און סקראַבעט אַרום דעם חלב פון די לייכטער.

— וואָס ביזטו אַזוי צוטראָגען, משה'לע? האָט איהם דער שמש געפרעגט מיט אַ צופריעדענער מינע, — אַז מיר דאַגה'ן ניט, וואָס האָט איהר צו זאָרגען? קעסט האָסטו, אַ...

משה'ל האָט ניט געענטפערט. ער האָט געוואוסט, אַז דער שמש האָט ליעב צו פאַרציהען אַ לאַנגע „גאַווענדע", ווען עס קלייבט זיך אָן פון די לייכטערלאַך היבש חלב; פון זיין צופריעדענער מינע האָט ער גלייך אַרויסגעזעהן, אַז איצט איז ער מסוגל צום רעדען און משה'לען איז איצט אַ וואָרט געווען איבריג. ער איז צוגעגאַנגען צו זיין שטאָט, געשטעלט זיך לעבען פענסטער און געקוקט פערטראַכט אויף דרויסען. ער האָט גענומען צוקען און דריידלען אויף דער שויב „מר ממות" און האָט זי אינגאַנצען בעדעקט מיט דריידלאַך פון די צוויי ווערטער. ענדליך האָט ער זיך אַ כאַפּ געטהאָן, האָט מיט דער האַנט אָפּגעווישט די גאַנצע שויב און האָט זיך געלאָזט געהן פאַזע מזרח וואַנט פון פענסטער צום אָרון קדש און צוריק.

ער איז געגאַנגען הין און צוריק און געצופּט די האָר איבער'ן שטערן. „נו, אַ פּלאַגע"! האָט ער געמורמעלט. ער האָט זיך נאָך אין גאַנצען געפונען אונטער'ן איינדרוק פון דער סצענע, וואָס ער האָט איצט איבערגעלעבט. דאָס ווייב שטעהט איהם פאַר די אויגען: די הענט האַלט זי פערלעגט און קוקט איהם אָן פער־וואונדערט, איהר געזיכט איז בלייך, אביסעל צושראָקען, דער פּאַריק מעהר ווי אַלע מאָל אַראָפּגערוקט אויפ'ן שטערן, דאָס מויל אָפען. עפּעס האָט ער איהר געזאָגט אַזעלכע ווערטער, וואָס אַ מענש אַ בר־דעת וועט ניט זאָגען.

— וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן? פרעגט משה'ל.

די פראַגע ברענגט איהר אַרויס פון דעם דול, וואָס זיינע ווער־טער האָבען אויף איהר אָנגעוואָרפען. זי בעגרייפט איצט דעם מיין פון זיין שמועס. דאָס געזיכט הויבט זיך איהר אָן צו קרימען, די ליפען — צו ציטערן, און זי ברעכט אויס אין אַ געוויין.

ער האָט ניט געקענט זעהן איהרע טרעהרען, ער איז צו איהר צוגעגאַנגען:

— זיי ראַד ניט קיין נאַר, לאָז זיך רעדען, האָט ער איהר געוואָלט אייננעהמען, און אַרויפגעלעגט אויף איהר די האַנט.

— ריהר מיך ניט אָן! האָט זי אויסגעשריען דורך טרערען און איז אָפּגעשפּרונגען א פּערציטערטע. — ריהר מיך ניט אָן! וואָס האָסטו צו מיין נשמה? איך בין טמא...

— נאַרעלע, וואָס איז דער גאַנצער ענין פון טומאה? פערשטעה דאָס מיט שכל, דו ביזט דאָך ניט קיין נאַר. ריינליכקייט איז דער ערסטער כלל פון געזונדקייט: די אידישע רעליגיאָן וויל האַלטען די אידישע טעכטער אין ריינליכקייט, דאָס איז א גאַנץ גוטע זאַך, אָבער קען דיר דען מיין האַנט אַז איך לעג זי אַנידער אויף דיין אַקסעל, מאַכען קראַנק? ביי די ווערטער האָט ער אויסגעשטרעקט זיין האַנט און האָט זי ווייטער געוואָלט אָנריהרען.

— אוועק, גזלן, פון מיר! נעהם צו דיין האַנט. איך האָב שוין היינט געהערט, ווער דו ביזט. איך זעה שוין, וואָס פון דיר איז געוואָרען... איך זעה, אַז דיין נפש אליין איז דיר קאַרג און דו האָסט זיך זאַוויניעט צו מיין נשמה... איך קען זיך מיט דיר ניט אויס'טענה'ן. איך וועל דערצעהלען דער מאַמען און זאָל זי מיט דיר רעדען.

זיין גאַנצע גבורה, וואָס ער האָט איצט און ערסט אַרויסגעוויזען אין שמועס מיט'ן ווייב, האָט איהם פּלוצלונג פערלאָזט און ער האָט אָנגעהויבען צו שטאַמלען:

— די שוויגער... וואָס איז דאָס נוגע צו איהר?... איך רעד מיט דיר, ווייל דו ביזט מיין ווייב...

פאַר דער שוויגער האָט ער שטאַרק מורא געהאַט. זי איז געווען פייער־פלאַם און האָט געקענט אויפעסען א מענשען, ווען ער איז אַריינגעפאַלען צו איהר אין מויל...

טרערען האָבען ניט אויפגעהערט צו רינען איהר פון די אויגען.

— איך בין א נאַרישע ווייבעל און פערשטעה גאַר ניט. די מאַמע איז עלטער פאַר מיר און זי וועט גיכער פערשטעהן.

— דערצעהל ניט.

— איך מוז דערצעהלען. דו קענסט מיך בריינגען צום

שמד, רחמנא לצלן: זאָל די מאַמע אויך וויסען. וואָס פון איהר איידים איז געוואָרען. עס קאָסט איהר גענוג געלט און זי מעג וויסען.

— דערצעהל ניט.

— איך וועל דערצעהלען.

משה'ל האָט אַ קלאַפּ געטהאָן מיט דער טהיר און איז ארויסגעלאָפען.

ניין, דאָס האָט ער ניט ערווארט. ער האָט גערעכענט, אז ווי נאָר ער וועט איהר געבען אַ שמיר מיט'ן זאַלב פון השכלה די אויגען, וועט זי גלייך ווערען אן אנדער מענש, וועט נעהמען קוקען אנדערס אויף דער וועלט. זי וועט פערשטעהן, אז די ריינע אמונה ליידט ניט קיין נאַרישקייטען, אז אונטער דער צייט פון דעם אידישען לאַנגען גלות זיינען אויף זייער הייליגער אמונה אָנגעוואקסען דערנער. זי וועט גלייך פערשטעהן, אז פון די געצענ־דיענער האָבען זיי זיך אָנגעלערנט נאַרישע מנהגים און אין דער צייט, וואָס זיי מיינען, אז זיי זיינען כשר'ע אידען, זיי טהוען, וואָס גאָט האָט געבאָטען, זיינען זיי, אין געגענטהייל, פאַנאַטישע, דומע, נאַרישע מענשען. ער האָט גערעכענט, אז ווי נאָר ער וועט דאָס איהר זאָגען און ערקלערען איהר מיט ראיות און חקירות, וואָס ער האָט אָנגעזאַמעלט גאנצע בערג, וועט ער ביי איהר אימה'דיג גרויס ווערען; זי וועט נעהמען שטאָלצירען, וואָס זי האָט אזא מאַן, וועלכער שטעהט העכער פון אלע שטעדטעלדיגע הן אין תורה, הן אין חכמה; ער האָט גערעכענט, אז נאָך אזא שמועס, וועט זי זיך אין גאַנצען אומבייטען און ער וועט קענען פאר איהר עפענען זיין האַרץ, אויסגיסען פאר איהר אלע זיינע געפיהלען. ער וועט זי איבערטראָגען אין זיין ליכטיג וועלטעל און זיי וועלען זיך ביידע ווארעמען קעגען דער זון פון השכלה, וועלען ביידע פאַנטאַזירען און פליהען הויך, הויך אין דער לופטען; — ערסט אויפ'ן ערסטען טריט, נאַ דיר!

— איך בין אליין שולדיג, געהט איהם איבער א נייער געדאנק אין קאָפּ; וואו איז געווען מיין שכל? פאר וואָס האָב איך ניט געקענט פערשטעהן, אז ניט מיט אַ אידענע איז צו רעדען פון אזעלכע

זאַכן. הכמת אשה בפֿלך — קאָכט, שטריקט, וואַשט! דאָס איז אייער אַרבייט, אָבער ווי קומט איהר צו שכליות זאַכן!

— געוויס, שטאַרקט זיך ביי איהם דער געדאַנק, ווי קומען זיי צו שכליות זאַכן? דערצו דאַרף מען פֿריהער שלייפֿן דעם מוח מיט גמרא. זיי האָבן נאָר ציינגלאַך.

איהם געהט אַרויף אויף'ן זינען די שוויגער. עס ווערט איהם קאַלט פֿון דעם געדאַנק אַרויפֿפֿאַלען איהר אויף דער צונג.

— זי וועט דערצעהלען... זי וועט געוויס דערצעהלען.

זיין געזיכט ווערט איבערגעצויגען מיט אַנגסט. ער בלייבט אַ רגע שטעהן און נעהמט שטאַרק רייסען דעם טשוב.

— נו, האָט מיך גאָט געבענשט מיט אַ פּלאַגע!

דאָס ערסטע מאָל צייט ער האָט חתונה געהאַט איז איהם אַרויף אויף'ן געדאַנק, אַז אַ ווייב איז ניט קיין גוטע זאַך. ביז היינטיגען טאָג איז ער געווען צופֿריעדען מיט זיין שפֿרה'ן. צייט ער האָט זי דערקענט, האָט ער פֿערגעסען נויטה און צרות. בחור־ווייז האָט ער זיך אויסגעוואַלגערט אין אַלע ישיבות און קלויזען. און כאָטש דאַרטען האָט איהם אויך גאָר ניט געפֿעהלט, וואַכער אָדער אַ טעפּעל האָט ער שטענדיג געהאַט און די באַנק פֿון בית־המדרש איז פֿיר איהם געווען אַ ווייכער געלעגער, האָט ער דאָך געפֿיהלט, אַז נאָך דער חתונה איז איהם זיין לעבען פֿיעל זיסער געוואָרען.

משה'ל האָט געפֿאָדערט פֿון לעבען זעהר ווייניג. וואָס ער האָט געהאַט, איז פֿיר איהם געווען גענוג. ס'אַר אַ דאגה זיינע, איז דער כאַלאַטעל גאַנץ אָדער צוריסען; וואָס געהט איהם אָן, אַז אין אַ רעגענדיגען טאָג קוואַקטשעט ביי איהם אין די שטיוועל, און זעהר אָפֿט האָט ער זיך אפילו ניט געכאַפּט, אַז דאָס קוואַקטשעט ביי איהם; וואָס אַרט איהם, אַז די סקאַרפּעטקעס זיינען צופֿוילט? די זאַך, צו וועלכער ער האָט געהאַט חשק, איז געווען אַ פֿרישע העמד לכבוד שבת. אַז ער האָט עס ניט געהאַט, האָט איהם דער לייב געשמאַרצט אַ גאַנצע וואָך, און ער האָט ניט אויפֿגעהערט צו רייבען זיך אָן ראָג באַנק, אויף וועלכער ער איז געזעסען און געלערנט; און די העמד האָט איהם אָפֿט געפֿעהלט, צי ווייל

ער האט געהאט ווייניג וועש אדער ווייל ער פלעגט פון גרויס התמדה פערגעסען אריינטראגען צו דער צייט צו דער וועשערקע, ווי דאס איז, עס איז פיר איהם געווען אן אייביגע פאקוטע: איז עס ניטא? הייסט קראצען זיך א גאנצע וואך. פאראן? האסטו פרייטאג א געשעפט נייהען קנעפלאך אין קאלנער, ערגעץ צושטעכען. איצט אבער איז א גן עדן: אלע פרייטאג צו נאכט ליגט שוין גרייט פיר איהם א ריינע העמד, א ריינע פאר סקארפעטקעס...

פרייטאג צו נאכט האט ער זיין שפרה'ן טאקע גאנץ ליעב. א גאנצע וואך זעהט ער זי כמעט אין די אויגען ניט אן. ער זיצט פון פריה ביז שפעט אין דער נאכט אין קלויז און זי — אין געוועלב, אפילו צו מיטאג קומען זיי זיך ניט אויף צוזאמען. אז ער קומט ביי נאכט פון בית המדרש ליגט זי שוין אין בעט און שלאפט. ער איז אין גאנצען אריינגעטהאן אין א וועלט פון רוחניות און זי פון גשמיות, שבת נאר מאכט ער אביסעל שוואכער דעם יאך פון דער תורה, פערבויגט אביסעל דאס לערנען און גיט זיך אפ מעהר צו עסען, טרינקען און צום ווייב: אמת, דאס טהוט ער אלץ לשם שמים, ניט חס ושלום פיר'ן זינדיגען גוף, נאר דער גוף האט אויך הנאה. זי אויך ווארפט שבת אראפ פון זיך דעם יאך פון געשעפט און קלייבט פערגניגען פון מאן.

„מה יפית ומה נעמת אהבה בתענוגים“ זינגט ער מיט הארץ פרייטאג צו נאכט נאך פיש. זיינע בליכע, אויסגעווייקטע באקען ווערען בעצויגען מיט א רויטליכער פארב פון דעם ביסעל בראנפען און עס שיינט, אז אויף איהם רוהט די שכינה. שפרה זיצט אנטקעגען איהם מיט די בריליאנטענע אויערינגלאך, אנגעטהאן לכבוד שבת, רייז ארומגעוואשען און שיינט ווי א בת־מלכה. זי הערט זיך צו צום מאנ'ס געזאנג און דאס הארץ קוועלט איהר אן.

„מה יפית ומה נעמת אהבה בתענוגים“ פערשטעהט זיך, אז ער וועט זיך אויפ'ן קול ניט נעהמען פערנאנדערזינגען אין אזעלכע ווערטער דעם ווייב: ער מיינט דאס ניט שפרה'ן: ער האט אין זינען א העכערע ליעבע, ווי די, וואס מען האט צו פרויען, נאר אז אנצוהערענים איז דא פאראן, און זיינע אויגען גיבען זיך א קעהר צו שפרה'ן און ער דערפיהלט, אז זיין נשמה איז ניט קיין ראזעס...

פרייטאָג צו נאַכט האָט ער זיין שפרה'ן שטאַרק ליעב, זיי פיהלען זיך ביידע אזוי נאָהענט איינער פון צווייטען, ביידע האָבען איינע געפיהלען. ער זינגט, זי איז זיך מחיה, ער עסט און זי קוועלט אַז, זי סאַרווערט און ער היט איהרע בעוועגונגען. און די ערסטע צייט נאָך דער חתונה האָט ער זי אין גאַנצען געוואָלט צוציהען צו זיך און אריינברייגגען איהר אין זיין וועלטעל. ער איז איהר געקומען דערצעהלען, ווי ער האָט היינט געהאָרעוועט אויף א מהרש"א: „פערשטעהסט? א מהרש"א איז א שווערע זאַך, זעהר א שווערע זאַך, ווי זאָל איך דיר דאָס אָפּמאָלען? און א הארבער מהרש"א איז טאַקע ממש..." נאָר אין גיכען האָט ער אויפגעהערט משמח צו זיין איהר מיט זיינע גליקען, כאָטש זי פלעגט אָנקוועלען, הערענדיג זיינע רייד. ער האָט א טעות געהאַט אין פשט, ער האָט געמיינט, אז ווי באַלד ער וועט איהר דאָס דערצעהלען, וועט זי נעהמען אויספרעגען: פאַר וואָס איז דער מהרש"א הארב, אויף וואָס שטעלט ער זיך? און ער וועט זיך נעהמען מיט איהר מפלפל זיין, דערווייזען איהר אלע דרעדלאַך און שפּיצלאַך און ווי מען פאַלט ארויף אויף דער סברא. ער האָט איהר געוואָלט ווייזען, וואָס פיר א שווערע זאַך די גמרא איז, ווי דער קאָפּ דאַרף זיין אויסגעשאַרפט צום לערנען און מיט דעם געבען איהר עפּעס א בעגריף פון זיין גוואַלדיגען כח אין יענע זאַכען: — נאָר זי שווייגט..

קיין חבר'שאַפט מיט שפרה'ן האָט ער ניט געקענט שליסען. ער האָט זיך נאָך טיעפער פערגראָבען אין זיין נאָרע און געלעבט פאַר זיך.

די פראַגע, וואָס האָט שפרה צו טהאָן מיט איהם? איז איהם קיין מאָל אויפ'ן זינען ניט ארויפגעקומען און האָט איהם ניט געקענט ארויפקומען. ער האָט געוואוסט, אז ער איז א מאַן אין זי א ווייב, זי זיצט אין געוועלב און ציהט די פרנסה און ער זיצט אין בית המדרש און לערנט, און אויף יענער וועלט וועלען זיי זיך ביידע טהיילען מיט'ן שכר.

זיי וואָלטען ביידע אזוי אויסגעלעבט די יאָהרען צופריעדען, איז אָבער געקומען א גאַנצע איבערקעהרעניס אין זייער לעבען.

צו זיי אין בית־המדרש איז אַראָפּגעקומען א וואָלאָזשינער בחור. ער האָט זיך פערקליבען אין א ווינקעל און איז דאָרט אָפּגעזעסען פון פריה ביז שפעט אין נאַכט. מיט די חברים פרושים האָט ער זיך געהאַלטען פון דערווייטענס. משה'לען איז ער שטאַרק געפעלען געוואָרען פיר זיין התמדה און ער האָט זיך גענומען צו איהם מתקרב זיין. ער האָט געזאָרגט פיר זיינע „טעג" און געזוכט צו פערציהען מיט איהם א שמועס.

דער וואָלאָזשינער האָט זיך אָנפאַנגס ניט געלאָזט אריינציהען אין א שמועס. ער האָט געקוקט פערדעכטיג אויף יעדען, וואָס איז צו איהם נאָהענט צוגעטראָטען; ער האָט געהאַט דעם קוק פון א מענשען, וואָס האָט מורא פיר שפיאָנען, און ווען משה'ל פלעגט צו איהם צו געהן, פלעגט ער איינציהען די אויגען און נעמען קוקען אויף איהם אזוי דורכדרינגענד, ווי ער וואָלט מיט'ן בליק וועלען דורכשטעכען זיין הארץ און זעהן, וואָס דאָרטען קומט פאָר. משה'ל פלעגט זיך פון דעם קוק פערלירען און האָט ניט געהאַט גענוג מוטה צו פערציהען א לאַנגען שמועס, נאָר אין עטליכע וואָכען ארום האָט דער וואָלאָזשינער אויפגעהערט צו קוקען אזוי שאַרף און פערדעכטיג און משה'ל האָט מיט איהם געשלאָסען פריינדשאפט.

משה'ל האָט איהם זעהר ליעב געקראָגען: ער האָט אויסגעפונען, אז ער האָט א שאַרפען קאָפּ, איז א מזיק אין פלפול און דערצו א בקי.

עס האָט זיך גענעהערט שבועות צייט. די טעג זיינען געוואָרען גרעסער, דאָס גראָז איז געוואָרען גרין און די בוימער האָבען זיך גענומען בעדעקען מיט בלעטלאַך. בין מנחה־למעריב פלעגט דער וואָלאָזשינער ארויסגעהן מיט משה'לען אין דרויסען און שפּאַצירענדיג שמועסען.

משה'ל האָט פון שפאַציר ניט געהאַלטען, פון שפאַצירען אונטער דער שטאָדט. ער האָט פערשטאַנען, וואָס הייסט שפאַצירען, א שטייגער, שבת פאַר נאַכט איבער'ן שול־הויף, ווען דער עולם זאָגט תהילים; אָדער תשעה־באָב פאַר קינות, איידער דער

עולם קלייבט זיך צונויף, און די באַדיונגען וואַרפען זיך מיט שישקעס, דורכגעהן זיך פערביי דעם בית־המדרש אין קאַלאָשען; אָדער יום־כפור נאָך נעילה, ווען דער בעל־תפילה האָט געענדיגט. פאַר צאת הכבבים, און דער גוף איז צובראָכען, אַרומגעהן אין סקאַרפּעטקעס אין דרויסען, זעצען זיך אויף א שטיין און אָפּכאַפּען דעם אָטהעם; אָבער סתם געהן שפּאַצירען און נאָך ווי, אונטער דער שטאָדט — וואָס פיר א טעם האָט דאָס?

נאָר דער שפּאַציר מיט'ן וואָלאָזשינער האָט זיך ביי משה'לען אָנגעהויבען אַזוי, אַז ער האָט אַליין ניט בעמערקט. זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען גלאָט אין דער וועלט אַריין, נאָר גלייך האָט זיך ביי זיי פערבונדען א שטיקעל וכוח. ווען דער וכוח האָט זיך געענדיגט, זיינען זיי שוין געוועזען אונטער דער שטאָדט. עס האָט זיך נאָר געזעהן דער שפּיץ קלויסטער און, להבדיל אלף הבדלות, דער דאַך פון שוהל. די זון, אַ גרויסע און אַ רויטע קוגעל, האָט געהאַלטען ביי'ן אונטערגעהן. דער הימעל איז געוועזען ריין, פון די פעלדער האָט געווייעט מיט פרישען יונגען גראָז, ניט ווייט אויף א בוים זיינען געשטאַנען צוויי בוטשאַנעס און געדאַוועוועט אויף זייער לשון מנחה.

דער וואָלאָזשינער האָט זיך אָפּגעשטעלט און משה'ל איז אויך געבליבען שטעהן.

— לאָ'מיר זיך צוזעצען, האָט דער וואָלאָזשינער געזאָגט.

משה'ל, וועלכער האָט זיך ניט אָפּגעשראָקען פיר דער דריטטער מכה פון מצרים, פאַר די קהל'שע וואַנצען אין בית המדרש, פאַר די פרייסען אין אַלע אָרימע הייזלאַך, וואו ער האָט אַמאָל געגעסען טעג, האָט מורא געהאַט צו זעצען זיך אויפ'ן גראָז צוליעב די קליינע פליגעלאַך און זשוקלאַך, וואָס קריכען דאָרט אַרום. ער האָט זיך אַלע ווייַלע אַרומגעקוקט צו קריכט ניט א פליגעלע אויף איהם און געקראַצט זיך פון געדאַנק, טאָמער האָט זיך איינס פערגנב'עט צו איהם אונטער'ן העמד.

— א שעהנער אָבענד! — האָט דער וואָלאָזשינער געזאָגט.— ווען איך געה אַרויס אויפ'ן פעלד, אויפ'ן גרינעם גראָז, קעהרען

זיך מיר אום מיינע קינדערשע יאָהרען. און מיר וואָלט זיך וועלען לויפען, שפּרינגען... אך!

— משה׳ל האָט איהם אַנגעקוקט פערוואונדערט: געהערט. וואָס א מענש רעדט! פון וואָס א מענש קריגט דאָ התפּעלות!

— און איהר פיהלט גאָר ניט? האָט דער וואָלאָזשינער געפרעגט.

— וואָס זאָל איך פיהלען? האָט משה׳ל אַ קוועטש געטהאָן מיט די פּלייצעס.

— אייך ווילט זיך גאָר ניט לויפען, שפּרינגען?

— וואָס בין איך משוגע, רחמנא לצלן, חסר דעה?... נאַר. מהיכא תיתא, מיר דאַרפען טאַקע אונטעראיילען זיך אַביסעל, מיר קענען נאָך פערזאַמען מעריב.

ביי די דאָזיגע ווערטער האָט ער זיך געשווינט אויפגעהויבען פון גראָז.

דער וואָלאָזשינער האָט געמאַכט שהיות.

— וואָס איז די איילענים? האָט ער געפרעגט.

— אַז מיר וועלען זיך צו איילען, וועלען מיר נאָך כאַפּען אַ ברכו.

— און „פאַר זיך" קען מען ניט דאַוונען?

— אַבער בצבור?

— איהר ווייסט, איך וועל אייך זאָגען אַ סוד, אַז איך וועל ניט געבען אַ שילינגער פיר׳ן גאַנצען דאַוונען.

— וואָס הייסט, — האָט משה׳לע געשטאַמעלט, — דאַוונען איז דאָס זעלבע וואָס קרבנות.

— און אַז ווי קרבנות איז וואָס? קרבנות זיינען געווען אַ מין עבודה־זרה?

— אַ מין וואָס? האָט משה׳ל געפרעגט און איז געבליבען שטעהן, ווי פון דונער געטראָפען. ער האָט ניט געגלויבט זיינע אייגענע אויערן, — וואָס האָט איהר געזאָגט?

— דער רמב׳ם איז געווען אַ כשר׳ער איד, האַ? האָט דער וואָלאָזשינער געענטפערט מיט אַ פראַגע.

— אַנטקעגען וואָס פרעגט איהר?

— איך דאַרף דאָס וויסן.

— פּטור! נו ?

— ווייסט איהר וואָס פֿיר אַ ספרים ער האָט געשריעבן ?

— „יד החזקה“, „שמונה פּרקים.“

— און מעהר ניט ?

— דוכט זיך, ניט.

— פֿון „מורה נבוכים“ האָט איהר געהערט ?

—ניין ; דער רמב'ם האָט דאָס געשריעבן ?

— איך וועל אייך מאָרגן ווייזן דעם „מורה נבוכים“, וועט איהר זעהן, וואָס דער רמב'ם זאָגט וועגן קרבנות.

— אַז זיי זיינען... ווי האָט איהר געזאָגט ? האָט משה'ל מורא געהאַט אַרויסצוברענגען פֿון זיין מויל.

— קרבנות איז ריינע עבודה זרה.

— און דער רמב'ם זאָגט דאָס אַזוי ?

— איהר וועט מאָרגן זעהן.

משה'ל האָט פֿערגעסן אַן מעריב, פֿערגעסן אַן אַלץ. ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט דעם וואָלאָזשינער'ס ווערטער וועגן רמב'ם.

דעם גאַנצן וועג האָבן זיי געשוויגן און ווען זיי זיינען צוגעקומען נאָהענט צום בית המדרש האָט זיך משה'ל געכאַפּט :

— אך, מיר האָבן שוין פֿערזאַמט מעריב.

אין קלויז זיינען נאָך געזעסן עטליכע בעלי־בתים. משה'ל האָט געוואַשען די הענט ביי'ן כיור און האָט זיי, געהענדיג, מיט'ן פּאָלע אָפּגעווישט. נאָך מעריב איז ער צוגעגאַנגען צום וואָלאָזשינער, ער זאָל איהם שוין ווייזן דעם „מורה נבוכים.“

— וואַרט ביז דער עולם וועט זיך צוגעהן.

— און דער רמב'ם אליין זאָגט דאָס ? האָט משה'ל געפֿרעגט.

— דער רמב'ם אליין.

— טאַקע דברים ככתבם, אַזוי ווי איהר האָט מיר געזאָגט.

— אַזוי ווי איך האָב געזאָגט.

— פֿאַר וואָס ניט שוין ?

— וואָס איילט איהר זיך ?

—גלאַט אַזוי: איך וואָלט וועלען זעהן וואָס גיכער.

ווען די עטליכע פערשפּעטיגטע בעלי־בתּים זיינען זיך צוגאַנגען, האָט דער וואָלאָזשינער אַרויסגענומען פון זיין קעסטעל אַ דיקען ספר און אויפגעמישט. וואו עס ווערט גערעדט וועגען קרבנות.

— נאַט, לייענט.

משה׳ל האָט געלייענט און ניט געקענט גלויבען זיינע אויגען:

— עס קען ניט זיין.

— וואָס קען ניט זיין?

— וואָרט, פון וואַנען ווייס איך, אַז דער רמב׳ם האָט דאָס געשריבען?

— קוקט איבער דעם שער, זעהט דורך די הקדמה, וועט איהר וויסען.

משה׳ל האָט אַזוי געטהאָן.

— שאַ, האָט משה׳ל נאָך אַ קורצען נאָכדענקען און שטאַמלען אויסגעשריען ערפרייט: מנלן, אַז דער פּשט איז אַזוי?

— קוקט איבער נאָך אַמאָל, האָט דער וואָלאָזשינער געענטפערט קאַלט.

ער האָט איבערגעקוקט אַ צווייטען מאָל און האָט זיך פערטראַכט.

— נו, און וואָס זאָגט איהר? האָט ער געפרעגט פערצווייפעלט.

— וואָס זאָל איך זאָגען?

— איך מיין, ווי לערנט איהר דעם פּשט?

— די ווערטער זיינען גאַנץ קלאָרע.

אלא מעתה קומט אויס, אַז וואָס? אַז דער רמב׳ם זאָגט, אַז קרבנות זיינען געווען אַז עבודה זרה? און דאָס איז דאָך אַ זאַך, וואָס קען ניט זיין.

דער וואָלאָזשינער האָט ניט געענטפערט.

— פון וואַנען ווייס איך, אַז דאָס וואָס שטעהט אויפ׳ן שער איז אמת? טאָמער, פערשטעהט איהר מיך, טאָמער האָט גאָר אַן אַנדערער אונטערגעשריבען זיין נאָמען?

— גוט: און פון וואַנען ווייסט איהר, אַז דאָס, וואָס שטעהט אין גמרא: אמר רבא, צי אמר אביי, אַז דאָס האָט געזאָגט רבא אָדער אביי? טאָמער, פערשטעהט איהר מיך, טאָמער האָט דאָס גאָר אַן אַנדערער אָנגעשריבען?

— נאָר אַ גלייכעניס, מאי אריא הכא להתם!

נאָך אַ היבשער צייט האָט משה'ל געפרעגט אַזעלכע קשיות און מערקווירדיג, ווי זיי האָבען זיך דאָ צוביטען מיט די ראָלען. משה'ל דער מאמין, וועמעס געדאַנק איז קיינמאָל ניט געווען בעאונרוהיגט פון אַ ספק, האָט ניט געגלויבט דעם שיין, האָט בודק געווען יעדעס וואָרט, און דער וואָלאָזשינער, וואָס האָט איצט דורכגעלעבט דעם פעריאָד פון סקעפּטיציזמוס (ספקות), האָט אַרויסגעוויזען די גרעסטע אמונה אין אַ געשריבענעם וואָרט. ענדליך האָט זיך משה'ל אויפגעהויבען און איז אַוועק אַהיים.

משה'ל האָט לאַנג, לאַנג ניט געהאַט אַזאַ צושטערטע נאַכט. ער האָט זיך אַ צייט געוואָרפען פון איין זייט אויפ'ן צווייטען און ניט געקענט איינשלאָפען.

אַ פּאָר אָפּגעהאַקטע געדאַנקען האָבען איהם געלעכערט דעם קאָפּ, פאַר די אויגען האָבען זיך איהם געטראָגען אָפּגעריסענע ווערטער, זיי האָבען אַרומגעשוועבט אין דער לופט, און ער האָט זיך פון זיי ניט געקענט אָפּווענדען. רמב'ם, עבודה זרה, קרבנות. דאַוונען, וואָלאָזשינער — האָבען זיך געדרעהט אין דער לופט אַ קאַראַהאָד, און ער האָט געקוקט און ניט געוואוסט, וואָס מיט איהם טהוט זיך. ענדליך האָט זיך דער שלאָף אויף איהם מרחם געווען און האָט איהם פערמאַכט די אויגען.

נאָר דאָ איז געקומען אַ מלאך, וואָס איז ממונה אויף חלומות און האָט מיט אַ פּענזיל געמאָלען בילדער, וועלכע זיינען אויסגעקומען אַלס אַ אילוסטראַציאָן צו די אָפּגעריסענע ווערטער, וואָס האָבען איהם פריהער געשוועבט פאַר די אויגען. ער האָט געזעהען אַ טאַנץ פון געצענ־דיענער, דאָס איז געווען אַ ווילדער טאַנץ, מען האָט זיך געדרעהט ווי רוחות, צווישען זיי איז אויך געווען דער רמב'ם מיט משה'לען, זיי האָבען איהם אַריינגעשלעפּט אין מיטען, און ער האָט געמוזט מיטטאַנצען. ענדליך זיינען אַלע

פערשוואונדען, פערשוואונדען איז אויך די ערד און ער האָט גענומען פאַלען ערגעץ אין א תהום, עס האָט איהם פערכאַפט דער אַטהעם, ער האָט געוואָלט אויסשרייען און האָט זיך אויפגעכאַפט.

א קאַלטער שווייס האָט בעדעקט זיין געזיכט; ער האָט אַווײלע געקוקט צוטומעלט, האָט אויסגעשפייט דריי מאָל און איז באַלד געקומען צו זיך.

— א סימן, אז ער וועט עולה לגדולה זיין, האָט ער זיך געאיילט אויסלעגען צו גוטען דעם חלום, האַבענדיג אין זינען, אַז כל החלומות אחר הפה יהלוכון, א חלום ווי מען לעגט איהם אויס, אזוי ווערט ער מקוים.

דאָך איז ער א גאַנצען טאָג געווען אונרוהיג: „אַז עס חלומ'ט זיך איינעם, אַז ער פאַלט אין א תהום, איז א סימן, אַז ער איז זינדיג“.

ער האָט געקוקט אין גמרא, נאָר ער האָט פאַר זיך די ווערטער ניט געזעהען, זיינע אינערליכע אויגען האָבען זיך בשום אופן ניט געקענט אָפרייסען פון יענער אונגליקליכער שטעלע, וואָס דער וואָלאָזשינער האָט איהם בעוויזען אין מורה נבוכים.

פלוצלונג איז זיין געזיכט געוואָרען פרייליכער, א גליקליכער געדאַנק האָט איהם א שיין געטהאָן: דער וואָלאָזשינער האָט איהם געוויס בעוויזען אַן עניין מקוטע, און דערפון קומט אַרויס די גאַנצע צרה.

— פון אַן עניין מקוטע קען מען קיין זאַך ניט לערנען. אַלאַ אזוי קען אויסקומען, אַז אין דער תורה שטעהט: ועבדתם אלהים אחרים, און איהר זאָלט דיענען פרעמדע געטער.

משה'לען איז איצט געוואָרען אזוי גרינג, אז ער איז אויפגעשפרונגען פון זיין אָרט און איז צוגעלאָפען צום וואָלאָזשינער.

— איצט פערשטעה איך שוין! האָט ער געזאָגט און געריבען די הענט פאַר שמחה.

— וואָס פערשטעהסטו?

— איך פערשטעה שוין יענעם עניין.

— וועלכען עניין? — האָט איהם דער וואָלאָזשינער אָנגעקוקט פערוואונדערט.

— יענעם ענין, מכח די קרבנות.

— הא! נו, וואס פערשטעהסטו?

— דאס איז אן ענין מקוטע.

— בכן?

— בכן, אז מען וויל אזא זאך דערגעהן ריכטיג, דארף מען דעם גאנצען ספר איבערלייענען.

— ווילסטו דעם מורה גבוכים?

— יע.

— דו וועסט דארטען וועניג פערשטעהן.

מען האט געקענט דענקען, אז משה'ל וועט זיך דערפון בעליידיגען, נאר ארויסגעוויזען האט זיך, אז ניט נאר האט ער זיך ניט בעליידיגט, זאנדערן ער האט זיך דערפרייט.

— אהא! וואס האב איך נעכטען געזאגט? עס קען זיין, אז מיר פערשטעהען דארטען ניט.

— וואס איך האב דיר בעוויזען, איז א גרינגע זאך און א בר בי רב דחד יומא וועט דאס פערשטעהן, נאר דארט געפינען זיך שווערע שטעלען.

— און דו פערשטעהסט?

— יע.

— פאר וואס וועל איך ניט פערשטעהן?

— ווייל דו ווייסט ניט דעם לשון און דער ענין איז דיר א פרעמדער.

— און דיר?

— איך בין אביסעל בעקאנט.

— פון וואנען?

— פון אנדערע ספרים.

— גיב מיר יענע ספרים.

— יענע ספרים זיינען געשריבען ניט אין אידיש...

— ניט אין אידיש!?

— וואס וואונדערסטו זיך אזוי?

— אין גויש?

— אין גויש.

משה׳ל האָט ניט פערשטאַנען, וואָס דער חבר רעדט צו איהם. א בעגריף פון גוים האָט ער געהאַט אזוי, אז זיי זיינען אן עם הדומה לחמור, אז זיי זיינען אייזלען אין דער געשטאַלט פון מענשען. ווער זיינען גוים ? פּויערים אין לאַפּטשעס און אין סערמיגעס, גנבים און שכורים. „זיי רואה, זיי זאָלען עפּעס ניט לאַטכענען, מען דאַרף זיי היטען ווי דאָס וויסעל פון אויג“, זאָגט איהם אָן די שוויגער אדער דאָס ווייב, ווען ער קומט אמאָל אין קראָם און געפינט א פּאָר פּויערים קונים — און ווען עס קומט אויס אמאָל מאָנטאָג פאַרנאַכט נאָכ׳ן מאַרק אדורכגעהן די גאַס, זעהט ער, ווי אלע שיינקען זיינען אָנגעפּילט מיט פּויערים, און אלע רינשטאָקען קייקלען זיי זיך ווי חזירים. קען מען פון די גוים עפּעס לערנען ? נאָר באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, אז מסתמא מיינט מען דאָס אנדערע גוים, און ער האָט געפרעגט.

— און דו קענסט גויש ?

— איך פערשטעה א פּאָר שפּראַכען.

משה׳ל האָט זיך פון איהם אינסטינקטיוו אביסעל אָפּגערוקט. ביז איצט איז דער וואָלאָזשינער געווען זיינער א חבר, א חבר, וואָס האָט צופעליגערווייזע אריינגעקוקט אין אזעלכע ספרים, וועלכע ער האָט ניט בעגעגענט. איצט אָבער איז פאַר איהם געשטאַנען א פרעמדער מענש, א מענש, וועגען וועלכען מען ווייס ניט, פון וואַנען ער איז געקומען, וואָס טהוט זיך ביי איהם אין הארצען. ער האָט אויף איהם א קוק געטהאָן פערדעכטיג.

— און וואָס האָבען גוים צו טהאָן מיט׳ן רמב׳ם ?

— מיט טהעאָלאָגיע האָבען זיך בעשעפטיגט ניט נאָר אידען....

— וואָס איז טהעאָלאָגיע ?

— א תורה וועגען גאָטהייט.

— און וואָס ווייסען גוים דערפון ?

— זיי אינטערעסירט דאָס פונקט אזוי ווי אידען.

— וואָס ? וועגען א צלם איז אויך פאַראַן א תורה ?

— דו רעדסט, משה׳ל, ווי א קינד.

— פאַר וואָס ? וואָס איז זייער גאָט — ניט קיין צלם ?

— און דו ווייסט פון אַפּלטון, אריסטוטלוס? דו ווייסט ווער זיי זיינען געווען?

— פּטור, געווים, פּילוסופים.

און ווייסטו, אַז זיי זיינען געווען געצעצנ־דיענער? דאָס הייסט געצענ־דיענער, וואָס האָבען פּילאָזאָפיש פערשטאַנען גאָט?

— ניין, איך ווייס דערפון ניט.

— און אַז דו ווייסט ניט, טאָ שוויינ בעסער. דאָס פּאַסט פיר אַ אידענע, אָבער ניט פיר אַ מענשען, ווי דו ביזט.

משה׳ל איז פון וואָלאָזשינעם אָפּגעטראָטען אַ דערשלאָגענער. זיין גאַנצע תקיפות האָט איהם אָפּגעלאָזט. ער, דער וואויל־לערנער, וואָס איז יומם־ולילה געזעסען על התורה ועל העבודה, ער, וואָס האָט נאָר געהאט אין זינען מקיים צו זיין די מצוות פון דער תורה, ער וואָס האָט נאָר געזוכט צו עררייכען דאָס אידעאַל: אדם כי ימות באהל — איז ער אזוי ווייט פון חקירה, אַז ער קען אפילו ניט פערשטעהן, וואָס אַ געצענ־דיענער האָט געשריבען!... אַ אידענע פון מאַרק קען זיך מיט איהם אויסגלייכען אין אַזעלכע זאַכען! און אויף וואָס האָט ער אָפּגעהאַרעוועט זיינע אַלע יונגע יאָהרען?

משה׳ל האָט זיך געזעצט צו דער גמרא, האָט געדרעהט דעם משוב אויפ׳ן קאָפּ, געקוקט מיט פערטראַכטע אויגען אין דער לופט און געזעהען, ווי זיין גאַנצקייט, זיין פאָלקאָמענהייט ווערט פערשוואונדען: ביז אהער אַ זוהן פון דעם קליגסטען פאָלק ישראל, דער בעסטער יונגערמאַן אין שטעדטעל, אַ ברכה ביי ווייבער, דער שטאָלץ פון דער שוויגער, אַ תכשיט ביי׳ם ווייב, האָט זיך פּלוצלונג דערזעהען ניט אויסגעוואַקסען געגנוג צו פערשטעהן אַ געצענ־דיענער פּילוסוף. ער האָט געקוקט ווי זיין גרויסקייט ווערט פערשוואונדען און דאָס האַרץ האָט איהם גענומען וועה טהאָן, און וואָס מעהר דער וועהטאָג האָט זיך פערשפּרייט, אַלץ מעהר איז אין זיינע אויגען געוואַקסען דער וואָלאָזשינער.

עטליכע טעג האָט ביי איהם אָנגעהאַלטען אַ שטאַרקער קאַמף. אַ וועלט איז ניט משוגע, אַז אַ שטעדטעל רעכענט איהם פיר׳ן בעסטען יונגען־מאַן, איז דאָס ניט אומזיסט, אָי וואָס די נאַרישע

חקירה, דאַרף דאָס גאָר אַ איד ניט האָבען... נאָר וואָס הייסט, ער וועט ניט פערשטעהן, וואָס אַ געצענ־דיענער האָט געזאָגט אָדער געשריבען ?

ער האָט ביי'ם וואָלאָזשינעם גענומען דעם מורה נבוכים און אין אַ קורצע ווײַלע האָט ער זיך געמוזט מודה זיין, אז ער פערשטעהט פיעלע שטעלען לחלוטין גאָר ניט. דאָ האָבען איהם געפעהלט פשוט ווערטער, דאָ האָט ער בעגעגענט אַ זעהר דונקעלען ענין און נאָך דאָסגלייכען.

איצט זיינען געוואָרען זיינע ויכוחים מיט'ן וואָלאָזשינעם נאָר אין חקירה, און אזוי ווי ער האָט איהם ניט געקענט נאָכהאַלטען, איז שטענדיג דער זיעגער ארויס דער וואָלאָזשינער.

אליין ניט צו בעמערקען, ווי אזוי דאָס איז איהם געקומען, האָט ער זיך ביסלאכווייז אריינגעצויגען אין אַן אַנדער וועלטעל, וואו עס האָבען געשיינט די ליכטיגע שטראַלען פון השכלה.

די נייע תורה איז ניט געווען קיין האַרבע, די גאַנצע חכמה איז בעשטאַנען אין אַ פּאָר ביכלאַך, משה'ל האָט איהם באַלד אָנגעיאָגט און האָט זיך געשטעלט מיט איהם אויף אַ גלייכען פוס און זיי האָבען זיך ביידע געוואָרעמט פאַר די שטראַלען פון השכלה.

משה'ל איז ווייטער אויסגעוואַקסען אין זיינע אייגענע אויגען, ער איז איצט געוואָרען נאָך גרעסער, מעהר פאָלקאָמען און זיין איצטיגע גרויסקייט האָט איהם פערשאַפט פערגניגען, ווייל פרייהער איז דאָס בעשטאַנען אין הכנעה און איצט אין הויבען דעם קאָפּ.

זיי האָבען ביידע געמאַכט לאַנגע שפּאַציער־גענגע און געשמועסט, דיספּוטירט וועגען רעפאָרמען אין דער רעליגיאָן, און אין די ווינטערדיגע לאַנגע, קאַלטע, פערשנייטע נעכט, ווען פון בית־המדרש זיינען זיך אַלע בעלי־הבתים צוגאַנגען און די איבריגע אָרים בחורים האָבען זיך צולעגט שלאָפען, זיינען זיי פערזעסען ביז ווייט נאָך חצות און געלייענט און איבערגעלייענט די עטליכע ספרי־השכלה, וואָס דער וואָלאָזשינער האָט געהאַט מיט זיך, און האָבען געטרוימט פון יענער גאָלדענער ליכטיגער צייט, ווען דער

איד וועט ערוואַכען פון זיין לעטהאַרגישען דרעמעל, וועט זיך אָפּוואַשען פון דעם שמוץ פון פאַנאַטיזמוס, וועט שוין אַמאָל עפענען זיינע אויגען און וועט דערזעהן דעם ריינעם שיין פון השכלה; ער וועט גלייך מיט אַלעמען קענען הויבען אַ קאָפּ און לעבען מיט מענשען צו גלייך.

נאָך אַזאַ יאָהר האָט משה'ל ניט געהאַט אין זיין גאַנצען לעבען. אַזוי פיעל זיסע האָפנונגען, אַזוי פיעל הויכע שטרעבונגען זיינען ביי איהם געבוירען געוואָרען. ער איז געגאַנגען פון בית־המדרש אהיים און צוריק און האָט געפיהלט די ערד אונטער די פיס. נאָר עס איז געקומען פּסח, און דער וואָלאָזשינער איז אָפּגעפאָהרען אהיים און האָט זיך שוין מעהר ניט צוריקגעקעהרט און משה'ל איז געבליבען אַליין.

משה'ל איז אָהן דעם וואָלאָזשינער געבליבען ווי אַ קריעגער, וואָס האָט פערלאָרען זיין מחנה. דער בית־המדרש, די גאַנצע שטאָדט איז איהם איצט פרעמד; וואָס האָט ער מיט די פאַנאַטישע מענשען צו רעדען? דאָס, וואָס זיי אינטערעסירט, געהט איהם גאָר ניט אָן און דאָס, וואָס ער פיהלט, קען ער זיי ניט זאָגען. און זיינע געפיהלען זיינען געווען גרויס און שטאַרק און זיין מענשליכע האַרץ האָט זיי גאָר ניט געקענט איינהאַלטען. ער מוז האָבען, פאַר וועמען זיי אויסצוגיסען און איצט האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט אַ ווייב, און דוכט זיך, אַ גאַנץ קלוגע. פאַר וואָס זאָל ער זי ניט מאַכען פיר קיין חבר? ער וועט פאַר איהר עפענען זיין האַרץ, וועט פאַר איהר אויסגיסען זיינע געפיהלען און זי וועט איהם זאָגען: יישר כח.

היינט האָט ער געמאַכט די ערסטע פּראָבע, היינט האָט ער איהר גענומען עפענען די אויגען און דאָס איז געווען דער געדאַנק, וואָס זי האָט איהם געגעבען. „דערצעהלען דער שוויגער“ — מעהר ווי דאָס פעהלט איהם ניט.

ער טרעט ווייטער פּאַזע מזרח־וואַנט פון אַרון־קדש צום פענסטער און צוריק, רייסט דעם טשוב און קלערט, וואָס זאָל ער טהאָן, אויב דאָס ווייב וועט דערצעהלען דער שוויגער.

— ער וועט מוזען אנטלויפען, דאָס שטעדטעל וועט איהם ענג ווערען.

.2

שפרה האָט געהאַלטען וואָרט און דערצעהלט דער מוטער, וואָס משה'ל האָט איהר געזאָגט: זי האָט דערמיט ניט געמיינט צו טהאָן איהם שלעכטס, זי האָט נאָר געזוכט זיך צו ראַטעווען. די שוויגער האָט זיך אויף משה'ל'ען אַנגעוואָרפען ווי א בייזער רוח און האָט איהם געמאכט קאַלט און וואַרם. א קויל האָט איהר איינגעשאָסען, אַז זי האָט איהר קינד חתונה געמאַכט פיר אזא מענשען, וועלכען מען טאָר אין קיין אידישע שטוב ניט האַלטען. זי האָט געהאָפט צו האָבען אין איהם נאָך הונדערט־און־צוואנציג יאָהר א קדיש, ער וועט נאָך איהר נשמה לערנען א פּרק משניות, ערסט קומט איהר גאָר אויס צו האָדעווען א גוי, וועלכער וועט איהרע זינד מאַכען נאָך שווערער. זיין אייגענע נשמה איז איהם קאַרג און ער וויל נאָך איהר טאָכטער'ס נשמה אויך בעגראָבען. אנפאנגס האָט משה'ל איינגעשטעלט דאָס לעבען און גענומען טענה'ן מיט זיין שוויגער, נאָר דאָס האָט צוגעגאָסען בוימעל צום פייער און איהר לייענים האָט זיך פערוואַנדעלט אין אזא שרייען, אַז ער האָט געמוזט מאַכען פּליטה און אָפּזאָגען זיך פון ווייטערע ויכוחים מיט איהר.

די שטעכיגע מוסר האָט איהם ענדליך דערעסען און אין א שעהנעם פריה־מאָרגען האָט ער זיך בעשלאָסען אוועקצופאָהרען ערגעץ אין דער גרויסער וועלט, ווייט, ווייט פון די „פלעדער־מייז", פון די „ווידערשפעניגער פון ליכט" און אריין אין א שטאָדט פון משכילים, חכמים.

וואָס וועט ער דאָרטען טהאָן? די פראַגע איז איהם זאָגאַר אויפ'ן געדאַנק ניט ארויף. געוואוינט פון קינדווייז צו זעהן אָרים־בחורים, פּרושים קומען פון דער פרעמד, פערבלייבען א געוויסע צייט און האָבען אַלץ פאַרטיגעס אויפ'ן קהל'שען רעכנונג; ביז דער חתונה האָבענדיג זיך אליין אויך געוואַלגערט אין פרעמדע שטעדט אָהן א גראָשען געלט אין קעשענע, האָט ער געקוקט אויפ'ן

לעבען גאַנץ רוהיג און האָט וועגען אַזעלכע נאַרישקייטען ניט געקלערט.

געפאָהרען איז ער אין ווילנא. דער בעל־העגלה האָט איהם פערפיהרט אין זייער שטעדטעלדיגע אכסניא און בעוויזען איהם וואו אריינצוגעהן, און משה'ל האָט זיך פּלוצלונג דערזעהן אין אַן אונבעקאַנטען הויז, פול מיט מענשען, וועלכע האָבען זיך געשטופּט געדרעהט, געשטויסען און עפּעס שטאַרק געאיילט זיך.

ער איז געבליבען שטעהן, דאָס הייסט אויף אזוי פיעל ווי עס איז מעגליך געווען איינצושטעהן אין דער שפּאַרינעס, שטויסענים און האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טהאָן. ער איז אזוי אָפּגעשטאַנען, ביז דער בעל העגלה האָט אויסגעשפּאַנט דאָס פערד, אַנגעשאַטען איהם האָבער און איז ענדליך מיט'ן כאָמוט אויף דער האַנט אריין אין אַכסניא.

— וואָס שטעהט איהר עפּעס, ר' משה'ל, אזוי? פאַר וואָס זעצט איהר זיך ניט? איהר זייט דאָך עפּעס גאָר אַ קלויזניק.

די גאַנצע השכלה האָט זיך אין משה'לען געפונען בעליידיגט פון דעם וואָרט „קלויזניק“: דאָס איז געווען אַ שטאַרקער פּאַטש פיר איינעם, וואָס האָט שוין דורכגעמאַכט אלע השכלה'שע ביכלאַך פון יענער צייט און האָט שוין געזעהן זיין נאָמען געדרוקט שוואַרץ אויף ווייס אין „הבוקר אור“. נאָר מערקווירדיג, ער איז איצט ניט ברוגז געוואָרען אויף איהם, דער בעל־העגלה איז איצט פיר איהם געווען אַ שטיק פון זיין „איך“ און האָט אַנגענומען די בעליידיגונג פון איהם, ווי פון אַ גוטען פריינד.

— איך ווייס דאָ גאָר ניט, האָט ער געענטפערט און אַ ציה געטהאָן מיט די אַקסלען.

— געהט און זעצט זיך, וואו איהר ווילט.

מיט'ן בעל העגלה'ס הסכמה האָט ער זיך געלאָזט געהן אין די ווייטערדיגע צימערן און האָט זיך געזעצט מיט פערלעגטע פיס אויף אַ זאַפּקע.

ער איז געזעסען, געזעסען און האָט געקוקט אין דער לופט, און עפּעס אַ זויערקייט האָט איהם גענומען אויפטרעטען פון טיעף, טיעף אינעוועניג. ער זיצט אליין און קיינער שענקט איהם

ניט דעם מינדסטען בליק, קיינעם אינטערעסירט צו וויסען, ווער ער איז, וואָס ער איז. ער האָט אָנגעהויבען בענקען נאָך דער היים, נאָך שפרה'ן, נאָכ'ן בית־המדרש, איהם האָט איצט געדאכט, אז דאָרטען האָט ער געלאָזען אלץ, וואָס איהם איז ליעב, וואָס איהם איז טייער און וואָס איז מיט איהם פערבונדען אזוי שטאַרק, אז זייז אָפּגעריסען פון דעם איז ווי זיך צושניידען אויף העלפט; איהם איז איצט אפילו ליעב געוואָרען די בייזע שווייגער מיט איהר מוסר, מיט איהרע קולות; יענע אינטערעסירט זיך דאָך מיט איהם, פון יענע הערט ער פאָרט א וואָרט, און די אלע זיינען איהם עפּעס אזוי פרעמד, בעליידיגענד פרעמד. ער איז געזעסען און האָט געקוקט פעראומערט, פערחושכ'ט און צוואנציג מאָל זיך געפרעגט, וואָס יאָגען זיי זיך אזוי, וואָס יאָגען זיי זיך אזוי, וואָס האָבען זיי דאָס צו איילען זיך און אין דער ווייַלע איז צו איהם צוגעגאַנגען דער בעל אכסניא און געפרעגט:

— אַן אורח?

— יע.

— נאַט אייך שלום עליכם. פון וואַנען?

— אַ ראַפּשאַנסקער.

— אַ ראַפּשאַנסקער? ווער זייט איהר פון דאָרטען?

— איך? איך? איך בין ביילקע די קרעמערקע'ס איידים.

— שוין ניט פאר מיינע יאָהרען. ביילקען קען איך גוט, א מאַדים א אידענע. מכח א געשעפט?

— מהע... מהע...

משה'ל האָט ניט געפונען, וואָס צו ענטפערן. נאָך וואָס איז ער געפאָהרען? וואָס דענקט ער דאָ צו טהאָן? די פראַגע האָט זיך קלאָר און דייטליך געשטעלט פאר זיינע אויגען איצט, ווען דער בעל אכסניא האָט איהם מיט איהר צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט.

וואָס וועט ער דאָ טהאָן? זעהענדיג די אלגעמיינע יאָגענים, שטופּענים, איז ער באַלד געקומען צום שלוס, אז ער איז דאָ א גאַנץ איבריגער און ער האָט דאָ גאָר ניט וואָס צו טהאָן. דאָ איז אַ וועלט פון כאַפּ לאַפּ, פון האָבענז, און פאר אזעלכע מענשען, ווי ער, איז דאָ קיין פּלאַץ ניט. מיט דער דאָזיגער רעכנונג איז

ביי איהם אַרויסגעשוואומען אַ חרטה אויף זיין אונבעטראַכטען פאָהרען, און ווען איהם וואָלט ניט געווען מיאוס, וואָלט ער גלייך פערקירעוועט די לייטשעס און געפאָהרען צוריק אהיים.

דאָס זיצען אַליין און קוקען אין דער לופט איז איהם באַלד מיאוס געוואָרען, און ער האָט פערלאָזט זיין פלאַץ און געלאָזט זיך געהן צו דער טהיר. אין דעם ערסטען צימער האָט ער געטראָפען דעם בעל־העגלה, ווי ער צופאַקט זיין סחורה.

— ווייסט איהר ניט, וואו אונזערע געפינען זיך דאָ? האָט ער געפרעגט דעם בעל העגלה, פערשטעהענדיג אונטער'ן וואָרט „אונזערע“ ראַפשאַנסקער.

— פטור! פאַר וואָס זאָל איך ניט וויסען? וואָס איז? דאָס ערסטע מאָל בין איך דאָ? אויב איהר האָט חשק, וואַרט אויס, ביז איך וועל אויספאַקעווען די סחורה און איך וועל אייך ווייזען.

משה'לען איז דער פלאַן געפעלען געוואָרען. דערווייל האָט ער אַ מענשען, מיט וועמען אַ וואָרט צו רעדען, אגב דאַרף ער ניט זיצען לעדיג און קען העלפען דעם בעל־העגלה אין דערלאַנגען אַ מעסער צום איבערשניידען אַ שטריקעל, צורוקען אַ פעקעל או. אַז. וו. איצט האָט זיך די צייט ניט געצויגען אַזוי משונה'דיג לאַנג און די טרויעריגע געדאַנקען האָבען ניט געלעכערט אַזוי שטאַרק דעם מוח.

ענדליך האָט איהם דער בעל־העגלה אוועקגעפיהרט צו אַ פאָר לאַנדסלייט. אין זייער געזעלשאַפט איז דער ערסטער שלעכטער איינדרוק, וואָס די גרויסע שטאָדט האָט אויף איהם געמאַכט, שוואַכער געוואָרען און ער האָט זיך אומגעקעהרט ביי נאַכט צוריק אין אַכסניא אַ בערוהיגטער.

ער האָט צווישען די ראַפשאַנסקער אויסגעפונען עטליכע, וואָס זיינען אַריינגעפאָהרען אין דער השכלה ווייט, דאָס הייסט זיי זיינען ניט נאָר קיינע פאַנאַטיקער, זאָנדערן זיי טהוען שוין אַזעלכע זאַכען, וואָס ער האָט זיך נאָך ניט געקענט ערלויבען. איינער פון זיינע לאַנדסלייט, שאַנערמאַן, אַ קרעמער פון טאַבאַק, האָט שוין זאָגאַר געגעסען אָהן נטילת־ידים און אָהן אַ היטעל.

ווען משה'ל וואָלט זיך ניט געשעמט, וואָלט ער איהם דערפאַר צוקושט.

צו שאַנערמאַנ'ען האָט ער געקריגען צוטרוי און האָט איהם דערצעהלט, וואָס איהם האָט געטריבען אוועקצוואַרפען זיין שטעדטעל און קומען אין ווילנא. שאַנערמאַן האָט איהם אָנפאַנגס שווער געמאַכט דאָס האַרץ און געזאָגט, אַז ער ווייס ניט, וואָס אַזעלכע ווי ער קענען דאָ טהאָן, דערנאָך האָט ער איהם צוגעזאָגט, אויסגעפינען פיר איהם העברעאישע שטונדען, כּדי צו האָבען דערווייל אויף זיינע הצטרכות, אפשר וועט ער מיט דער צייט עפּעס אויסגעפינען אַ בעשעפטיגונג.

די ערסטע שטונדע האָט ער געקריגען טאַקע ביי שאַנערמאַנ'ען גופא. די שטונדע האָט גענומען שאַנערמאַנ'ס אַ טאָכטער, אַ שעהן מיידעל פון אַ יאָהר אַכטצעהן. דאָס מיידעל האָט גערעדט גוט רוסיש און איז געווען בעלעזען. איהרע רוסיש און בעלעזענהייט האָבען איהם זעהר אימפּאָנירט, און ער האָט אויף איהר געקוקט פון אונטען אַרויף. איהם האָט גענומען זעהר לאַנג, ביז ער פלעגט קריגען זיין שפּראַך אין איהר געזעלשאַפט, יעדעס וואָרט זיינס האָט ער געמאָסטען און געוואויגען, און איהם האָט אַלץ געדוכט, אַז ער האָט געזאָגט עפּעס אַ נאַרישקייט, אַז ער האָט זיך געזעצט ניט גוט, אַז די הענט האַלט ער ניט, ווי געהעריג איז. פון יעדען איהרען אונשולדיגען שמייכעל איז איהם די נשמה אוועק אין די פּיאַטעס, איהם האָט געדוכט, אַז דאָס לאַכט זי פון איהם. און זאַגאַר, ווען אויף איהרע ליפּען איז ניט געווען צו בעמערקען קיין שמייכעל, האָט ער חושד געווען, אַז אינעווייניג לאַכט זי. און האָט אַלעווייל געוואָרפען אַ בליק אויפ'ן שפּיגעל צו זעהן, אויב אַלץ, וואָס אויף איהם געפינט זיך, איז אין אָרדנונג.

די ערסטע צייט האָט ער אויף דער שטונדע נאָר געזוכט צו רעדען וואָס וועניגער, אום ניט אַרויסצוכאַפּען זיך מיט אַ נאַרישען וואָרט, מיט אַן אָרים-בחור'שען שפּיצעל; שפּעטער איז דאָס איהם שוין געווען קאַרג און איהם האָט געפּוישט דערווייזען איהר, אַז ער קען רעדען, אַז ער איז אין וועלט-זאַכען אַ גרויסער חכם, אַז זיין נאָמען קלינגט פון איין עק רוסלאַנד ביז'ן צווייטען דורך די עט-

ליכע אַרטיקלען, וואָס ער האָט געשריבען אין „הבוקר־אור". ער האָט איהר געוואָלט ווייזען, אַז כאָטש זיין צונג דרעהט זיך ניט אַרויסצוברייננגען אַ רוסישעס וואָרט פון מויל, פערשטעהט ער דאָך גוט די שפּראַך און ער האָט געלייענט פיעלע רוסישע שרייבער.

זי איז דאָך נאָך אַ קינד און וואָס האָט ער מיט איהר צו רעדען וועגען ליטעראַטור. נאָר ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער האָט זי אַזוי מבטל געווען, האָט ער דאָך געוואָלט מיט איהר פערציהען לאַנגע שמועסען און זיין שטונדע פלעגט זיך אָפּט פערציהען שעה'ענלאַנג. איהם וואָלט קיין מאָל ניט מיאוס געוואָרען זיצען מיט איהר און רעדען, ווען זי זאָל נאָר האָבען חשק דערצו.

מיט די געשפּרעכען האָט ער חלילה קיין זאַך ניט געמיינט. זיי זיינען געווען ריינע ליטעראַרישע און זיי האָבען זיך אַזוי לאַנג געצויגען, ביז זי פלעגט אָנהויבען צו גענעצען. די געשפּרעכען האָבען איהם פּערשאַפט אַ שטילען, רוהיגען פערגניגען. אַנדערס אבער איז געווען דאָס פערגניגען, וואָס ער האָט געהאַט פון דיקטירען. דאָ פלעגט איהם אָפּט אויסקומען שטעלען זיך איבער איהר, האַלטען זיין קאָפּ לעבען איהרען און שלינגען איהר אָטהעם. אין די מאָמענטען פלעגען זיך זיינע אויגען אויסבעטען מיט אַ טומאַן, אין קאָפּ האָט געקלאַפּט אַזוי שטאַרק, אַז איהם פלעגט דוכטען, דאָס מען קען די קלעפּ הערען. ער וואָלט זיין גאַנץ לעבען אָפּגעגעבען, ווען ער זאָל לענגער קענען שטעהן איבער איהר און שלינגען איהר אָטהעם, נאָר ליידער האָבען אַזעלכע מאָמענטען לאַנג ניט געקענט אָנהאַלטען.

ער האָט באַלד לכבוד איהר אָנגעהויבען צו שרייבען לידער און דאָ האָט ער אויפגעעפענט זיין האַרץ און אויסגעגאָסען פאַר איהר אַלע זיינע ברענענדע געפיהלען. דאָ האָט ער זיך צו איהר געווענדעט ווי צו זיין געלוסטיגקייט, צו זיין געליעבטע, נאָר פערשטעהט זיך, אַז איהרע אויגען האָבען די לידער קיין מאָל ניט געזעהען.

משה'ל האָט געקריגען נאָך עטליכע שטונדען און ער האָט געהאַט אויף זיינע הצטרכות. וועגען זיין ווייב האָט ער ניט געדאַרפט טראַכטען, — זי דאַרף זיין צופרידען, אַז ער בעט ביי

איהר קיין געלט ניט, און אין זיינע בריוולאך צו איהר האט ער ניט אויפגעהערט צו בעריהמען זיך, וואס איצט קען ער אליין פערדינען זיין לעבענס־מיטעל, און מיט דער צייט וועט ער פערדינען גוטע געלט אויך.

זיין צופריעדענהייט מיט'ן אויסבייט פון גמרא אויף השכלה האט דערגרייכט איצט צו דער העכסטער שטופע. פריהער איז ער געווען, ווי א ווארים אין כריין, איהם האט אויסגעוויזען, אז דארטען הויבט זיך אן און ענדיגט זיך די וועלט. איצט אבער איז ער א פולשטענדיגער מענש. איצט ווייס ער, וואס א וועלט איז, ער זעהט מענשען, רעדט מיט זיי, דיספוטירט מיט זיי, און מען קוקט אויף איהם אויך, ווי אויף א מענשען.

„זי“ קוקט אויף איהם אויך, ווי אויף א מענשען. ער ווייס דאס, עס מאכט ניט אויס, וואס זי שמייכעלט אמאל אין זיין געגענווארט, דאס איז שוין א מיידעלשע נאטור. וואלט זי אויך אויף איהם אזוי געקוקט, ווען זי זאל איהם האבען געזעהן מיט עטליכע יאהר צוריק אין קלויז? צוליעב דעם אליין איז שוין ווערטה געווען צו מאכען אזא חלוף, ובפרט אז איצט ראטעוועט ער דאס יודענטהום.

זיין שמחה, וואס „זי“ קוקט אויף איהם, ווי אויף א מענשען און וואס די השכלה וועט אויסלעזען די אידען פון פינסטערן פאנאטיזמוס, האט אנגעהאלטען אזוי לאנג, ביז שפרה האט איהם אריינגעשריבען א שטרענגען בריעף ((דאס איז שוין פון דער שוויגעריל'ס קאפ!), אז ער האט א ווייב און אזוי לעבען איז קיין תכלית ניט. זי האט פאר איהם ניט חתונה געהאט, אז זי זאל זיצען אין ראפשאנסק, און ער זאל ארומשאטאיען זיך אין ווילנא. זי פערלאנגט אז ער זאל קומען אהיים און לעבען ווי אלע אידען לעבען. מילא, וויל ער ניט זיצען אין קלויז — קען זי ניט העלפען, נאר מאן און ווייב זיינען זיי, און אז ער וועט ניט קומען צו איהר, וועט זי קומען צו איהם.

דער בריעף האט איהם אפגעגאסען מיט א שטראם קאלטע וואסער. דער ערסטער געדאנק איז געווען, וואס וועט זיין מיט זיין שילערין? זי איז איהם אזוי איינגעבאקען אין הארצען, אז

שיידען זיך מיט איהר איז איהם א טויט. דערנאָך האָט ער גענומען טראַכטען, אז ער האָט ניט וואָס צו טהאָן אין א קליין שטעדטעל, אז מיט די פלעדער־מייז וועט ער ניט קענען וואוינען צוזאַמען. ער מוז בלייבען דאָ. און דאָס ווייב? וועט ער זוכען עפּעס א מיטעל צום לעבען, געפינען מעהר שטונדען אדער עפּעס אנדערס און זי זאָל קומען אהער.

אין דעם טאָג האָט ער געענטפערט זיין ווייב אויף איהר בריעף און האָט גענומען זוכען א בעשעפטיגונג.

— אַך, ווען איך זאָל ניט זיין פערבונדען! ער האָט מורא געהאַט אליין זיך צו מודה זיין, וואָס איהם ליגט פערבאָרגען אויפ'ן לונג. נאָר דאָס האָט איהם דאָך ניט געשטערט פאַרצושטעלען זיך, וואָס פיר א גליקליכער מענש ער וואָלט געווען, ווען ער וואָלט געקענט חתונה האָבען פיר זיין שילערין. פיר אזא ווייב וואָלט ער זיך באַדאַי אויף אייביג פערשלאָסען אין קלויז. נאָר ניין, זי איז די ליכטיגקייט אליין, זי וואָלט פון איהם אזא זאַך קיין מאָל ניט פערלאַנגט, נאָר א פלעדער מויז, ווי זיין ווייב, האָט פון איהם געפאָדערט אזא זאַך, און אין דער מינוט האָט איהם געדוכט, אז זיין ווייב זעהט אויס אין דעם גרויסען יאַק, וואָס זי טהוט אָן ווינטער, און אין די גרויסע פאַטשיילע, וואָס זי פערבינט איבער'ן קאָפּ און איבער די הענט ווי א פלעדער־מויז.

איהם האָט אַן עקעל געטהאָן פון דעם בילד, און ער האָט דערפיהלט א האַס צו זיין ווייב. יע, ער האָט איצט דערפיהלט, אז ער האַסט זי, האַסט זי פון גאַנצען הארצען; ביז אהער איז זי איהם געווען גלייכגילטיג, נאָר איצט האָט ער זי פיינט.

דאָס געפיהל האָט ער פון זיך ניט געלייקענט, און ער איז ארומגעגאַנגען זוכען א בעשעפטיגונג, ער זאָל קענען דאָס ווייב אראָפּברייגנען צו זיך, בלייבען א טרייער מאַן און זאָל קענען געפינען זיך נאָהענט פון זיין שילערין און שמועסען אַמאָל מיט איהר.

3.

פינף יאָהר זיינען פערשוואונדען.

משה'ל האָט אין דער צייט אויסגעפונען א בעשעפטיגונג, וועלכע האָט איהם אריינגעבראכט ביז פערציג רובעל א חדש: ער איז געוואָרען א בעל־מגיה אין א דרוק.

ער האָט אראָפּגעבראכט דאָס ווייב און איז געוואָרען א בעל־הבית פאר זיך. זיין לעבען איז איצט געוואָרען פול: א גאַנצען טאָג איז ער געזעסען אין דרוק און האָט געטהאָן זיין ארבייט אָדער געשמועסט מיט די משכילים, שרייבער, וועלכע פלעגען אהין אריינקומען. דאָ איז געווען גאַנץ פרעהליך, יעדען טאָג זיינען געקומען נייע מענשען, דאָ האָט ער בעגעגענט די גרויסע ליכט פון השכלה, דאָ האָט ער געזעהען יענע גרויסע קעמפער מיט'ן פאַנאַטיזמוס, וועלכע ער האָט זיך אמאָל ניט געקענט פאָרשטעלען אָהן הערנער אויפ'ן שטערן, ווי געוויסע חומשים מאָלען משה רבנו. אין דרוק האָט ער זיך געפיהלט, ווי א פיש אין וואַסער, איהם וואָלט ניט מיאוס געוואָרען צו זיצען דאָרטען טאָג און נאַכט, זיצען און הערען די קלוגע געשפּרעכען, די המצאות, די חכמות פון די משכילים. נאָר אין די אָבענדען האָט ער געהאַט א בעסערן אָרט צו פערברענגען די צייט. אין די אָבענדען פלעגט ער זיצען ביי שאַנערמאָן אין דער געזעלשאַפט פון זיין געוועזענער שילעריןן, וועלכע איז שוין געוואָרען א צייטיגע בלום. דאָ ביי א גלאָז טהיי האָט ער איצט געהאַט די געלעגענהייט ארויסצו־ווייזען זיין שאַרפזיניגקייט, דאָס הייסט, איבערצוגעבען די בעסטע המצאות, וואָס ער האָט געהערט אין דעם פערלויף פון טאָג. די איינציגע זאַך, וואָס איהם האָט לייד געטהאָן, שטאַרק לייד געטהאָן, איז געווען דאָס, וואָס ער האָט ניט געקענט איבערגעבען די ציינישע ווערטלאַך... ער האָט געהאַט א געוואַלדיגען בעגער צו זאָגען א צייניש המצאה, איהם האָט געדוכט, אז דאָרט ליעגט דער גאַנצער שאַרפזין און אויסער דעם האָט זיך איהם גלאַט געלוסט צו זאָגען א נבול־פה, איבערהויפּט יענע נבול־פה, וואָס זיינען איבערגעמאכט פון א

שטיקעל גמראַ און ווערען אַרויסגעזאָגט מיט א תמימות, נאָר ענטהאַלטען אַ שאַרפע אַנצוהערענים...

אהיים פלעגט ער קומען נאָר דאַן, ווען ער האָט בעדאַרפט עפּעס טהאָן אָדער אז איהם איז קיין אנדער ברירה ניט פערבליבען. דאָ איז ער געזעסען אליין אין זיין צימער און האָט עפּעס געלעזען אדער געשריבען, אדער געקוקט אויף די פיער ווענט און געטראַכט סתם אין דער וועלט אריין.

— געבען דיר א גלאָז טהיי? — עפענט דאָס ווייב שטיל די טהיר פון זיין צימער און שטעלט זיך אויפ'ן שוועל מיט'ן קינד ביי'ן ברוסט און פרעגט איהם מיט א רחמנות קול.

— דול מיר ניט דעם קאָפּ מיט דיין טהיי! ענטפערט ער מיט כעס. — שטער מיר ניט, אז איך וועל וועלען, וועל איך בעטען.

— אַבער דו האָסט נאָך פון פריה אַן קיין גלאָז טהיי ניט געהאט: איך האָב בכיון געהאלטען דעם סאמאָוואר א גאנצען אבענד, כדי דו זאָלסט געפינען א פארטיגע גלאָז טהיי.

— לאָז מיר צורוה מיט דיין טהיי! א מינוט רוה קען איך ניט האָבען! איהר מאַכט מיר די שטוב ענג.

שפרה פערלאָזט דאָס צימער מיט א בעטריבטען הארצען. אַ גאַנצען טאָג זיצט ער נעבאָך און ארבייט און צום סוף, אז ער קומט אהיים, קען מען ביי איהם ניט פועל'ען, ער זאָל טרינקען אַ גלאָז טהיי. זי וויים, ער איז קאַפּריזנע, זעהר קאַפּריזנע, ער האָט אפשר געהאט האַרץ־קלעמענים אין דרוק, ווער וויים, וואָס אין אַ געשעפט קומט פאָר? זי געהט ווייטער צו צום סאַמאָוואָר, דערגיסט וואַסער, שיט צו קויהלען און זעצט זיך מיט'ן קינד אויף א שטוהל און הערט זיך צו צום טיק־טאַק פון זייגער און צום שטילען רעדען פון סאַמאָוואָר.

ווען משה'לען איז אויסגעקומען צו פערבלייבען א גאַנצען אבענד אין שטוב, האָט איהם געדוכט, אז דער אבענד ציהט זיך אַ גאַנצע אייביגקייט. דעמאָלט האָט ער זיך קיין אָרט ניט געפונען, עס איז איהם געווען ענג, און די לופט איז געווען שטיקענד. און פון קינד קען מען ניט אויסהאַלטען. און דאָס ווייב איז א

קליפּה, און יעדע זאַך, וואָס איז דאָן געטהאָן געוואָרען, איז געוועזען ווי איהם אויף צו להכעיס.

און דאָ האָט זיך איהם פאָר די אויגען געשטעלט זיין געוועזענע שילערין.

— אַך, ווי גליקליך וואָלט ער געווען, ווען ער וואָלט געהאַט אַזאַ ווייב! מיט איהר וואָלט ער געקענט זיצען כאָטש אַ גאַנצע נאַכט און רעדען, זי וואָלט איהם די שטוב געמאַכט אַ גן־עדן, עס וואָלט געווען פרעהליך אין אַלע ווינקעלאַך. איצט דאַרף ער זיצען אַליין, זיצען מיט די פיער ווענט און שטומען. וואָרום וואָס? וואָס זאָל ער מיט זיין ווייב רעדען? סיידען וועגען אַ טעפּעל אָדער נאָך דאָס גלייכען.

ער האָט אויף זיין ווייב געקוקט עפּעס ווי אויף אַ נידריגע בעשעפּעניס. צווישען זיי ביידען שטעהט אַ גאַנצע וועלט, די השכלה'שע וועלט, נאָר דאָך האָט דאָס איהם ניט געשטערט דאָס ערסטע יאָהר נאָך איהר קומען צו איהם צו ווערען אַ פאָטער פון איין קינד און אין אַ יאָהר אַרום פון אַ צווייטען, און אין פערלויף פון די פינף יאָהר זיין אַ טאַטע פון פיער לעבעדיגע און איין געשטאָרבענעם קינד.

— די פּראָסטע ווייבער זיינען זעהר פּרוכטבאַר, איבערהויפּט נאָך די אידישע!

ווען ער האָט זיך היינט אין דער פריה אויפגעכאַפּט האָט ער אפילו זיין גלאָז טהיי ניט געוואָלט טרינקען. דאָס איז געוועזען געגען זיין רגילות, ווייל אין דערפריה פלעגט ער קיינמאָל ניט אַרויס אָהן טרינקען און אָהן צובייסען. ער איז געוועזען אַזוי צערשטרייט, אַז ער האָט פערגעסען אָנצוטהאָן זיין הוט און איז מיט אַ הוילען קאָפּ אַרויס אין גאַס. געכאַפּט האָט ער זיך ביי'ם טהויער, ווען דער דוואָרניק האָט איהם אָפּגעשטעלט און בעמערקט: קאַזשים, פּאַן טשאַפּקו זאַביל. ער האָט מיט אַזאַ האַסט גענומען קלינגען דאָס גלעקעל ביי זיך אין שטוב, אַז שפרה איז אַראָפּגעפלויגען פון די טרעפּ ניט טוידט, ניט לעבעדיג.

— וואָס איז דאָ געוועזען? וואָס איז דאָ געוועזען? האָט זי

געשריען, דערזעהענדיג נאָך פֿון די טרעפּ דעם מאַן אַהן אַ הוט אין דרויסען.

— טראָג מיר אַראָפּ מיין הוט, געשווינד!

דאָס זיינען געווען די ערסטע ווערטער, וואָס ער האָט היינט געזאָגט זיין ווייב. ער האָט היינט מיט איהר נאָך ניט גערעדט, האָט אפילו מיט אַ שאָקעל פֿון קאָפּ ניט געענטפֿערט אויף איהר פֿראַגע, פֿאַר וואָס נעהמט ער עפּעס ניט אין מויל.

זי האָט איהם געשווינד אַרונטערגעטראָגען זיין הוט און האָט מיט אַ צושראָקענעם, פֿראַגענדען בליק אויף איהם אַ קוק געטהאָן, נאָר ער האָט קיין וואָרט ניט אַרויסגעבראַכט פֿון מויל און איז מיט אַ פֿינסטערען געזיכט אַוועק אין דרוק. זי האָט איהם נאָך אַ לאַנגע צייט נאָכגעקוקט, הגם ער איז שוין געווען לאַנג פֿערשוואונדען, ענדליך האָט זי זיך אָפּגעזיפֿצט און פּאַוואָליע מיט שווערע טריט אויפֿגעהויבען זיך אויף די טרעפּ צו זיך אין וואָהנינג.

— וואָס איז איהם געשעהן? האָט זי געטראַכט ביי זיך. האָט זי איהם מיט עפּעס מרגז געווען?

זי געדענקט, אַז נעכטען איז ער אהיים געקומען אין אַ שלעכטען מוטה, געקומען איז ער אָנהויב אבענד און ביז שפּעט אין דער נאַכט איז ער אין זיין צימער אַרומגעגאַנגען הין און צוריק. אַ פּאָר מאָל האָט זי אַריינגעקוקט פֿון דער עטוואָס אָפּענער טהיר און האָט געזעהן, ווי ער האָט געריסען דעם טשוב אויפ׳ן קאָפּ. ביי׳ם מינדסטען גערודער, וואָס אַ קינד האָט געמאַכט, האָט ער גענומען טופּען מיט די פֿיס און שרייען אזוי הויך, אַז אויף אלעמען אין שטוב איז אָנגעפאַלען אַ מורא, דער עלטסטער אינגעלע, צו וועלכען ער איז געוועהנליך זעהר צוגעלאָזט, איז צו איהם אַריין אין צימער, נאָר ער איז באַלד אַרויס מיט דעם רעכטען הענטעלע אויפ׳ן רעכטען אויגעלע און מיט אָנגעשטעלטע ליפּעלאַך צום וויינען. די מאַמע האָט עס קוים איינגענומען. שפּרה איז פֿריה געגאַנגען שלאָפֿען. דאָס איז געווען דאָס איינציגע מ־

מעל איינצוהאַלטען די קינדער פון אַ ליאַרם. און, ליגענדיג אין בעט, האָט זי ביז שפּעט געהערט זיינע טריט אין צימער.

משה'ל איז אין דרוק געקומען און גלייך געזעצט זיך צו אַ קאָרעקטור. ער איז געזעסען מיט אַן איינגעטונקטער פּעדער אין האַנט און געקוקט אויפ'ן פּאַפּיר. ער האָט געלייענט די קאָרעקטור פון דער ערסטער שורה ביז דער לעצטער און האָט ניט געוואוסט, וואָס ער לייענט. די אותיות האָבען זיך אויסגעמישט צוזאַמען און האָבען איהם געשיינט ווי אַ שוואַרצער פּלעק אויפ'ן ווייסען פּאַפּיער. ער האָט מעכאַניש די ווערטער געלייענט, נאָר ער האָט ניט פערשטאַנען, וואָס ער האָט מיט דעם לייענען צו טהאָן. פּלוצלונג זיינען אַלע ווערטער פערשוואונדען און האָבען זיך פערוואַנדעלט אין אַ שוואַרצעם קייקעלע. דאָס קייקעלע איז אויך גלייך פערשוואונדען און פּאָר זיינע אויגען איז געשטאַנען פריילין שאַנערמאַן, זיין געוועזענע שילערין, אין אַ חופּה קלייד, ביי איהר זייט שטעהט יאַקאָב גרינוואַלד, אַ שעהנער יונגער מאַן, נאָר ער האַסט איהם, ער האַסט איהם פון גאַנצען האַרצען. זיין שנאה צו איהם האָט זיך אָנגעפאַנגען גלייך ביי דער ערסטער בעגעגנים, שוין דעמאָלט ווען ער האָט איהם דאָס ערסטע מאָל דערזעהן אין שאַנערמאַנ'ס הויז. די שנאה איז געווען גאָר אַן אומזיסטע, נאָר משה'ל האָט זיך ניט געקענט העלפען. ער זעהט, ווי דער גרינוואַלד שטעהט לעבען איהר און קוקט איהר אריין אַזוי מילד, אַזוי ליעבליך אין די אויגען. דאָס איז אַ חוצפּה! וואָס פיר אַ רעכט האָט דער פרעמדער אריינצוקוקען איהר אַזוי אין די אויגען? ער איז מיט איהר שוין לענגער בעקאַנט, ער איז איהר געוועזענער לעהרער, און ער האָט קיינמאָל ניט געוואַגט אַזוי צו קוקען אויף איהר.

— די קאָרעקטור פּאַרטיג? הערט ער איבער זיך אַ קול.

משה'ל ערוואַכט ווי פון דרעמעל. ער הויבט אויף די אויגען און דערזעהט פון צווייטען זייט טיש שטעהט דער זעצער. ער פערשטעהט ניט גלייך, וואָס יענער פאָדערט פון איהם.

— נאָך ניט פּאַרטיג? איילט צו אַביסעל! איהר האַלט זי שוין אַ צייט.

משה'ל הויבט ערסט אָן צו פערשטעהן, וואָס מען פאָדערט פון איהם.

— באַלד, באַלד, איך מאַך זי גלייך.

ער הויבט אָן איבערצוקוקען די קאָרעקטור. די ערסטע צייל'ען געהען כשורה, נאָר אָט שטויסט ער זיך אָן אויף א וואָרט חתונה און ווייטער שפרינגט ארויס זיין געוועזענע שילערין פון צווישען די ציילען. היינט איז ביי איהר חתונה. געוויס, ער איז איינגעלאַדען צווישען די ערסטע געסט, נאָר דאָס טרייסט איהם ווינציג. אמת, ער האָט אויף איהר קיין אויסזיכט געהאַט, אָבער חתונה האָבען זי ניט בעדאַרפט. וואָס פעהלט איהר אין דערהיים און עס איז דאָך אזוי אַנגענעהם אריינגעהן צו זיי אין שטוב און טרינקען דאָרטען א גלאָז טהיי! ער בענוגענט זיך מיט'ן פערגניגען כאָטש פון א פאָר שטונדען פערברענגען אין איהר געזעלשאַפט. איצט וועט שוין דער טהיי ביי שאַנערמאַן ניט זיין אזוי געשמאַק, אזא טהיי האָט ער ביי זיך אין שטוב אויך און צו איהר געהן טרינקען וועט ער ניט, ער קען איהר חתן ניט ליידען און וועט איהם בעסער ניט בעגעגענען. און ווער איז אין דעם שולדיג? אליץ זיין ווייב. ווען ניט זי, קען זיין...

— די קאָרעקטור איז נאָך אליץ ניט פאַרטיג? וואָס איז דאָס אייך געוואָרען היינט?

— האַ? ווייטער די קאָרעקטור? עפעס א שווערע קאָרעקטור, איך קען גאָר ניט דורכקריכען.

— איהר האָט דאָך נאָך גאָר ניט אָנגעהויבען! ענטפערט דער זעצער האַלב צאָרענדיג, — איהר האַלט אונז אָפּ די ארבייט און דערנאָך וועט דער בעל הבית אויף אונז וואָרטשען.

— גלייך, גלייך, שטעהט דאָ א ווייל'ע און איך מאַך זי שוין.

אונטער'ן זעצער'ס השגחה איז די קאָרעקטור באַלד פאַרטיג געוואָרען.

* * *

נאָך דער שילערינס חתונה איז זיין האַרץ ניט בעסער געוואָרען צו זיין שפרה, נאָר מיט דער צייט איז דער טיעפער אַב־

גרונט צווישען זיי, ווי פערדעקט געוואַרען. זיי זיינען געבליבען צוויי בעזונדערע וועלטען און פון צייט צו צייט איז אַ שטראַל דורכגעלאַפען דורך ביידע. אַבער די ראַזיגע שטראַלען זיינען געווען זעהר זעלטען.

די אַפּיקורסים.

זילבאַנסקי, דער פּראַשעניע־שרייבער, האָט אויסגעריבען די אויגען, איז אַרויסגעגאַנגען אויפ'ן גאַנעק, האָט אַ גענעץ געטהאָן אויפ'ן קול און אנידערגעזעצט זיך אויף דער באַנק.

ער איז אַווײלע געזעסען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ, באַרענדיג זיך מיט'ן שלאָף, פערמאַכענדיג און עפענענדיג די אויגען. ד'אַן האָט ער אַ כפל־שמונה'דיגען גענעץ געטהאָן און געגעבען זיך אַ געשמאַקען קראַץ מיט ביידע הענט מיט אַמאָל.

— גוט שבת, זילבאַנסקי! איהר שוויצט גוט, הא? — האָט ער דערהערט הינטער זיך אַ קול.

— גוט שבת, גוט שבת! — האָט ער געענטפערט, אומקוקענדיג זיך און דערזעהענדיג פּסח דעם פעלשער. — גיין, דאַ איז גאַנץ קיהל. קומט אַרויף!

פּסח דער פעלשער איז אַרויף אויפ'ן גאַנעק און האָט זיך אנידערגעזעצט אויף דער באַנק געגענאיבער: זילבאַנסקי האָט זיך ברייטלעך אויסגעצויגען אויף זיין באַנק און איז געבליבען ליגען אַנגעלעהנט ווי אַ איד צום סדר.

— אַך, ווער וואָלט איצט געווען אונזער גלייכען — ווען מען זאָל דאַ קענען האָבען אַ סאַמאָוואַר? — האָט בעמערקט זילבאַנסקי.

— יאַ, יאַ, איצט אַ גלאָז טהיי פון אַ סאַמאָוואַר וואָלט געווען אַ באַלזאַם, — האָט אונטערגעהאָלפען פּסח דער פעלשער.

— אַ פערפלוכטע אמונה די אידישע; קיין זאַך, וואָס איז גוט, טאָר מען ניט.

— געוויס, געוויס; חמדה'ן טאָר מען אויך ניט...

דאָס האָט געזאָגט אַ דריטער, וואָס איז צוגעקומען צום גאַנעק. דער פעלשער און דער שרייבער האָבען זיך אומגעקוקט און אין איין קול אויסגעשריען:

— אַה, שפּיגעל!

שפּיגעל דער פּאַדוואָלסטשיק איז אַרויפגעקומען אויפ׳ן גאַנעק און איז געבליבן שטעהן אין מיטן מיט די הענט אין די קעשענעס.

— וואָס דרשה׳ט איהר דאָ אַזוי?

— וואָס ווילסטו, עס איז אַ קלאָג צו דיר אַ גוטער, וואָס דו ביזט געבאָרען געוואָרען אַ איד, — האָט געזאָגט זילבאַנסקי.

— וועלכע קריינק פעהלט דיר אין אידישקייט? — האָט זיך געוויצעלט שפּיגעל.

— די איינציגע זאַך וואָס איך האָב פון אידישקייט איז אַ קריינק, — האָט געענטפערט זילבאַנסקי.

— און מיר, גאָט צו דאַנקען, געהט קיין זאַך ניט אָפּ אין דער גוטער ליעבער אידישקייט, — האָט געזאָגט שפּיגעל.

— דו ביזט דאָך אַ וואָרעם אין כריין. דו ווייסט על כל פּנים וואָס גוט איז? — האָט געזאָגט זילבאַנסקי.

— און נאָך מיין מיינונג האָט מען בעדאַרפט אַלע אמונות אויסראַמען פון דער וועלט ווי אַ גוטע דיזינפעקציאָן ראַמט אויס די מיקראָבען. אַלע אמונות, גאַנץ עגאַל וועלכע עס איז, זיינען ניט מעהר ווי מיקראָבען, וואָס פערדאַרבען אונזער לעבען. — האָט געזאָגט דער פעלשער, ווי עס שיינט, ניט הערענדיג דעם גאַנצען געשפּרעך צווישען זילבאַנסקי און דעם פּאַדוואָלסטשיק.

— איך בין פאָלשטענדיג איינשטימיג מיט אייך, — האָט געזאָגט זילבאַנסקי דער שרייבער. — אויב מען זאָל קלייבען שטימען אָפּצושאַפען רעליגיאָן, וואָלט איך דער ערסטער זיך אונטערגעשריבען.

— ווי זשע, לעבען גאָר ווי בהמות? — האָט געפרעגט דער פּאַדוואָלסטשיק.

— ביזטו ניט טויזענט מאָל ערגער ווי אַ בהמה, אַז דו שטעלסט זיך אַוועק אַנטקעגען דער לבנה און שפּרינגסט חי וקים. ביזטו ניט ערגער צעהן טויזענט מאָל ווי אַ בהמה, אַז דו פערגלאָצסט דיינע אויגען צום בלויען אויבען, וואָס דו מיינסט, אַז דאָס איז אַ הימעל און אַ פּאַלאַץ פאַר גאָט און וואָס איז ניט מעהר ווי לופט. האָסטו

ווען געזעהן, אז א בהמה זאל עס טהאן? און דו נעהמסט זיך נאך איבער איבער בהמות!

זילבאנסקי האט אויסגעשפיגען, און דער קרים אויף זיין געזיכט האט געוויזען, אז עס איז גאר א חרפה פאר אזא געלערנטען מאן ווי ער צו דעבאטירען מיט אזא אונוויסענדען מענשען ווי דער פאדוואלסטשיק.

— איהר דארפט זיך מיט בהמות ניט שעמען, מיר שטעהען גאר אין א נאהענטע שייכות מיט זיי, — האט זיך אריינגעמישט דער פעלשער. — מיר שטאמען פון דעם זעלבען שטאף, און איינער א גרויסער געלערנטער האט שוין דערוויזען, אז מיר מענשען, שטאמען פון אבעזיאנעס. נאר אין די אידישע ספרים גלויבט איהר דאך געוויס, און זעהט, וואס אייער קהלת האט געזאגט: יתרון האדם מן הבהמה אין. איהר פערשטעהט, דער מענש האט זיך גאר ניט וואס איבערצונעהמען איבער דער בהמה.

— אויב אזוי, איז דאך גאר הפקר? — האט געזאגט דער פאדוואלסטשיק.

— נאר פאר דעם קלוגען. ער פערשטעהט דעם גאנצען שווינדעל פון די רעליגיאנען, — האט זיך אנגערופען זילבאנסקי דער שרייבער. — ער פערשטעהט, אז מסתמא האט זיך געלוינט א כיטרען, דורכגעטריבענעם חברה־מאן צו מאכען די אלע שטוטשקעס, וואס אן אמונה ענטהאלט, אום צו קענען רייטען אויף דער מאסע.

— אמונה איז נאר פאר'ן בלינדען, דער זעהענדיגער אבער דארף קיין אמונה ניט האבען, — האט געזאגט דער פעלשער.

דער פאדוואלסטשיק איז א ווײלע אנשוויגען געווארען. דאן האט ער לאנגזאם ארויסגערעדט.

— אי, וועט מען צימבלען!

— ווער וועט צימבלען, ווער? — האט זיך אויפגעכאפט זילבאנסקי פון זיין האלבען געלעגער און אנגעבויגען זיך אויפצוהויבען דעם פאנטאפעל וואס איז פון איהם אראפגעפאלען, וועהרענד ער האט אראפגעלאזט די פיס. ווער וועט צימבלען, פרעג איך דיך. פרא אדם איינער? ווער?

דער פאדוואלסטשיק האט אויפגעהויבען דעם קאפ צום הימעל

און האָט דערזעהן, אַז די זון איז שוין באַלד פאַרטיג געוואָרען מיט איהר טעגליכע רייזע און ער האָט זיך געשווינד געווענדט צו זיינע חברים:

— די זון האַלט שוין ביים פּערגעהן: מיר וועלען נאָך פּערשפּעטיגען מנחה. מאַך דאָס אביסעל גיכער, טהו אָן דעם קראַגען און כאַפּ אַרויף אויף זיך אַ רעקעל און מיר וועלען איילען אין בית־המדרש.

זילבאַנסקי איז אויף אַ ווײַלע פערשוואונדען. דאַן איז ער אַרויסגעקומען אָנגעטהאָן אין אַ שוואַרצען ראָק מיט אַ צילינדער, און די אַפּיקורסים צוזאַמען מיט'ן פּאַדוואַלסטשיק האָבען זיך געלאָזט געהן צום שול־הויף מיט גיכע טריט.

אלערליי

די אבדה.

— טויבע מערען האבען שוין די אויגען אויסגעטריקענט פון וויינען. אנפאנגס, ווען זי האט זיך געכאפט, איז זי געבליבען שטעהן ביים אפענעם קאמאד, ווי פון דונער געטראפען. דאס געזיכט אויסגעצויגען, די אויגען נאך אמאל אזוי גרויס, דאס מויל אפען, דאס הארץ אפגעשטארבען. נאר אין א וויילע ארום האט זי זיך געטרייסט, אז מסתמא האט זי ניט גוט געזוכט.

— עט, וואו האט עס געקענט אנטרונען ווערען! קיין גנבים קריכען ניט צום קאמאד.

זי האט ווייטער גענומען זוכען אין די פאפירען: לייענען געשריבענע קען זי אפילו ניט, נאר דאס מאכט ניט אויס, זי קען שוין יעדעס פאפירעל אויף אויסווענייג. „אט דאס איז די כתובה" „אט דאס איז דער קנין פון שטוב", „אט דאס איז א נאלאג צעטעל... אויף וואסערע צרות ליגט עס דא?" „ווייטער א נאלאגצעטעל! צום אלדע שווארץ־יאהר! קען מען דא דערגעהן א טאלק, א לאד, אז אליץ איז דא אנגעפורעט?" „דאס איז א מעטריקע" „דאס איז א פאספארט"... אלעס איז פאראן, אבער דאס, וואס זי זוכט איז ניטא.

— ניטא! רייסט זיך ביי איהר ארויס א פערצווייפעלטער קול, און זי לאזט זיך ארונטער אויפ'ן ביינקעל.

זי וויינט ניט, זי שרייט ניט, זי טענה'ט ניט. איהר בראד איז צו גרויס, אז זי זאל עס קענען אויסדריקען אין טרערען. זי זיצט נאר, ווי פער'גולם'ט, אנגעשפארט מיט די הענט אויפ'ן שויס און זעהט פאר זיך קיין זאך ניט. ענדליך האבען אנגעהויבען אפלעבען אין מוח איהרע געדאנקען, און צוזאמען מיט זיי האט זיך גענומען פארנאנדערגליהען א פונק פון האפנונג אין איהר הארצען.

— וואו האָט עס געקענט נעלם ווערען? מען דאַרף אָקאָרשט נאָך אַמאָל אַ זוך טהאָן.

זי האָט זיך אויפגעהויבען פון איהר געזעס און איז ווייטער צוגעגאַנגען צום קאָמאָד. איצט ביים איבערקוקען די פאַפירען האָט זי ניט געגלויבט איהרע פינגער; זי האָט יעדעס פאַפירעל פריהער גוט דורכגעטאַפט און אַז פון דעם איין פאַפירעל איז פאַרט ניט געוואָרען צוויי, האָט זי אויף איהם געבלאָזען פון אַלע פיער זייטען, און אַז נאָך דער רעוויזיע האָט זיך אַלץ דאָס געזוכטע פאַפירעל ניט געפונען, האָט זיך נאָך אַלץ דער פונק האָפנונג ניט אויסגעלאָשען, און ביי איהר אין האַרצען איז פער’גנב’עט געוואָרען אַ ספק, אויב די אויגען נאַרען איהר ניט אָפ? אמת, זי ווייס יעדעס פאַפירעל אויף אויסווייניג, אָבער זי איז דאָך מעהר ניט, ווי אַ „בלינדער מענש“, לייענען געשריבענע קען זי ניט, קען דאָך טאַקע זיין, אַז זי האָט אַ טעות. אַ חוץ דעם איז זי דאָך ניט מעהר ווי אַ אידענע, זי האָט פאַרט ניט אַזאַ קאָפ, ווי אַ מאַנסביל. יע, עס איז גיכער צו גלויבען, אַז זי האָט אַ טעות...

אין שכנות מיט טויבע מערען וואָהנט אַ ווייבעל, וואָס קען לייענען און שרייבען. ביי איהר האָט מען געקענט פרעגען. נאָר טויבע מערע וויל זיך איצט ניט פאַרלאָזען אויף ווייבערשע קענטניס. זי וואַרפט אויף זיך אַרויף די פאַטשיילע און לויפט אין דער צעהנטער גאַס צו בערל זלמן’ס דעם שרייבער. אַז ער וועט איבערקוקען, וועלען שוין פערשווינדען אַלע ספקות, און זי וועט וויסען אויף וואָס’ער וועלט זי איז. זי ברענגט אַריבער בערלען און לעגט אַרויס פאַר איהם אַלע פאַפירען און קוקט איהם נאָך, ווי ער לעגט איין פאַפירעל נאָכ’ן צווייטען. ביי איהר וואַקסט דער שאָטען אַלץ גרעסער, דאָס געזיכט ווערט אַלץ דונקעלער און פאַר די אויגען ווערט איהר אַלץ פינסטערער. בעריל לעגט אַוועק דאָס לעצטע פאַפירעל.

ניטאָ! רייסט זיך ביי איהר אַרויס אַ פערשטיקטער קול, און דער קול קלינגט איהר פרעמד אין די אויערען. איצט האָט זיך ביי איהר געעפענט אַ קוואַל טרערען אין די אויגען: די טרערען האָבען גערונען איבער איהרע איינגעשרומפענע, צוקנייטשטע באַ־

קען, געקאָפּעט אויף איהרע פערבראָכענע אויסגעדאַרטע הענט און אַראָפּגעפאַלען אויפ'ן שוים.

* * *

טויבע מערען האָבען שוין די אויגען אויסגעטריקענט פון וויינען און דאָך פיהלט זי, אַז דער קוואַל טרערען האָט זיך נאָך ניט אויסגעשעפּט. די טרערען רינען איהר יעצט ניט ארויס פון די אויגען אויף די באַקען; זיי טרעטען נאָר צו ביז די אויגען, פון דאָרטען פאַלען זיי ארונטער צום צינגעל, און זיי וואַרגען איהר און קאַפּען ארונטער אינעוועניג. אַזעלכע טרערען ערלייכטערען ניט דעם וועהטאָג, פערקעהרט, זיי פערשאַרפען די יסורים און מאַכען זויער און ביטער.

און טויבע מערע האָט געהאַט אויף וואָס צו קלאָגען. צו איהר אונגליק איז גאָר קיין גלייכען ניטאָ. דאָס פערפאַלענע פּאַפּיר איז געווען די איינציגע בעלוינונג פאַר איהר שווער און ביטער לעבען. און פערבראַכט האָט זי אַ לעבען זעהר אַ שווערען. גלייך נאָך דער חתונה האָט זי זיך איינגעשפּאַנט, ווי דער אָקס אין סאָכע און אויף זיך אַליין ארויפגעצויגען דעם עול הפרנסה. פון אַ שפּראָץ אויף טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט איז זי געזעסען אין קרעמעל, און איהר זעליג־אשר איז דעם גאַנצען טאָג געזעסען אין קלויז. אמת, זי איז דערפון געווען צופרידען. זי האָט געקליבען נחת, ווען, אַ שטייגער, שבת ביים אויסנעמען, ארויסרוקענדיג דעם קאָפּ פון עזרת נשים, האָט זי דערהערט די בעקאַנטע ווערטער: „יעמוד רבי זעליג אשר... שלישי“. זי האָט געוואוסט גאַנץ גוט, אַז שלישי גיט מען ניט אבי וועמען, און דאָס האַרץ איז איהר צוגאַנגען פאַר פרייד, וואָס „איהרער“ איז כמעט איינער צווישען אַזאַ עדה אידען... אָדער, אַ שטייגער, ווען זי פלעגט ארויסקוקען שבת ביי טאָג נאָכ'ן שלאָף צום גרויסען טיש און זעהן „איהרען“ אויבען־אָן, ווי ער זאָגט פאַר'ן עולם „עין־יעקב“. זעליג־אשר האָט געהאַט ניט קיין שעהנעם קול, עפּעס איז ער געווען דין און קוויטשיג, וואָס פאַר אַ סטאַלנעם מענשען און נאָך פאַר אַזאַ געזעצטען. ווי איהר זעליג אשר איז, איז גאָר ניט שעהן, עפּעס קינדערשעס האָט זיך געהערט אין דעם קול, ס'האָט דעם פרעמדען שטענדיג

געדוכט, אַז אַ איינגעל מאַכט האַוואַיעס אָדער קרימט אימעצן נאָך: נאָר דאָך האָט דער קול געקלונגען אין איהרע אויערען ווי די בעסטע שפילעריי. הערענדיג, ווי ער זאָגט פאַר'ן עולם, האָט טויבע מערע שטענדיג פאַרגעסען אַן דאגות הפרנסה, האָט אין גאַנצען פערגעסען, אַז זונטאָג דאַרף זי איינצאָהלען דעם „שוואַרצען" פאַר הערינג, דעם „גרויסען" פאַר זאַלץ און זי האָט אויף עם ניט דערווייל קיין צובראָכענעם שילינגער. אַלע וואָכעדיגע געפיהלען פלעגען אין איהר איינשלאָפען און איהר איז געווען אַזוי וואויל, אַזוי אַנגענעהם, אַזוי גוט, אַז זי פלעגט אפילו פערגעסען אַן צאינה וראינה, וואָס איז איהר געלעגען אויפ'ן שויס. אמת, זי האָט געהאַט נחת, זי האָט געוואוסט, אַז אין גאַנץ עזרת נשים איז ניטאָ נאָך איינע, וואָס זאָל אַזוי קענען שטאָלצירען מיט איהר מאַן, ווי זי, נאָר זיין אַליין די פרנסה געבערקע, אַליין פיהרען די שטוב, און אַליין ערציהען די קינדער איז זעהר שווער און ביטער. מילא שבת איז פטור, דעמאָלט האָט זי אָפגעלעבט. אָבער ס'איז אָנגעשטאַנען די וואָך, אַ וואָך מיט קאַפדרייענים, שווינדעל, זוכענים און יאָגענים און דאָ איז ניטאָ ווער עס זאָל איהר אומבייטען „אפילו ווען די נשמה זאָל אַרויסשפאַרען". אמת, דער קונה איז זעלטען, מען זיצט אַמאָל אַפ שעה'ן־ווייז און קיינער פערשמעקט ניט אין קראָם, נאָר די קראָם קען מען פאַרט ניט איבערלאָזען אַליין. דו שטעלסט אַוועק אין טהיר אַ בינטעל קינעלאַך און געהסט אויף איין מינוט אַוועק, — אַהאַ! דאָרט איז שוין אַ רייסעריי. איהר זעליג אשר קומט יע אַמאָל אין קראָם, ער קומט זיך גלאַט אַזוי, נאָר קען זי דען זיך אויף איהם פערלאָזען? געזונט זאָל ער זיין, זיינע הענט קלעפען גאָר ניט צו אַזעלכע זאַכען. מען וואָלט גוט מאַכען, מען זאָל זיך אויף איהם פערלאַזען מיט אַ קונה. זאַלץ דאַרף מען קאָנען מעסטען, מען דאַרף דעם טאָפ האַלטען איינגעבויגען און דעם פויער טאָר מען ניט לאָזען צוריהרען זיך: אַז דער פויער נעהמט דעם טאָפ זאַלץ, וואָלט ער אין איהם אַריינגעקראָכען מיט די הענט און מיט די פיס... וועגען דאַרף מען אודאי קאָנען... טויבע מערע האָט נאָר פון איהם, ווען ער קומט אין קראָם, מעהר ניט ווי שברת הלב. שטענדיג ביי־

זערט ער זיך, וואָס ביים וועגן גיט זי א שנעל דאָס שעלכעל... פּאַר'ן טאָפּ איז שטענדיג ירידים. דער ברעג איז עפּעס אויסגעשטעשערבעט.

— דער גיהנם איז דאָך קאַרג פאַר אַזעלכע עברות.

אָהן איהם ווייס זי אויך. וואָס הייסט א פאַלשע וואָג און א פאַלשע מאָס געבען... נאָר אַז ער איז ניטאָ, איז פּטור. גאָר ניט. מען קאָן די ציינער אויפ'ן פּאָליצע ניט לעגען. „איהם" מוז מען געבען עסען, די קינדערלאַך אודאי. און אליין קאָן מען אויך די נשמה ניט אויסשפּייען. און אַז דער פּויער באַט שטענדיג אונטערן מקח, מוז מען זיך אן עצה געבען... „ער" ווייס. על כל פּנים, וואָס הייסט א שטוב, וואָס הייסט א הוצאה. איהם וועלען די קינדער ניט קומען רייסען ביי די פּאָלעס עסען! קומען קומט מען צו איהר. זי איז קלאָר אין איהר חשבון. זי ווייס, וואָס זי טהוט, ערגער, חס ושלום, פאַר אנדערע איז זי ניט, און דאָס איז פאַר איהר גענוג. נאָר אַז ער הויבט אָן צו רעדען איבער איהר, מאַכט ער איהר מעהר ניט ווי א וואונד אין האַרצען. עס ווערט איהר פּערלעגט אין האַלז, די אויגען ווערען פערלאָפען מיט טרערען און זי ווייס ניט, וואָס מיט איהר איז.

פערשטעהט זיך, אַז דאָס געדויערט מעהר ניט, ביז וואַנען א קונה קומט אריין. דעמאָלט פערגעסט זי אָן אלץ. זי פּערגעסט אַפילו וואָס פאַר א „שעטנז" עס שטעהט איצט אין קראָם. נאָר ווי דער קונה געהט ארויס, איז ווייטער די זעלביגע מעשה.

און אַזוי האָט זי אליין אויף זיך געטראָגען דעם עול הפּרנסה. אליין פערשוואַרצט געוואָרען. אליין ארויסגעצויגען געוואָרען. אליין געזאָרגט וועגען אלץ אין קראָם און אַזוי אליין אויך געהאָרעוועט אין שטוב, געקאָכט, געראַמט, געוואַשען, געלאַטעט, געטשירעוועט. אָפּט פלעגט נאָך טרעפען, אַז זי איז שוין פון קראָם געקומען, די וועטשערע אָפּגעקאָכט, אָנגעקאָרמעט די קינדערלאַך און אליין אויך אָפּגעגעסען און געפאַלען אין בעט שלאָפען, ניט דערוואַרטענדיג זיך אויף איהם און נאָר וואָס זי פערמאַכט די אויגען און שלאָפט איין מיט'ן ערשטען, פעסטען שלאָף, ערשט בראַזג אין טהיר.

זי גיט זיך עטוואָס א טשוכע פון שלאָף, גיט א רייב די אויגען מיט'ן האַנט און שלאָפט ווייטער געשמאַק.

— עפען, טויבע מערע, עפען!

זי גיט זיך ווייטער אַ טשוכע און פרעגט פערשלאָפען: האַ־א־אַ? און קעהרט זיך איבער אויף דעם צווייטען זייט.

— עפען, טויבע מערע, עפען, שרייט זעליג אשר העכער און קלאַפט שטאַרקער.

זי ערוואַכט, וואַרפט ארויף אויף זיך א קליידעל און לויפט צוהאַלטענדיג דאָס קליידעל אין די הענט, א באַרוועסע, עפענען.

— אודאי לאַנג געלאָזען דיר קלאַפען. נו, א שלאָף אויף מיר אַנגעפאַלען! רעדט זי מיט א הייזעריג, פערשלאָפען קול און זאָגט איהם, אז די וועטשערע שטעהט אויפ'ן פריפעטשאַק, די טעלער אויפ'ן טיש און פאַלט ווייטער, ווי א סנאָפ.

און די קינדער אויך אליין דערצויגען. זי האָט בעשטעלט די בעסטע מלמדים פאַר די אינגלאַך, די מיידלאַך געשיקט צו א שרייבער. „זיין" עובדא איז נאָר געווען שבת אין דער פריה, נאָכ'ן דאַוונען, פערהערען די אינגלאַך. ווען דער רבי איז געקומען מאַכען קדוש. און גאָט צו דאַנקען, איהר עלטערער זוהן איז אַ פיינער יונגער מאַן, לערענט אין קאָוונע און זוכט שוין אַ שטעטעל: אַ טאַכטער אויסגעגעבען פאַר אַ בן תורה, אויסגעהאַלטען עטליכע יאָהר דעם איידים אויף קעסט און פערזאָרגט איהם מיט אַ געשעפט. — אַ פיינער יונגער מאַן. דער אינגערער זוהן לערענט אין וואָלאָזשין און האָט א פיינעם שם. מיט קיין שדוך, וועט שוין קיין דאגה ניט זיין, אַ נדן וועט אויך זיין אַ פיינער. ער איז שוין אפילו אביסעל אַ היינט־וועלטיגער, נאָר חס ושלום פון דרך ניט אראָפּ, דער מאַמען די אויגען וועט ער ניט פערשוואַרצען. מיט איין וואָרט, זי האָט צו גאָט קיין טענות ניט. איהר וואָלט שוין געווען גאַנץ גוט. נאָר אין די לעצטע יאָהרען, ווען די זאָרג וועגען די קינדערלאַך איז געוואָרען קלענער און אין שטוב איז שוין געווען א טאַכטער, וואָס זאָל איהר אומבייטען און זי האָט שוין ניט געדאַרפט זיין אזוי פער'הב'עוועט, האָבען איהר אַנגעהויבען קוועלען רעיונות וועגען איהר לעבען, ווי זי האָט פערבראַכט. ווי זאָגט

מען דאָס, מען איז שוין נעהענטער אהין אלס אהער : מען שטעהט שוין כמעט מיט ביידע פיס דאָרטען. און וואָס וועט זי ענטפערען דאָרטען, אַ שטייגער, אז מען וועט איהר אַ פרעג טהאָן : עסקת באמונה ?

„עסקת באמונה“? האָסטו געהאַנדעלט עהרליך ? אוי ווייס זי, אז איהר נשמה איז גענוג זינדיג, זינדיג דערפאַר אליין, וואָס איהר נשמה איז געזעסען אין אַ בשר ודם ובפרט נאָך אין אַ קרעמערקע, וואָס האָט געגעבען אַ פאַלשע וואָג און אַ פאַלשע מאָס... זי ווייס, אז זי האָט עס געטהאָן ניט פאַר זיך, אז אַנדערש האָט זי ניט געקאָנט טהאָן. נאָר דאָרטען הפנים וועט מען דען אָננעהמען תירוצים ?... און נאָך אַזאַ שווערען און ביטערען לעבען, אויב זי וועט נאָך דאַרפען חס ושלום ברענען אין דעם פייער פון גיהנם אָדער געהן גאָר כף הקלע איז ערגער ווי שלעכט. איהר איינציגע טרייסט איז איצט געווען זעליג־אשר. ער וועט דאָך מסתמא דאָרטען זיין אַ היימישער, אַ איד אַ לערנער, כל ימיו ניט ארויס פון זיינע ד' אמות און אין דעם האָט זי דאָך אַ גרויסען חלק. זי איז דאָך ניט געווען ווי אַנדערע ווייבער, וואָס טרייבען די מאַנען פערדיענען און רייסען זיי אָפ פון גאָטס דיענסט. אדרבא, זי האָט איהם שטענדיג געטריבען אין קלויז און איז געווען צופריעדען, וואָס ער לערנט. ער וועט דאָרטען געוויס זיין דאָס אויבערסטע פון שטייסעל און ער קען איהר טאַקע דאָ אויסהעלפען... עס איז אָבער דאָך ניט דאָס, איהרע עברות זיינען אַזוי גרויס און שווער, איהר נשמה אַזוי פערזינדיגט !

אַ שעה פאַר זיין טויט האָט זי ביי איהם געפועלט, אז ער זאָל איהר אָפגעבען האַלב מצות פון זיין לערנען, און האָט ביי איהם אויף דעם ארויסגענומען אַ צעטעל, שוואַרץ אויף ווייס, מיט זיין אייגענע האַנט געחת'מעט, און דער דאָזיגער שטר איז דאָס איצט פערפאַלען געוואָרען...

די טהיר.

איטשע דבורה זעלדעס איז כמעט געווען צופריעדען, וואס מען האט אויף איהם געקוקט, ווי אויף א שוואכען מענשען. דאס האט פון איהם ארונטערגענומען דעם גאנצען עול פון פרנסה און אלע זארגען וועגען די קינדער און וועגען דער שטוב. און ער האט געהאט אויף וועמען צו פערלאזען זיך: דבורה זעלדע איז געווען א בריה א אידענע, זי האט געפיהרט די פרנסה, זי האט אכטונג געבען אויף די קינדער, פאר די אינגלאך בעשטעלט מלמדים, די מיידלאך געשיקט צו א רבי'צען, און האט אויפגעפאסט אויפ'ן מודה אני זאגען, ברכה מאכען, בענשען און קריאת שמע לייענען פון די קינדער.

אין אמת'ן, האט דאס אויפפאסען אויף אידישקייט מעהר בעלאנגט צום מאן, ווי צו איהר. נאך אלעמען, האט ער זיך מעהר פערשטאנען אויף די שווארצע פינטלאך ווי זי, הגם ער איז קיין גרויסער למדן ניט געווען, און זי האט געוואוסט, וואס דער בחיי שרייבט און נאך אזעלכע גרויסע אידישע אויטאריטעטען, וואס ווערען געבראכט אין טייטש חומש. ווען עס איז געווען עפעס א פראגע וועגען א ברכה מאכען, האט זי זיך געווענדט צו איהם. ווען עס איז געקומען אן ערב יום־טוב, און מען האט געדארפט וויסען וועלכען פיוט מען דארף זאגען איין טאג און וועלכען מען דארף אויסלאזען דעם צווייטען טאג, האט ער פאר איהר געמאכט סמנים אין איהר מחזור, אז ניט וואלט זי זיכער מבולבל געווארען. זי האט אויף איהם דערפאר געקוקט מיט גרויס דרך ארץ, נאר מיט פראקטישע זאכען האט זי זיך אויף איהם ניט געקאנט פערלאזען.

אבער ער האט געגען דעם גאר ניט געהאט. ער איז דער־

מיט אזוי געוואוינט געוואָרען, אז ווען די קינדער זיינען אביסעל אונטערגעוואקסען און האָבען אָנגעהויבען ארויסצואווייזען קונדס׳ערייי און ער האָט זיי געכאַפּט ביי דער האַנט, האָט ער אליין גאָר ניט געזאָגט. ער איז אוועק צום ווייב, דערצעהלט איהר, וואָס ער האָט געזעהן און האָט זיך פערלאָזען אויף איהר, אז זי וועט שוין וויסען, וואָס צו טהאָן מיט זיי.

איטשע דבורה זעלדעס איז קיין גבור ניט געווען, נאָר ער איז אויך ניט געווען אזאַ חלוש, אז ער זאָל זיין פּטור פון אלע זאָרגען וועגען חיונה. עס וועט קיין גוזמא ניט זיין צו זאָגען, אז יעדער צווייטער אין שטעדטעל איז געווען ניט געזינטער און ניט שטאַרקער פון איהם, און דאָך האָבען אלע אָדער געארבייט, אָדער געהאַנדעלט, אָדער געשטאַנען אין קראָם. אָדער ארומגעפאָהרען אויף ירידים. לייט האָבען טאַקע געמורמעלט, אז דבורה זעלדע קיבעלט איהר מאַן און מאַנסביל האָבען ניט איין מאָל געזאָגט מיט קנאה צו זייערע ווייבער:

— אַט, אז מען האָט אזאַ ווייב, ווי דבורה זעלדע, איז ניט שייך.

און איטשע האָט בעגריפען, אז ער דאַרף עפּעס ווייזען פאַר זיין חולשת. ער האָט אויסגעארבייט א חזנ׳ישען הוסט, דאָס הייסט אזאַ, וואָס הויבט זיך אָן און ענדיגט זיך ארום דעם קלייינעם צינגעל. פון אזאַ הוסט שפּאַרט ניט אריין דאָס בלוט אין פּנים, מען כאַפּט זיך ניט פאַר׳ן האַרצען, די אויגען סטאַרטשען ניט ארויס, נאָר אין דער זעלביגער צייט ווייזט עס, אז עפּעס איז ניט גלאַט אין האַרצען, און דבורה זעלדע האָט פאַר א הוסט מורא געהאַט סכנות נפשות. דער דאָזיגער הוסט האָט איהם ניט געשטערט צו סמאַטשקען דעם גאַנצען טאָג דעם ליולקע־ציבעק, און דער רויך איז געווען אזאַ שאַרפער און אזאַ ביטערער, אז דבורה זעלדע פלעגט זיך שטענדיג צו־הוסטען, ווען ער איז צו איהר געקומען געוואָהר־ווערען אין קראָם אָדער ווען זי איז פון קראָם געקומען אהיים.

דבורה זעלדע האָט איטשען שטאַרק אָבגעהיט, נאָר ניט זעלטען האָט זי איהם געגעבען א גאָב. דאָס האָט פּאַסירט, א שטייגער

ווען א קונה האט איהר „אויסגעפוילט דעם לונג און לעבער" און האט זיך פון איהר ארויסגעריסען, ניט קויפענדיג קיין זאך, און גראד איז איטשע דערביי געשטאנען מיט דער פיפקע אין מויל.

— הפנים דיר הארט עפעס? פלעגט זי אויף איהם אנפאלען. דיר ליגט דאך נאר אין זינען די פיפקע.

ער פלעגט געוועהנליך ניט ענטפערן אויף דעם. ער פלעגט אויסטרייסלען דעם טאבאק פון דער ליולקע, ארייןלעגען איהר אין קעשענע און לאזען זיך געהן מיט שוואכע טריט פון קראם אהיים. צו ער האט זיך געפיהלט שולדיג, פאר וואס ער קען ניט העלפען, ווי אנדערע מאנסבילען אין קראם, צו ער האט פערשטאנען, אז אויס'טענה'ן זיך מיט איהר וועט ער ניט קאנען, ווי עס זאל ניט זיין, האט ער אויסגעקליבען דעם גרינגסטען אופן און האט זיך אפגעטראגען. נאר אוועק איז ער מיט אזעלכע טריט, וואס האבען דבורה זעלדען געדארפט ווייזען, אז זי איז בעגאנגען אזי אונרעכט געגען א שוואכען מענשען.

און עס איז טאקע געווען עפעס אומעדיגעס אין זיין גאנג. די הענט פערלעגט אין די ארבעל, דער רוקען אנגעבויגען, די פיס קוים וואס זיי האבען זיך געשלעפט. ווען ער פלעגט אזוי א בעטריבטער אוועקגעהן, האט זי זיין פנים ניט געזעהן. זי האט נאר געזעהן דעם רוקען און עס פלעגט איהר א ריס טהאן אין די אויגען זיין נאקען. עס האט אויסגעזעהן, ווי זיין קאפ האלט זיך אויף די פלייצעס אויף צוויי אדערן, וואס ציהען זיך פוןביידע זייטען פאטילניצע ארונטער און אין מיטען איז איינגעפאלען. ווען זי פלעגט קוקען אויף זיין נאקען, פלעגט זי זיך דערמאנען אן א ריינינקייט ווי זי זעהט אויס א שבת סוף ווינטער צו הגבה. איהר כעס פלעגט באלד פערשווינדען און, קוקענדיג אויף איהם, ווי ער דערווייטערט זיך, האט זי מיט א פערקוועטשטען הארצען געטראכט מיט זיך:

— דאכט זיך, וואס פעהלט איהם. מען פילענגעוועט איהם אזוי, און ער זעהט אויס אזוי חרוב.

און, ריכטיג, וועדליג אין ארימען קרעמערשען אופן האט מען איהם זעהר אפגעהיט. אין דער צייט וואס דבורה זעלדע האט ניט

פערזוכט קיין ווייס־ברויט פון שבת צו שבת, האָט אויף איהם געוואַרט יעדען פריהמאָרגען אַ ווייסער קוכען מיט מאָן און ציבעלע, דין און טרוקען ווי צונטער אין מיטען און אויפגעבלאָזען אַרום. דער קוכען האָט געקאָסט זעקס גראָשען במזומנים און דבורה זעלדע האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז ער דאַרף צוגעהן אין מויל. פון דעם גאַנצען הויזגעזינד האָט נאָר דוד'ל, דער מיזיניק, געהאַט אַזאַ וואויל־טאָג און געהאָרעוועט זיך אויף קוכעלאך, אמת, ניט קיין זעקסערנע, נאָר די עקאָנאָמיע איז ניט געווען דערפאַר, וואָס מען האָט פון איהם געוואָלט אָפּשפּאָרען, נאָר פּשוט דערפאַר. וואָס ער איז גאָר קיין עסער ניט געווען. די איבעריגע האָבען אַלע געגעסען שוואַרץ־ברויט.

נאָך זיין שטאַנד האָט איטשע בעלאַנגט צו יענע, וואָס טראָגען שטיוועל, ניט קיין קאַמאַשען, נאָר טאַקע שטיוועל מיט דיקע זוילען, מיט פּאַדקאָוועס. נאָר ניט קוקענדיג אויף דעם, האָט ער מקפיד געווען, אַז די כאָלאָוועס זאָלען זיין לענגער ווי געוועהנליך. פון פאָרענט האָבען זיי דערגרייכט ביז'ן קניע און פון הינטען זיינען זיי אויבען געווען חנ'עוודיג אויסגעגאָרסעוועט, און האָבען אפילו געהאַט חנ'עוודיגע קנייטשלאך, ניט קיין רייפעלאך נאָר פיינע קנייטשען. דאָס איז אָבער געווען זיין אייגענער אויפטהו און ווייטער פון דעם וואָלט ער ניט געגאַנגען. וואָס דבורה זעלדע האָט פאַר איהם געטהאָן אין דער הינזיכט, איז געווען עפּעס אַנדערש. זי האָט איהם בעזאָרגט מיט קאַלאָשען און זי פלעגט זיך אויף איהם שטאַרק בייזערען ווען ער פלעגט זיך אַרויסכאַפּען אין אַ רעגען אָדער אַ קעלט אָהן זיי.

די דאָזיגע לאַגע איז איטשען כמעט געפעלען געווען. ניט נאָר איז דאָס געווען אַ גרינג לעבען, דאָס האָט איהם אויך געגעבען די מעגליכקייט צו בעפריעדיגען אַ געוויסען געפיהל פון שעהנקייט. ער האָט ניט געדאַרפט הב'עווען און האָט געהאַט צייט אָפּצוגעבען זיך מיט זיין פערזאָן: זיין באָרד איז שטענדיג געווען פערקאַמט, זיינע לאַנגע האָר זיינען אויפ'ן נאַקען און אַרום די אויערען געווען פערקרייזעלט אין בויגעלאך. זיינע בגדים ווי פּראָסט זיי זיינען ניט געווען האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט אַ

ריינקייט. זיין ליולקע איז געווען עפּעס גאָר אַן אַנטיקעל און דער געפֿלאָכטענער ציבעק איז געווען אַזוי לאַנג, אַז ער האָט זיך מיט איהם געקענט אַרומגאַרטלען און אַזוי רויכערען.

די דאָזיגע לאַגע איז איהם געפֿעלען געווען, נאָר דערפֿאַר האָט זי אויך געהאַט איהרע אונאַנגענעהמע זייטען. די ווייב'ס קרובים האָבען אויף איהם געקוקט קרום און אַפּילו די שטוביגע האָבען זיך צו איהם פֿערהאַלטען מיט עפּעס אַ טאָלעראַנטער גרינגשעצונג. די קינדער האָבען נאָר געוואוסט „מאַמע“ און „מאַמע“, און ער האָט אויף זיי קיין שום איינפֿלוס ניט געהאַט. די איינציגע בעשעפֿענים אין שטוב, וואָס איז צו איהם געווען צוגעבונדען, איז געווען די קאַץ.

ער האָט, דאַכט זיך, קיין מאָל ניט אַרויסגעוויזען קיין שום צערטליכקייט דער קאַץ, ער האָט איהר קיין מאָל קיין גלעט ניט געשענקט, און די איינציגע צייט ווען ער פֿלעגט זיך צו איהר צוריהרען איז געווען ווען ער האָט עפּעס געטהאָן און זי איז אַרויפֿגעקראָכען אויף זיין ביינקעל און געזעצט זיך איהם סאַמע אונטער דער האַנט. ער פֿלעגט דעמאָלט איהר אַרונטערשטופּען מיט'ן עלענבויגען, ווייל הגם זי איז געווען אַ גע'פּסל'טע, האָט ער איהר מיט דער האַנט בשום אופֿן ניט אָנגעריהרט. און ווען ער פֿלעגט איהר נעהמען אַרונטערשטופּען, האָט זי זיך ממש ניט געלאָזען, אַזוי ווי זי וואָלט ניט וועלען גלויבען, אַז ער מיינט עס מיט אַן אמת. די קינדער האָבען איהר אָפּט דוקא געגלעט און זי האָט דערפֿון הנאה געהאַט, און פֿלעגט אויסבויגען דעם רוקען הויך, הויך. און זי איז געווען מעהר אָדער וועניגער צוגעלאָזט צו זיי. זי פֿלעגט פֿילאָזאָפֿיש זיצען ביי דוד'לען אויף די קניע מיט דרייפֿיערטעל פֿערמאַכטע אויגען און געדולדיג איבערטראָגען, ווי ער פֿלעגט ווייזען זיינע חברים, אַז זי פֿערשטעהט, וואָס מען רעדט צו איהר און אַז זי ענטפֿערט „ניין“, ווען זי איז ניט מסכים. עס האָט איהר אַפּילו ניט געהאַרט, וואָס דערביי האָט ער איהר אַ בלאָז געטהאָן אין אויער. נאָר אַזוי גיך ווי זי איז אַראָפּ פֿון זיינע קניע, וואו ער האָט איהר אַליין אַנידערגעזעצט, איז געוואָרען צווישען זיי אָפּ־חבר. אַנדערש איז אָבער דער פֿאַל געווען מיט איטשען.

אַזוי גיך ווי זי האָט דערהערט זיינע טריט, איז זי שוין געלאָפּען צו דער טהיר און ממש געשפּרונגען אויף איהם מיט שמחה, אַזוי ווי זי וואָלט מיט איהר שפּרינגען וועלען אויסדריקען, אַז זי האָט געבענקט נאָך איהם און ניט געקענט זיך אויף איהם דערוואַרטען. און ער איז טאַקע געווען דער איינציגער, וואָס האָט געהאַט אין זינען, אַז אַ קאַץ דאַרף אויך עסען, און אויב ער האָט פֿאַר איהר ניט געהאַט וואָס צו געבען עסען אין שטוב, האָט ער איהר געבראַכט עפּעס פֿון גאַס.

מען קען ניט זאָגען, ער האָט אויך געהאַט מאָמענטען אין שטוב, וואָס אַלע קינדער זיינען געשטאַנען מיט אָפּענע מיילער און פּשוט בעוואונדערט איהם. ווען, אַ שטייגער, עס האָט עפּעס פּאַסירט מיט'ן וואַנט־זייגער, איז מען גלייך ניט געלאָפּען צום זייגער־מייסטער. דעמאָלט האָט איטשע געוויזען, אַז אַ מענש מעג ניט זיין קיין געשעפטס־מאַן אָדער קיין בעל־מלאכה, און דאָך צו עפּעס טויגען אויף דער וועלט. ער האָט אַהן אַ שום מורא, מיט אַ געניטער האַנט אַרונטערגענומען דעם זייגער פֿון וואַנט, אַנידערגעלעגט איהם אויפ'ן טיש, צונומען איהם אויף בעזונדערע חלקים, און געפּורקעט זיך מיט די רעדלאַך און שרייפלאַך. נאָר דעמאָלט האָט קיין שטוביגער פֿאַר קיין מייל ניט געטאָרט צוקומען צום טיש, אַפילו די קאַץ האָט דעמאָלט געהאַלטען זיך אויף אַ דרך אָרץ'דיגען שטח פֿון איהם. עס פֿערשטעהט זיך, ער איז קיין זייגער־מאַכער ניט געווען און האָט זיך ניט אַרויסגעגעבען פֿאַר קיין זייגער־מאַכער. און ווען ער האָט צוריק אויפגעהאַנגען דעם זייגער און דער זייגער איז אַלץ געבליבען איינגע'עקשנ'ט און ניט געוואָלט זיך ריהרען, האָט מען שוין געמוזט אַנקומען צום אמת'ן זייגער־מאַכער. נאָר ווי דער סוף איז ניט געווען, האָבען אַלע בעשיינפּערלאַך געזעהן, אַז ער ווייסט וואָס אַ זייגער איז. ווען ער איז אַזוי געשטאַנען אויף אַ ביינקעל אין דער הויך, מיט'ן קאָפּ כמעט ביז דער סטעליע און האָט מיט אַ כשוף'דיגען פֿינגערל עפּעס געריהרט אינוועניג, און דער זייגער האָט געשלאָגען פֿיעל ער האָט געוואָלט, און ער האָט אַפּילו די ווייזערס ניט אַנגעריהרט דערביי, האָבען אַלע אין שטוב אויף דער הייסער מינוט פֿערשטאַ־

נען, אַז ער מעג בשעת מעשה אַרונטערקוקען אויף אונז מיט'ן גאַנצען שטאָלץ, וואָס זיין פּנים האָט דערמאָלט אויסגעדריקט. און דבורה זעלדע'ס האַרץ האָט אין די מינוטען געשלאָגען מיט בעוואונדערונג פאַר איהם, וועלכער האָט פערמאָגט אַזעלכע גאָלדענע פינגער.

אָבער ווי אויף צו להכעיס פלעגט דער זייגער משוגע ווערען אפשר איין מאָל אין אַ שמיטה און איטשע האָט זעלטען געהאַט אַ געלעגענהייט צו בעווייזען אַזוי פיעל בריה'שקייט און געניטקייט און אַרויסרופען כאַטש אויף אַ מינוט בעוואונדערונג.

און אויב די לאַגע פון אַ חלוש איז געווען אַ גאַנץ בעקוועמע פאַר איהם, איז זי אָבער ניט געווען זעהר קיין אַנגענעהמע. אָפּגערעדט פון זיין ווייב, וואָס האָט אויף איהם געקוקט ווי אויף אַזוינעם, וואָס איז נעבאַך געשטראָפט געוואָרען פון גאָט, האָבען זיך אַנדערע אויך פערגונען צו רעדען וועגען איהם אין זיין געגענוואַרט ווי וועגען איינעם, וואָס קען אַ קאַץ דעם עק ניט פערבינדען. אויסגעצייכענט דערמיט האָט זיך זיינער אַ שוואָגער, לייבע דער סוחר. ער איז שוין געווען אַן עלטערער מענש, אַ הויכער און ברייטער איד, מיט אַ געדיכט פערוואַקסענעם פּנים און זעהר קלוגע אויגען. ווען ער האָט גערעדט מיט איטשע'ן האָט ער זיך ניט געקענט איינהאַלטען אַרויסצואווייזען די גרינגשעצונג פון דעם בריה געגען דעם נעבאַכעל, און אַרויסגעוויזען האָט ער עס אָהן אַ שום מיין, אָהן אַ שום כונה צו בעליידיגען, און דעריבער האָט דאָס איטשען טיעפער געטראָפען.

ווי דורכגעטריבען לייבע איז ניט געווען, פלעגט ער אַמאָל אַריינקומען צו דבורה זעלדע'ן אין קראָם און פרעגען ביי איהר אַן עצה. ער האָט אויף איהר געזאָגט, אַז זי האָט אויף זיך אַ מאַנסבילשען קאָפּ און אָפט ווען זי האָט איהם איבערראַשט מיט אַ גוטען איינפאַל, האָט ער זיך ניט געקענט איינהאַלטען און אויסגעדריקט זיין בעוואונדערונג פילאָזאָפיש:

— זעהסטו, ווי דער וואָס זיצט אויבען ווייסט וואָס ער טהוט. זיינע דרכים טאָר מען גאָר ניט קלערען. אין פלוג קען אויסווייזען, אַז די זווגים וואָס ווערען דאָרטען אָנגע'חתמ'עט זיינען ניט

גוט אויסגערעכנט. א פּראָסטער חי וקים וואָלט געזאָגט, אז דו וואָלסט געווען א בעסערע פּאָר פאר מיר ווי מיין ביילע. און ביילע וואָלט געווען א גלייכערע פּאָר פאר דיין איטשען. נאָר אין דער אמת'ן שטעקט דערין א טיעפע השגחה. ווען א שטייגער איך וואָלט חתונה געהאַט מיט דיר, וואָלטען מיר דאַך ביידע א וועלט איבערגעקעהרט, מיר וואָלטען אַלץ פערזשאַריעט. און דאָס איז ניט קיין דרך, דאָס איז ניט קיין יושר. ווארום וואָס וואָלטען געטהאָן אַזעלכע צוויי שלים־מזל'ניקעס ווי דיינער און מיינע? וואָס זשע טהוט דער אויבערשטער? האָב איך חתונה מיט מיין שלים־מזל'ניצע און דו האָסט חתונה מיט דיין שלים־מזל'ניק. און א דאַנק און א לויב זיין ליעבען נאָמען, קיינער פון אונז האָט זיך ניט צו קלאָגען נו, איז דאָס ניט קיין השגחה?

און אויב לייבע האָט דערין געפונען נאָך א בעווייז, ווי צו בעוואונדערען די דרכים פון דער השגחה, האָט דאָס גאָר ניט געשמעקט איטשע'ן צו זיין אין דער צאָהל שלים־מזל'ניקעס. נאָר ער האָט קיין זאַך געגען דעם ניט געקענט זאָגען, און ער האָט אָפּט געמוזט צושמייכלען דערצו.

דערפאר ווען עס איז געקומען ווינטער און עס האָבען זיך אָנגעהויבען די פרעסט, האָט זיין ערנידריגטער „איך" געפונען א בעפריעדיגונג, און ער פלעגט דעמאָלט אויסוואַקסען מיט צוויי קעפּ העכער.

די שוואָגערס האָבען געוואָהנט אין איין שטוב און האָבען געהאַט זייערע בעזונדערע קאַמערען. אַזוי גיך ווי די פרעסט האָבען זיך אָנגעהויבען האָט די טהיר אָנגעהויבען צו קוועלען. יעדען ווינטער האָט זיך אָנגעהויבען א סדרה פון ארומהאַקען דעם אייז פון שוועל און פון דער טהיר. נאָר ווי גוט דער אייז איז ניט ארומגעהאַקט געוואָרען, איז דאָך שווער געווען צו פערמאַכען די טהיר. יעדער איינער האָט געדאַרפט לאַנג קלאַפּען מיט דער קליאַמקע, ביז זי איז אריין אין דעם האַטשעק. עס פערשטעהט זיך, אז וואָס לענגער מען האָט געדאַרפט קלאַפּען מיט דער טהיר און פיהרען זיך מיט דער קליאַמקע, אַלץ מעהר קעלט איז אריין אין שטוב, און אַלץ מעהר האָבען אַלע אין שטוב גענומען זיך

קאַרטשען און קוקען בייזער אויף דעם, וואָס האָט די קעלט אַריינגעלאָזט. אָפט האָט די קליאַמקע אָפּגענאַרט. איינער איז אַריין אין שטוב און איהם האָט געדאַכט, אַז די טהיר איז פערמאַכט, און ווען ער איז שוין אָפּגעגאַנגען פיינע עטליכע טריט האָט זיך די טהיר ברייט געעפענט, און אַ ווייסער קאַלטער פראָסט האָט זיך אין דער פאָרם פון אַ רויך גענומען קייקלען איבער דער פּאָדלאָגע פון דער טהיר צום אויבען אָן, און פון אַלע זייטען אין שטוב האָט מען גענומען שרייען:

— די טהיר, די טהיר! איהר האָט די טהיר געלאָזט אָפען!

און דער אַריינקומענדיגער האָט זיך ווידער געדאַרפט האַסטיג צוריקקעהרען און אָנהויבען צו קלאַפּען מיט דער טהיר און פיהרען זיך מיט דער קליאַמקע.

און די טהיר האָט געהאַט איהרען אַ שגעון. זי האָט פיינט געהאַט אַז מען זאָל איהר בעהאַנדלען מיט בייזען. און וואָס מעהר רוגזה איינער האָט אַרויסגעוויזען ביים פערמאַכען איהר, אַלץ לענגער האָט ער געדאַרפט שטעהן לעבען איהר און פיהרען זיך מיט דער קליאַמקע. נאָר אפילו מיט גוטען האָט אויך ניט אַלע מאָל געהאָלפען. די טהיר האָט געפאָדערט אַ בעשטימטע מאָס העפליכקייט, ניט מעהר און ניט וועניגער. אַזוי האָט זי זיך איינגע'עקשנ'ט און מען האָט איהר געמוזט נאָכגעבען.

דער ערשטער און איינציגער וועלכער האָט אויסגעפונען די ריכטיגע מאָס העפליכקייט איז געווען איטשע. ער האָט עס אויסגערעכנט ביז אַ האָר, און ער האָט נאָר געדאַרפט אָנריהרען די קליאַמקע מיט די פינגער, און די טהיר איז שוין געווען פערמאַכט. די אַנדערע מיטגליעדער פון דעם הויז־געזינד האָבען מעהר אָדער וועניגער געכאַפּט דעם שניט און אַמאָל האָבען זיי זיך לענגער געפיהרט מיט דער קליאַמקע און אַמאָל קירצער.

שווער צו פערמאַכען די טהיר איז אָנגעקומען דבורה זעלדען. זי איז געווען געוואָהנט צו טהאָן איהר אַרבייט מיט אַ ברען, אָהן שהיות, דערצו זיינען איהרע פינגער געווען צוקאַליעט פון פראָסט און נאָכדעם ווי זי האָט צוויי־דריי מאָל אַ קלאַפּ געטהאָן מיט דער קליאַמקע, האָט זי אונגעדולדיג אַ רוף געטהאָן:

— איטשע, איך קען ניט פערמאַכען די טהיר!

מיט א זעלטענע צופריעדענהייט פלעגט זיך איטשע לאָזען געהן צו דער טהיר. דעמאָלט האָט ער געפיהלט דעם נחת, אז זיין ווייב, די בריה, איז אַמאָל אָפּהענגיג פון איהם און ער קען טהאָן עפּעס אזוינס, וואָס די אנדערע קענען ניט. זיין טראָט איז קיין מאָל ניט געווען אזוי עלאָסטיש ווי אין יענע מינוטען, ווען ער האָט געדאַרפט ארויסהעלפען זיין ווייב. און ער האָט עס געטהאָן מיט גרויסמוטה, און אפילו געסטאַרעט זיך צו פערענטפערען איהר אין איהרע אייגענע אויגען מיט א בעמערקונג:

— די טהיר מאַכט שוין ווידער איהרע הינטישע שטיק.

דאָס האָט אזוי גוט ווי געדאַרפט הייסען, אז ניט זי, דבורה זעלדע, איז שולדיג, נאָר די טהיר גופא מיט איהרע משוגעת'ן.

נאָר דעם גרעסטען פערגניגען האָט איטשע געהאָט, ווען לייבע איז געקומען אין אבענד אהיים און די גאַנצע הויזגעזינד איז געיגען אין שמור.

לייבע האָט בשום אופן ניט געקענט פערמאַכען די טהיר. ער איז ניט געווען דער מענש נאָכצוגעבען קאַפּריזען, בפרט א נאַרישער טהיר. ער איז גלייך צוגעטראָטען מיט רוגזה און דאַרטען וואו עס האָט זיך געפאָדערט א לייכטער ריהר מיט דער קליאמקע, האָט ער אָנגעווענדעט א כח, וואָס איז געווען גענוג אויפצוברעכען א טהיר. און וואָס מעהר ער האָט געבראָזגעט, אלץ ווע־ניגער האָט זי זיך פערמאַכט.

און בשעת לייבע איז אַן אונגעדולדיגער געשטאַנען און איז אלץ מעהר ארויס פון די כלים, האָבען זיך די אויגען פון דער הויזגעזינד אָפּט א קעהר געטהאָן צו איטשע'ס זייט. נאָר קיין מאָל איז איטשע ניט געווען אזוי שטאַרק פערנומען, ווי גראָד אין יענע מינוטען. פון אונטער דער ערד האָט ער אָפּגעזוכט עפּעס אַן אַרבייט, און די בראָזגעריי פון דער טהיר איז געווען די זיסטע מוזיק פאַר זיינע אויערען. און ווען ער האָט געפונען, אז לייבע איז שוין גענוג געשטאַנען ביי דער טהיר, האָט ער זיך אָפּגעריסען פון זיין אַרבייט, געלאָזט זיך געהן צו איהם, און מיט א ווייכען קול.

אונטער וועלכען עס איז געווען בעהאַלטען אַ לייכטער שפּאָט, האָט ער געזאָגט:

— לאָזט מיר, רבי לייב, איך וועל פערמאכען די טהיר.

און אַז לייבע האָט מיט פערדרוס געוואָלט לאָזען זיך שוין געהן צו זיך אין קאמער, האָט איהם איטשע אָפּגעהאַלטען און געזאָגט:

— געזונט זאָלט איהר זיין, רבי לייב. וואַרט, איך וועל אייך ווייזען, ווי מען דאַרף פערמאַכען. איהר זעהט? גרינג ווי א האָר.

און איטשע האָט דעמאָנסטרירט פאר איהם און געוויזען איהם בעשיינפערליך, ווי גרינג עס איז צו פערמאַכען די טהיר. ער האָט פערמאַכט און געעפענט, וויעדער פערמאַכט און געעפענט און פערמאַכט.

— איהר זעהט, רבי לייב, עס געדויערט נאָר אַ רגע, ניט מעהר. מען דאַרף ניט קלאַפּען. עס קאָן גאָר גרינגער ניט זיין. אדרבה, פּרובירט איצט, רבי לייבע.

און לייבע האָט פּרובירט און איהם איז איצט ניט געלונגען בעסער ווי פריהער.

איטשע איז אין די מינוטען אויסגעוואַקסען מיט פינף קעפּ העכער. ער איז איצט געווען פיעל העכער ווי דעמאָלט, ווען ער פלעגט שטעהן איבער דעם זייגער. ער וואָלט איצט מיט פערגניגען געשטאַנען אַ גאַנצע נאַכט און דעמאָנסטרירט פאַר איהם, ניט מיט'ן צוועק אויסצולערנען איהם צו פערמאַכען די טהיר, נאָר מיט דער איינציגער כונה צו ווייזען איהם, דעם גרויסען כוואַט, אַז אַזאַ קליינע זאַך קען ער ניט טהאָן. און ער האָט משונה הנאה געהאַט דערפון, זיין גאַנצע אינגעווייד האָט ממש געלאַכט אין איהם. און וואָס מעהר ער האָט אין זיך געלאַכט, אַלץ ווייכער איז געווען זיין קול און אַלץ געלאַסענער זיינען אַרויסגעקומען זיינע ווערטער.

און לייבע איז געשטאַנען אַ וויילע, אויסגעהערט דעם לייכטען בעהאַלטענעם פאַרוואורף, דערנאָך האָט ער זיך אָהן ווערטער אַ קעהר געטהאָן, אַ ציה געטהאָן מיט די אַקסלען און געלאָזט זיך געהן צו זיך אין קאַמער.

איטשע האָט קיין פירוש דערפון ניט געמאַכט, נאָר אין די מינוטען האָט זיך קיינער מיט איהם ניט געקענט גלייכען. ער איז פול געווען מיט אזאַ געפיהל פון חשיבות פאר זיך, וואָס ער האָט אַ גאַנץ יאָהר ניט געהאט.

דבורה זעלדע האָט אין אזעלכע מאָמענטען אפילו דעם קאָפּ ניט אָפּגעקעהרט, נאָר איטשע האָט גרינג געזעהן דעם לייכטען שמייכעל אויף איהרע ליפּען.

פּערלע די גבאי'טע.

פּערלע האָט אויפֿגעעפֿענט די אויגען און דערזעהן, אַז פֿון איבער דעם ווייסן פּאַרהאַנג, וואָס אויפֿ'ן פֿענסטער. פֿלייצט אין שטוב אַ העלע ליכטיגקייט.

— שוין גרויסער טאָג! גיט זי אַ מורמעל צו זיך.

נאָר דער קאָפּ איז איהר ווי מיט בליי אָנגעגאָסען און זי קען איהם ניט אַ הויב טהאָן, זי דרעמעלט נאָך אַ ווײלע איין, אָנגעשפּאַרט מיט'ן עלענבויגען פֿון דער רעכטער האַנט אָן קישען און מיט'ן קאָפּ אָן דער רעכטער האַנט, אָבער זי דרעמעלט זעהר אונרוהיג. זייענדיג האַלב וואַך, האַלב פֿערשלאָפֿען, געדענקט זי אָבער אַז היינט איז מאָנטאָג, אַ מאַרק־טאָג, היינט קומען אָן פֿיעל ישובניקעס און אויפֿיאָגען קען מען זיי נאָר ביי די מנינים. דער ערשטער מנין שטעלט זיך אַ שפּראָץ אויף טאָג... זי זאָל נאָר ניט פֿערשלאָפֿען... אָבער דער פֿריהמאָרגעדיגער אָנגענעמער שלאָף קלעבט צו איהרע אויגען שטאַרק און גיסט פֿערנאַנדער איבער איהרע אַלע צובראָכענע אויסגעהאָרעוועטע גליעדער אַזאַ זיסע פֿוילקייט, אַז זי קען מיט זיי ניט אַ קעהר טהאָן. נאָר באַלד טהוט זי אָן איבער זיך אַ כח, גיט זיך מיט גוואַלד אַ הויב אין בעט. וואַרפֿט אַרויף אויף זיך דאָס קליידעל און מיט פֿערשלאָפֿענע אויגען הויבט זי אָן טאַפּען צוקאָפּענס צו געפֿינען דאָס קענדעל און גיסט אָב, זיצענדיג נאָך אין בעט, נעגעל וואַסער און בענעצט דאָס פּנים, די אויגען.

דאָס קאַלטליכע וואַסער פֿערטרייבט אינגאַנצען איהר שלאָף: איהר זיסע פֿוילקייט רופֿט נאָר אַרויס ביי איהר אַ געניץ, אָבער זי האָט קיין צייט ניט אויסצוגעניצען זיך. דאָס האַרץ קלאַפּט איהר

שטאַרקער: טאָמער האָט זי שוין פערזאָמט צום ערשטען מנין. זי האָט מורא, אז דער „הירופיצער“ וועט זיך היינטיגע וואָך ווידער ארויסדרעהען פון איהרע הענט; זי קען זיך נאָך ביז איצט ניט שענקען, פאר וואָס ער האָט זיך פאַריגע וואָך ארויסגעמאכט פון איהר. זי אליין איז שולדיג אין דעם; אז מען כאַפּט איהם, קען ער ניט מעיז זיין, און אז זי האָט איהם ניט געכאַפּט, האָט צוליעב דעם געבער אַן אַרימער געליטען.

„אַ, אַ, נישקשה, פאַר זיך אליין וואָלסטו שוין ניט אזוי געגניצט! באשר פאַר פרעמדע מאכען זיך אזעלכע סבות!“

און זי האָט שטארק מורא, אז זי האָט שוין היינט ווידער פערזאָמט. אין איינע איילענים זוכט זי אָפּ איהר שטעקען, איהר טאַבאַקערקע, כאַפּט ארויף אויף זיך די פאַטשיילע, נעהמט אַ גרויסען שמעק טאַבאַק און קלאַפּענדיג מיט'ן שטעקען איבער'ן ברוק, לאָזט זי זיך געהן אין שוהל אריין.

אין שוהל דאַווענט מען שוין אפילו, נאָר איצט געהט „אַנהויבענם“. פערעלע קלאַפּט פריהער מיט צוויי פינגער אין זייט טאַבאַקערקע, ציהט אריין אַ גרויסען שמעק טאַבאַק, קוקט ארויס אַ וויילע פון עזרת־נשים צו די מאנסבילען, זעהט, ווער עס איז דאָ און שטעלט זיך אויך דאַוונען.

זי דאַווענט אבער אָהן כונה, זי מוז אלע וויילע ארויסקוקען צו די מאנסבילען, זעהן אויב פנים חדשות זיינען ניט אריין. אָט איז אריינגעקומען בעריל דער זאַרעטשער, אַן איינגעפונדעוועטער בעל־הבית, חוץ זיין שאָדען אויף אלע אידען געזאָגט געוואָרען, אבער ארויסצוקריגען ביי איהם אַ נדבה דאַרף מען האָבען המצאות, אזוי איז ער גאָר אַ קנאַפּער „פותח יד“. פערעלע אבער ווייסט זיין שוואכקייט, ער האָט ליעב זיך אויסצופיינען, און אז זי געהט אונטער צו איהם נאָך אַ נדבה, טהוט זי עס ניט אנדערש ווי פאַר מענשען אין די אויגען. אין בית־המדרש, אויבען־אָן, איז אַ גוטער אָרט. זי ווייסט, אז דאָ וועט זי כאַפּען ביי איהם אַ גוטע פויטיקע... און געלט דאַרף זי טאַקע איצט חיות ניט זיכער... ניט זינדיגען זאָל מען. די לעצטע צייט האָט זיך דער דלות שרעקליך פערשפרייט... דוכט

זיך. גאר פיינע בעלי־בתים — און דער דלות פייפט אין אלע ווינקעלאך.

„ברכו את ד' המבורך" דערגרייכט צו איהר דעם בעל־תפילה'ס קול.

„ברוך ד' המבורך לעולם ועד", ענטפערט איהר מויל מעכאניש, און איהר אויסגעבויגענער רוקען גיט זיך א טיפען רוק צו דער זייט פון ארון־קודש גאר אהן איהר ידיעה, און איהרע געדאנקען ארבייטען ווייטער... דא ניט לאנג געבער, ווערען איצט נעהמער... זי האט זיך שוין מאום פערשולדיגט... נאר האט זי דען געקענט טהאן אנדערש ? קען מען דען לאזען א מיידעל זיצען ביז'ן גרויען צאפ ?... אמת, דאס מיידעל איז ניט קיין גאטספארכטיגע, גאר א היינטוועלטיגע, דער עולם זאגט, אז זי איז גאר א וואויל קענעוורדיגע... ער, ווידער, איז גאר אן אפיקורס... ביי איהר איז א גרויסער ספק, אויב ער וועט גאר דאוונען אין דעם טלית, וואס זי האט איהם געקויפט. נאר וואס וואלט געווען דער תכלית פון זייער זיצען ?... צוויי מתים, אהן א גראשען געלט ביים לייב און זעעל. גאט ווייסט, וואס ביי זיי וואלט ארויסגעקומען... פאר די כלה'ס קלייד האט זי נאך עד היום ניט בעצאהלט. שווערע צייטען !... זי ווייסט גאר ניט, ווי זי וועט זיך דא אויספלאנטערן פון די חובות. איצט פון חובות־צאהלען איז גאר ניטא וואס צו ריידען... זי קען זיך ניט צורייסען אויף דאס נויטיגע פאר אלע אביונים... און גראד האט זי איצט שווערע „קונדען"... ניט־דריי קימפעטארינס — זיי מוז מען צוזעהן: א פאר היהנער, פוטער, פוטערקוכען, ווי איז אנדערש ?... ניט־זעקס חולים, דא מוז מען ווייטער געהען ארום זיי... א נס, וואס דאקטוירים קאסטען איהר קיין געלט ניט, אז זי רופט א דאקטאר וועט ער אפילו אין האלבע נאכט געהן אומזיסט. אז ניט, ווייסט זי טאקע ניט, ווי זי וואלט זיך אויסגעקרעוועט.

„ונאמן אתה להחיות מתים" האט דערגרייכט דעם בעל־תפילה'ס קול פון דער מאנסבילשער שוהל, און זי האט זיך געשטעלט קדושה.

נאך קדושה האט זיך פערעלע געכאפט, אז זי האלט ביים אנהויבענס.

— נ—נאַ! דאַווענען אפילו, ווי גאָט האָט געבאָטען, קען מען ניט! מעהר ווי מיט קדושות לאָבט מען זיך ניט... שבת נאָר קען זי אַמאָל אָפּדאַוונען ווי געהעריג איז, מיט אַלע תחנות און מעמדות, אָבער איז דאָס אויך נאָר אַמאָל... עס וועט זיך שוין געפינען איינער, וואָס וועט איהר שטערען, און עס איז זיך גאָר ניט צו בעהאַלטען... געהט זי אַוועק אין שוהל, געפינט מען איהר אין שוהל, פערבלייבט זי אין שטוב — זוכט מען איהר דאָ אויך אָפּ... און וואָס איז מען אויף איהר אַזוי אָנגעשטאַנען?... וואָס האָט מען צו איהר נשמה?...

„ויהי בנסוע הארון“.

פּערעלע האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן ניט טויט ניט לעבעדיג:

„מען נעהמט שוין אויס“.

און זי האָט געשווינד אַ נעהם געטהאָן דעם שטעקען אין איין האַנט, די טאַבאַקערקע און דאָס רויטע נאָז־טיכעל אין דער צווייטער און געלאָזט זיך אַראָפּגעהן צו די מאַנסבילען.

זי געהט נאָר צו די ישובניקעס, די שטאָדטישע דאַרף זי ניט זוכען אין שוהל. זי געהט צו צום ערשטען רייכען ישוב׳ניק, פאַרשטעלען דאַרף זי זיך ניט, מען קען איהר אַרום און אַרום, פון קליין ביז גרויס, פון יונג ביז אַלט, סיי אידען סיי קריסטען, ווי אַ בייזען שילינגער. זי געהט צו, שפּאַרט אָן דעם שטעקען אָן עלענבויגען, נעהמט טרייסלען מיט גרויס אַפּעטיט די טאַבאַקערקע, ציהט אַריין אַ כפול־שמונה׳דיגען שמעק־טאַבאַק, גיט אָפּ אַ גוט־מאָרגען און בעמערקט אויפ׳ן קול:

שוין אַ צייט ניט געזעהן... זי זאָגט אין דער הויך, כדי די דערבייאיגע זאָלען הערען.

— ס׳טייטש, שוין אַ צייט ניט געזעהן! וואָס רעדט איהר, פּערעלע? פּאָר צוויי וואָכען האָבען מיר זיך דאָך געזעהן, געזונט זאָלט איהר זיין, פּערעלע, ענטפערט דער ישוב׳ניק אונטערשפּרינגענדיג.

— געזונט זאָלען מיר אַלע זיין... נאָר, מחשבות׳ן, ביי אייך אין צוויי וואָכען אַ קנאַפּע צייט, און ביי מיר, זעהט איהר, איז דאָס

גאר, גאר א לאנגע צייט. איך האב זיך שוין טאקע שטארק פערבענקט נאך אייך...

דער ישוב'ניק נעהמט קאשערען די פאלע, בעקומט פון די פלודערען דעם טייסטער און גיט א פיינע נדבה.

פערעלע געהט ארום אלע בענק, בלייבט נאר שטעהן, וואו זי דארף, ווארפט אריין, וואו זי געפינט פאר נויטיג, אווארט, און לאזט זיך געהן איבער די קלויזען זוכען די אנדערע ישוב'ניקעס...

איהר איינציגע נאהרונג, ווען זי דרעהט זיך אזוי ארום איבער'ן שוהל־הויף, זיינען די ברכו'ס און די קדושות.

און זי איז מיט זיי זאט...

שמואל יאנקעלס הייב־מוטער.

נאך א לאנג־יאהריגען ארומוואנגלען איבער פערשיעדענע שטעדט האב איך זיך צוריקגעקעהרט אהיים.

ביי אונז אין שטוב איז געווען א ליהודים. לכבוד מיר האט מען אראפגענומען דעם סאמאוואר פון פאליצע, אפגעפולעט איהם און אנגעשטעלט טהיי. די מאמע האט גענומען האקען צוקער, די שוועסטער האט געוואשען גלעזער, און קרובים זיינען געקומען אפגעבען מיר שלום עליכם.

מיינע צוויי קליינע פלימעניקעס זיינען אויך געווען בתוך הבאים, זיי האבען ניט אפגעטראטען ווייט פון זייער מאמעס פארטוך, האבען זיך צוגערוקט צו מיר בשתיקה און גענומען טאפען די סחורה פון מיין ראק, און ווען איך האב זיי בעמערקט און געוואלט א גלעט טהאן, זיינען זיי ביידע אפגעשפרונגען צו דער מאמען און איינגעדרעהט זיך אין איהר קלייד.

גאר די נאהענטע קרובים האבען זיך ארומגעזעצט ארום מיר, די ווייטערע האבען נאר געגעבען שלום עליכם, אפגעטראטען עטליכע טריט, פערלעגט די הענט אהינטער, געשטאנען א ווײילע מיט אויסגעשפיצטע אויערען און געזאגט א גוטע נאכט.

ענדליך איז אריינגעקומען מיין פעטער שמואל יאנקעל, איינגעבויגען אין דרייען מיט די הענט אויפ'ן בויך.

— וואס האסטו זיך איצט געדארפט שלעפען? האט איהם די מאמע געפרעגט. — כא'וואלסטו בעסער ליגען.

— און דו מיינסט, אז פון ליגען ווערט מיר בעסער? האט ער געענטפערט, ניט אפנעמענדיג די הענט פון בויך.

— זעצט זיך, פעטער, האב איך איהם אפגעטראטען מיין שטול, — זעצט זיך.

— זיץ, זיץ, נישקשה, איך קען בעשטעהן.

איינער פון די געסט האט זיך אויפגעהויבען און אפגעטראטען איהם זיין פלאץ. ער האט זיך געזעצט אויף יענעמס פלאץ און ניט אפגענומען די הענט פון בויך.

— וואס איז אייך, פעטער, אזוינס געשעהן?

— פרעג גאר ניט. דאס איז אן אלטע קריינק. עס כאפט מיר אן צייטענווייז.

— וואס פארט איז דאס אזוינס?

— אט, דו ביזט איצט פון וועג און איך וועל דיר דרייהען א קאפ מיט קראנקהייטען. גאר ניט.

— האט איהר געפרעגט וועגען דעם ביי א דאקטאר?

— וואס איז פאראן צו פרעגען ביי א דאקטאר? זיי זיינען אויף אזעלכע זאכען קיין מבינים ניט.

ער האט מיך פאראינטערעסירט מיט זיין קראנקהייט, און איך האב גענומען צו איהם צושטעהן.

— וואס הייסט א דאקטאר איז קיין מבין ניט? ווער דען, אז ניט א דאקטאר קען פארשטעהן א קריינק?

— יא, דו ביזט גערעכט, א קריינק פערשטעהען זיי, און אויף זיין געזיכט האט זיך בעוויזען א קראנקער שמייכעל.

— איך מיין ערנסט. וואס איז אייך אזוינס?

— די הייב־מוטער איז ביי מיר ניט אויף אן ארט...

— די וואס? האב איך געפרעגט פערוואונדערט.

— די הייב־מוטער.

— די הייב־מוטער? — האב איך איבערגעפרעגט און ניט געגלויבט מיינע אויערען.

— יע, די הייב־מוטער. עס טרעפט מיר זעהר אפט, אז די הייב־מוטער הויבט זיך אן צו דרייען און מיר קעהרט איבער די גאנצע אינגעווייט.

— ווער האט דאס אייך אזוי געזאגט?

— וואס הייסט, ווער האט מיר געזאגט? וואס בין איך אן עיפעלע, וואס מען דארף מיר זאגען? האט ער מיר געפרעגט, ווי בעליידיגט און אפגענומען איין האנט פון בויך און א גלעט געטהאן

זיין לאַנגע באָרד, ווי ער וואָלט מיר מיט דעם ווײַסן װײַזן, אַז ער איז שוין אַ בעיאַהרענטער איד.

— אַבער ווי קומט איהר צו אַ הייב־מוטער? — האָב איך געפרעגט מיט אַ שמייכעל.

— סטייטש, וואָס הייסט, ווי קום איך? וואָס בין איך קיין מענש ניט?

— איהר קענט דאָס ניט האָבן, ווייל דאָס געהערט צום ווייבליכען געשלעכט.

— וואָס האָסטו געזאָגט?

איך האָב ווידערהאָלט.

— איך פערשטעה ניט, וואָס דו מיינסט, האָט ער געענטפערט.

— הייב־מוטער'ס האָבען נאָר נקבות, אָבער ניט קיין מאַנסביל.

מיין פעטער האָט זיך צולאַכט.

— ווי קומסטו צו זאָגען אַזאַ נאַרישקייט? אויף דיר וואָלט איך זיך אסור, ניט ריכטען. וואָס בין איך איינער וואָס איך האָב עם?

עטליכע געסט האָבען פּאַטאַקעװעט זיינע ווערטער און דערצעהלט מיר, אַז זיי טרעפט דאָס אויך.

— אָבער איך זאָג אייך, אַז איהר קענט אַזאַ זאַך ניט האָבען.

— אָבער זיי זיינען אַלע מיט איין שפּרוך, האָט ער זיך געווענדעט צו דער מאַמען. דערצעהל אַ דאָקטאָר, אַז די הייב־מוטער האָט זיך גערירט, לאַכט ער דיר אויס.

דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו מיר:

— פרעגט ניט דעם רופא, פרעגט בעסער דעם חולה. מיר איז דאָס ניט דאָס ערסטע מאָל, אין אַ גוטע שעה צו רעדען און אַ בייזע צו שווייגען, ווי נאָר דאָס כאַפּט מיר אָנעט, שיק איך רופען זעליג איציג דער בעדער און ער שטעלט מיר אַ גלאָז און דאָס נעהמט אוועק די ווייטאָגען, ווי מיט דער האַנט. ער ברענגט גלייך די הייב־מוטער אויף אַן אָרט. ער האָט אַ גרינגע האַנט...

— פאַר וואָס האָסטו איהם היינט ניט גערופען ? פרעגט איהם די מאַמע.

— איך האָב איהם געשיקט רופען, איז ער ניט געווען אין דערהיים. ער וועט מסתמא באַלד קומען.

אין דער מינוט האָט זיך די טהיר געעפענט און זיינער א אינגעל איז אריינגעקומען. ער איז צו איהם צוגעגאַנגען און געזאָגט:

— טאַטע, זעליג איציק איז געקומען, ער וואַרט אויף דיר.

ער האָט מיר גלייך געזאָגט א גוטע נאַכט און איז ארויס.

ווען אַלע איבריגע געסט זיינען זיך צוגאַנגען, האָט זיך די מאַמע צו מיר געווענדט און געזאָגט:

— זאָג דאָס ניט ווייטער, קינד מיינס, מען וועט פון דיר לאַכען. מיר האָט פשוט דער פנים געברענט פאַר בזיון, ווען דו האָסט דאָס געזאָגט... מען טאָר אויפ׳ן אייגענעם שכל ניט שטעלען, א וועלט איז ניט משוגע און אז שמואל יאַנקעל דערצעהלט, אז ביי איהם דרעהט זיך די הייב־מוטער, וועט ער פון קאָפּ ניט אויסקלערען. ניט ער איז דער ערשטער, ניט ער איז דער לעצטער, וואָס ליידט דערפון, זאָג דאָס ניט ווייטער...

פערשאָלטען געלט.

מיר זיינען געזעסען אין אַ קאוויארנע נאָך אַ טהעאטער פאַרשטעלונג און האָבען דעבאטירט וועגען דעם נייעם שטיק. דער זייגער האָט שוין געוויעזען אויף נאָך צוועלף נאָך האלבע נאכט, נאָר אין קאוויארנע האָט אויסגעוויעזען, אז דאָ האָט זיך ערשט דער טאָג אָנגעהויבען. אלע טישלאך זיינען געווען פערנומען, די געסט האָבען ניט געוויעזען קיין שפור פון מיעדקייט, פערקעהרט, די אויגען האָבען געבליצט ווי די דימענטען ביי די אקטריסעס, די פנים'ער זיינען געווען דערווארעמט, די בעוועגונגען פריש און מונטער, הייסע דעבאטען האָבען אָנגעפילט די לופט מיט קולות, און סאטירישע בעמערקונגען זיינען געשפרונגען פון איין טישעל צום צווייטען, און די פערזאַמלונג האָט אויסגעזעהען ווי איין גרויסע פאַמיליע.

די לעבעדיגקייט און די מונטערקייט פון די געסט האָט אויך אָנגעשטעקט דעם ווירט, וועלכער איז געשטאַנען מיט פערלעגטע הענט אהינטער, מיט אַ פרעהליכען פנים און געוויעזען אַ שמייכעל ביי יעדער בעמערקונג פון אן אנגעזעהענעם אקטיאָר. אויך די קעלנער האָבען זיך געדרעהט ארום די טישלאך מיט אַ גרעסערער ריהרעוודיגקייט און געוויעזען מעהר העפליכקייט ווי געוועהנליך.

די הענגערס האָבען אויסגעזעהען גאָר יום טוב'דיג, צוליעב די עטליכע צילענדערס וואָס זיינען אויף זיי געהאנגען, און בכלל האָט דער עולם געהאט אַ מעהר יום־טוב'דיגען אויסזעהען.

ארום אונזער טישעל, וואָס איז געווען ווייטליך פון טהיר איז געווען רוהיגער. מיינע שכנים פון טישעל זיינען געווען אזעלכע, וואָס האָבען בייגעוואוינט די געבורט פון דער ביהנע, און אַלץ וואָס זיי האָבען איצט געזעהען האָט ניט מעהר ווי געדיענט אלס אַ פאַרגלייך מיט די אַמאָליגע צייטען.

— נו, האָבען מיר זיך גערעכט, — האָט זיך אַנגערופען איינער מיט איינגעשרומפּענע באַקען און איינגעגראָבענע אויגען. וועלכער איז געווען עפּעס אַ מין חפץ אין די אידישע טהעאטערס — אַז אַמאָל וועט קומען אַ צייט ווען אַ אידישע אַקטריסע וועט זיין בעדעקט מיט אַזוי פיעל דימענטען און אמת'ע דימענטען. דו געדענקסט ווי נ... האָט אַרומגעטראַגען אין רומעניען לימאָנאַד? זי איז געווען אַ שעהנע ווייבעל!

— אַט שטעהט אַ גרויסער אַטאָמאָביל און וואַרט אויפ'ן שטערן — האָט זיך אַנגערופען אַ צווייטער, אַ געוועזענער אַקטיאָר און אין אונזער צייט האָט אפילו אַ שטערן ניט געקענט דערווייזען צו פאָהרען פון איין שטאָדט אין דער צווייטער מיט אַ פוהר און ער האָט געמוזט איינשפּאַנען זיינע אייגענע צוויי פערד.

— זעהט איהר, דערפאַר זיינען די צילינדערס אַזוי אַלט ווי די אידישע ביהנע, — האָט זיך אריינגעמישט אַ דריטער. — פּורציעס האָבען זיך שוין דעמאָלט פערגונען צו טראַגען צילינדערס, אָדער ווי מיר פלעגען זיי דעמאָלט רופען: „טשאָלענט טעפּ“, און זיי זיינען דעמאָלט טאַקע געווען אַזוי פערשמאָלצען ווי טשאָלענט טעפּ.

— און דאָך איז דעמאָלט געווען אַ גוטע צייט, — האָט ווידער געזאָגט דער ערשטער. — איהר געדענקט, ווי אין בוקארעסט האָט זיך אין דער צייט פון דער רוסיש־טערקישער מלחמה געשאָטען געלט איבער די גאַסען. אַט דאָס איז געווען אַ גאָלדענע צייט. די פּאָדריאַטשיקעס פלעגען אַראָפּקומען אין טהעאטער מיט אַזעלכע געשוואָלענע גאַרטלען (ער האָט דערביי אָפּגעמאָסטען מיט ביידע הענט, האַלטענדיג איין האַנט ווייט פון דער אַנדערער), אַ רובעל האָט געהאַט אַ סך אַ קלענערען ווערטה ווי דאָ אַ גראָשען.

— אַ פראַגע צו איך געדענק, — האָט געזאָגט דער געוועזענער אַקטיאָר און עטוואָס אַנגעבויגען דעם קאָפּ אָן אַ זייט און לאַנגזאַם געדרעהט מיט איהם, אַזוי ווי ער וואָלט וועלען געבען דערמיט צו פערשטעהן אַז דעמאָלט האָט ער געשמאַליעט אַ מדינה.

— צו וואָס מען האָט זיך צוגעריהרט איז דערפון געוואָרען גאָלד. מען האָט ניט געדאַרפט האָבען קיין בריות, קיין קאָפּ־

דרעהער, יעדער האָט געקענט מאַכען געלט, האָט ווידער געזאָגט דער ערשטער מיט אַ בעהאַלטענעם זיפֿץ, פֿאַר וואָס ער האָט ניט געוואוסט ווי אויסצונוצען אַזאַ גאָלדענע געלעגענהייט.

— יאָ, מען האָט געמאַכט געלט, — האָט זיך אָנגערופֿען אַ דריטער, ציהענדיג די ווערטער, ווי ער וואָלט זיך בשעת מעשה עפּעס דערמאָנט. — יאָ, מען האָט געמאַכט געלט, נאָר דאָס געלט איז געווען פֿערשאָלטענס.

— אמת, ווי איהר זעהט מיך אַ לעבעדיגען, — האָט אונטערגעכאַפּט דער געוועזענער אַקטיאָר מיט אַ ווארעמקייט. איך האָב שטענדיג געטראַכט, אַז דאָס איז געווען פֿערשאָלטענע געלט.

— אויב איהר מיינט, אַז דאָס געלט האָט קיין קיום ניט געהאַט, — האָב איך געזאָגט צום דריטען, — איז דאָס גאַנץ נאַטירליך. געלט וואָס קומט אָן גרינג געהט אוועק גרינג.

— ניין, איך מיין טאַקע פֿערשאָלטענע געלט. עפּעס אַ קללה איז געווען אויף דעם געלט. איך רייד ניט וועגען דעם תכלית, וואָס ביעלע פּאַדריאַטשיקעס האָבען געמאַכט פֿון זייערע לייכטע פֿערדיענסטען. איך געדענק, ווי פֿיעלע זיינען געקומען פֿון סיסטאַוואַ אַ לעב צו טהאָן אין בוקארעסט, זיי האָבען געבראַכט אָנגעשטאָפּטע גאַרטלען און אין וועלכע עטליכע טעג זיינען זיי אוועק בשן ועין. איך האָב אַליין געזעהען איינעם, וואָס האָט געמאַכט אין דער מלחמה אודאי הונדערט טויזענד רובעל, און דער סוף איז געווען, אַז ער האָט ניט געהאַט מיט וואָס צו פֿאָהרען אַהיים, און דאָס ווייב האָט איהם געמוזט שיקען אויף הוצאות. נאָר וועגען דעם רעד איך ניט. איך מיין טאַקע פֿערשאָלטענע געלט.

— יאָ, יאָ, — האָט ווייעדער אונטערגעכאַפּט דער געוועזענער אַקטיאָר, טאַקע אמת פֿערשאָלטענע געלט.

דער דריטער איז אויף עטליכע סעקונדען אַנטשוויגען געוואָרען, האָט גענומען זיין האַלב אָפּגעטרונקענע גלאָז טהיי, עטליכע מאָל אַ זופּ געטהאָן און דאַן געזאָגט:

— איך וועל אייך דערצעהלען אַ טראַגעדיע וואָס איהר האָט נאָך אויף דער ביהנע ניט געזעהן, און דאָס איז אַן אמת'ע מעשה, ביי מיר אין שטעדטעל האָט עס פּאַסירט, און אַז איהר וועט הערען

די מעשה, וועט איהר אליין זאגן, אַז עפּעס אַ קללה איז געווען אויף יענעם געלט.

דער געוועזענער אקטיאָר האָט זיך אַנגעהויבן צו דרעהען אין זיין שטוהל פון געשפּאנטער אונגעדולד און האָט אויסגעשפּיצט נאָז און אויערן.

— איך בין אליין אַ ק...נער, פּאָלטאַווער גובערניע, — האָט אַנגעהויבן דערצעהלען דער דריטער. — און ווען די מלחמה האָט זיך אַנגעהויבן, האָט יעדער ביי אונז אין זיך רוסלאנד דערפיהלט עפּעס אַ מין פיעבער. וואו צוויי האָבן זיך בעגעגענט, האָט מען קיין אנדער זאך ניט געהערט, ווי ארמיע און ארמיע. מיט יעדער נייער דיוויזיע וואָס איז פארביי אונז דורכגעגאנגען איז אלץ שטארקער געוואָרען דער באגעהר צו געהן נאָך דער ארמיע. די סאָלדאַטען און אָפיציערען האָבן אלץ פערצוקערט, מען האָט ארום זיי געמאכט געלט ווי בלאָטע און מען האָט זיך געדארפט פיהלען אַ קאַליקע, אַז מען זאָל ניט וועלען פערזוכען פון דעם גרינגען געלט.

ער האָט אַנגעקלונגען מיט׳ן טהיי־לעפעלע אָן טעצעל און ווען דער קעלנער איז צוגעגאנגען האָט ער בעשטעלט אַ ציגאַר.

פון אונזער שטעדטעל איז מען געלאָפען נאָך דער ארמיע, ווי מען לויפט איצט קיין אַמעריקא. קיינער האָט זיך ניט געפרעגט, וואָס וועט ער טהאָן. דער וואָס האָט געהאט אביסעל געלט, האָט געגלויבט, אַז ער וועט וועלטען איבערקעהרען, און דער וואָס האָט קיין געלט ניט געהאט, האָט געגלויבט אין זיין חכמה, בריה׳שאַפט. איך בין נאָך דעמאָלט געווען אַ שנעק, און איך האָב אויך געמיינט, אַז מען דארף נאָר געהן נאָך דער ארמיע און קלייבען דאָס געלט וואָס וואַלגערט זיך דאָרטען.

ער האָט גענומען דעם ציגאַר, וואָס דער קעלנער האָט געבראַכט, אָפּגעביסען דעם שפּיץ מיט די צייהנער און נאָכ׳ן פאַררויכערען געגעבען אַ פּאָר ציה און ווייטער דערצעהלט.

— ביי אונז אין שטעדטעל איז געווען אַ יונגער מאַן, ער האָט געהאַנדעלט מיט תבואה. אָט שטעהט ער פאַר מיינע אויגען: אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ קליין שוואַרץ בערדיל, זיין כּאַלאַט שטענדיג פערגאַנדערגעשפּילעט, זיין היטעל אריבערגערוקט איבער׳ן שטערן

און וואו נאָר ער האָט געזעהן אַ וואָגן איז מאַרק, פלעגט ער צוגעהן, אַ טאַפּ טהאָן די סחורה, און אז קיין תבואה איז ניט געווען, האָט ער פון אונטען בעקומען אַ שטרוי, אָפּגעבראָכען אַ שטיקעל, אריינגעשטעלט עס צווישען די צייהנער און אזוי מיט'ן שטרוי ארומגעגאנגען, ביז ער איז צוגעקומען צו אַן אנדער פוהר. דאָרטען פלעגט ער דעם שטרוי אוועקוואַרפען, אָנשפּאַרען איין פוס אויפ'ן ראָד פון וואָגן, אויספרעגען דעם פויער וואָס פאַר אַ סחורה ער האָט, ווידער ארויסשלעפּען אַ שטרוי פון אונטען און לאָזען זיך ווייטער געהן מיט'ן שטרוי אין מויל.

— איך ווייס עד היום ניט, צי דאָס איז געווען אַ רגילות אָדער דער שטרוי אין מויל איז געווען אַ מין שילד פון אַ תבואה־הענדלער. קיין גרויסע געשעפטען האָט ער ניט געמאַכט, זיין גאַנצער געשעפט איז געווען מאָנטאָג אין מאַרק־טאָג, און ער האָט מסתמא קוים געמאַכט אויף זיין הוצאה. קיין גרויסער בעל הוצאה איז ער ניט געווען. עס איז געווען אַ יאָהר פיער נאָך זיין חתונה און ער האָט געהאַט איין קינד, אַ מיידעלע. פון דעם נדן איז איהם מסתמא געבליבען עטליכע הונדערט רובעל, און ווען עס איז געוואָרען די מהומה פון לויפען נאָך דער אַרמיע, איז ער געווען פון די ערשטע צו לויפען.

— איך האָב איהם די ערשטע צייט געזעהן אין בוקאַרעסט. ער האָט נאָך דעמאָלט אויך געהאַלטען אַ שטרויעלע צווישען די צייהנער, זיין כאַלאַט איז נאָך אַלץ געווען פערנאַנדערגעשפּיליעט און זיין היטעל אַראָפּגערוקט איבער'ן שטערען. די עטליכע הונדערט רובעל האָט ער גע'פּטר'ט גלייך. איהר ווייסט דאָך, וואָס פאַר אַ יקרות דאָרטען איז געווען. מען האָט געריסען אַ פּאָס אויף וואָס די וועלט שטעהט, און עטליכע הונדערט רובעל האָבען ניט געקלעקט אויף אַ צאָהן. ער האָט דעמאָלט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ הונגעריגען וואָלף. איך האָב מסתמא אויך געמאַכט דעם דאָזיגען איינדרוק אויף אַנדערע. עס האָט געקענט ביי אַבי וועמען ארויסרופען אַ שאַרפען אַפּעטיט. ווען מען האָט געזעהען, ווי גאָלד איז געפלאָסען אין אַלע זייטען, און מען האָט נאָר געדאַרפט כאַפּען דעם קונץ, ווי אזוי איינצובויגען זיך און שעפּען דאָס גאָלד.

שפּעטער האָב איך איהם פערלאָרען פון די אויגען און איך האָב איהם אין אַ היבשע צייט אַרום ווידער געטראָפען אין בוקאַרעסט. ער האָט זיך אין גאַנצען געענדערט, ער איז איצט שוין געווען אַ גאַנצער פּראַנט, קיין שטרויעלע אין מויל האָט שוין ניט געשטעקט, דאָס היטעל איז איצט שוין געווען ווייט אַרויפגערוקט, די עלענבויגענס זיינען געווען אויסגעשטעלט. איך האָב איהם געזעהן אין אידישען טהעאַטער, איך האָב איהם געזעהן אין טראַקטירען, גאָר ניט דער זעלביגער שמואל בעריל, וואָס איך האָב געקענט. האָב איך אייך געזאָגט, אַז ער האָט געהייסען שמואל בעריל? דאָס איז געווען זיין נאָמען. איך וואָלט קיינמאָל ניט געגלויבט, אַז אַ מענש קען אין אַזאַ קורצער צייט אַזוי געענדערט ווערען. ער איז פאַר מיר געווען פּשוט אַ וואונדער.

ער האָט אַ פּאָר מאָל אַ ציה געטהאָן דעם ציגאַר, נאָר ער איז שוין געווען אויסגעלאָשען. ער האָט מיט'ן לערעלע אָנגעהויבען קלאַפּען אָן טעצעל, און דער געוועזענער אַקטיאָר האָט פון אונגעדולדיגקייט אויך אָנגעהויבען צו קלאַפּען אָן זיין טעצעל און אָן גלאָז, כדי גיכער צו ציהען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם קעלנער און מאַכען די הפסקה וואָס קירצער. ווען דער קעלנער האָט גענומען די בעשטעלונג אויף טהיי, האָט דער דריטער ווייטער דערצעהלט.

— פון זיין געשוואָלענעם גאַרטעל איז געווען גרינג צו זעהען. אַז ער האָט געכאַפּט דעם קונץ ווי צו מאַכען דאָס געלט. דער איינדרוק וואָס ער האָט אויף מיר געמאַכט איז געווען, אַז ער איז ניט געקומען, ווי די אַנדערע, צו לעבען אַ גוטען טאָג און אויסבריינגען געלט, נאָר צו ווייזען אַז ער האָט שוין די ממתקים. ער איז געווען זעהר קאַרג מיט'ן רובעל, אין קאָרטען האָט ער ניט געשפּיעלט און ער האָט זיך פערגונען נאָר אַזעלכע פערגניגענס, וואָס האָבען קיין סך ניט געקאָסט.

דער קעלנער האָט געבראַכט פיער גלעזער טהיי, און אַזוי ווי דער דערצעהלער האָט אָנגעהויבען זופּען זיין טהיי, האָבען מיר אַלע געפאָלגט זיין ביישפּיעל. דער געוועזענער אַקטיאָר איז געווען אַביסעל ענטטוישט. ער האָט ערוואַרט צו הערען עפּעס איבערנאַ־

טירליכעס, און צום סוף איז דאָס דערווייל געווען אַ גאַנץ געוועהנליכע מעשה.

— מיין לאַנדסמאַן איז באַלד ווידער פערשוואונדען, און איך האָב זיך מיט איהם געטראָפען שוין ביים צוריקקעהרען זיך אהיים. און אזוי ווי מיר זיינען געווען לאַנדסלייט, זיינען מיר געפאָהרען צוזאַמען. אויפ'ן וועג האָבען מיר זיך גוט בעפריינדעט. ער האָט געפיהרט מיט זיך אַ היבשען קאַפּיטאַל, און אזוי ווי איך בין צוריקגעפאָהרען כמעט ווי מיט לעדיגע הענט, האָט ער מיר אָפט אויפ'ן וועג מכבד געווען מיט דער ברייטער האַנט. ער איז געווען אויפ'ן זיבעבטען הימעל. וואו נאָר מען האָט עפּעס געקאָנט צובייסען פלעגט ער מיר אויפ'ן פאַני בראַטסקי'ן אופן אַ קלאַפּ טהאָן אין אַקסעל און זאָגען: „נו, שלים־מזל'ניק. קומט, מיר וועלען עפּעס אַ כאַפּ טהאָן". דערביי איז אינטערעסאַנט צו בעמערקען, אַז ביים אָנהויב פון דער נסיעה איז ער געווען אין גאַנצען דורכגעדרונגען מיט'ן גייסט פון דעם גרינגג פערדיענטען געלט, און זיין אָפענע האַנט איז גע׳וען ברייט פערנאַנדער־געעפענט. דאָס הייסט אזוי ברייט, ווי ער האָט זיך פערגונען אין סיסטאָוואָ אָדער אין בוקאַרעסט בשעת דער מלחמה, ווייל איך האָב שוין אייך פריהער געזאָגט, אַז אנטקעגען די אַנדערע פּאָדריאַדטשיקעס איז ער געווען אַ קמצן. זיינען מיר פערפאָהרען אין אַ האָטעל אָדער אָפּגעשטעלט זיך אין אַן אַכסניא און מען האָט אונז גערעכענט אַ מענשליכען פרייז, פלעגט ער ענטהוזיאַסטיש בעמערקען: „דאָ קען מען זיך דאָך פערגינען אַ לעב טהאָן", און וואָס פאַר פרייזען מען האָט ניט גערעכענט איז אַלץ אויסגעקומען אַ גוואַלדיגע מציאה. נאָר וואָס נעהענטער מיר זיינען צוגעקומען צו דער היים, אַלץ שטייפער האָט זיך פערמאַכט זיין האַנט און אַלץ ווייניגער האָט ער זיך געוואונטערט זיך אויס פון דער שכרות פון די גרינגע פערדיענסטען. אפילו טערט זיך אויס פון דער שכרות פון די גרינגע פערדיענסטען. אפילו דאָס היטעל האָט זיך גענומען אַלץ מעהר אַרונטעררוקען צום שטערן.

אויפ'ן וועג האָט ער אָנגעקויפט היבשע מתנות פאַר דעם ווייב און פאַר זיין מיידעלע. „זי דאַרף שוין זיין אַ גרויסע מויד!" האָט

ער צו מיר געזאגט, ווען ער האט פאר איהר געקויפט א גאנצען גארדעראב.—„הא, וואס זאגט איהר? האט מען ביי אונז ווען געזעהען אזעלכע אטלאסענע שיכעלאך, אזעלכע זיידענע זעקעלאך?“ האט ער מיר זיי געוויעזען און האט פון זיי משונה הנאה געהאט. א סך מעהר ווי פון די שטיקער זייד און לייגוואנד און טוך און קרעלען וואס ער האט איינגעקויפט. „נאר וואס קען א בחור פערשטעהען פון אזעלכע פערגעניגענס“, האט ער מיך גע׳מוסר׳ט. „ווען איהר וואלט געווען א בעווייבטער, וואלט איהר איצט ניט צוריק געקעהרט זיך „מיט׳ן בייטש“ אהיים. מען ארבייט גאר אנדערש און מען ווייסט פאר וואס מען ארבייט“.

— אין אונזער שטעדטעל זיינען מיר אנגעקומען שוין שפעט אין דער נאכט. קיין באהן איז דורך אונזער שטעדטעל ניט געגאנגען, און מיר זיינען געקומען אויף א שליטען. איך געדענק די נאכט ווי איצט. א שטילע פראסטיגע נאכט. דער שניי איז געלעגען טיעף אויף די גאסען און אויף די דעכער. אנטקעגען דעם ווייכען הינטערגרונט פון דעם שניי האבען די קליינע הילצערנע הייזלאך אויסגעזעהען ווי שווארצע קברים. די שטעדטעלדיגע האבען שוין לאנג געשלאפען אונטער ווארעמע פערינעס. די גאסען זיינען געווען אויסגעשטארבען, קיין לעבעדיגען מענשען האט מען ניט געזעהען. ערגעץ האט א הונט פויל געבולען, דערהערענדיג, ווי אונזער שילטען האט געשניטען דעם איינגעפראהרענעם שניי. ווען דער שליטען האט זיך אפגעשטעלט פאר שמואל בעריל׳ס הויז, האט זיך אין שטוב גלייך בעוויעזען א ליכט, און איידער שמואל בעריל איז ארויסגעקראכען פון שליטען און אויסגעגלייכט זיינע ביינער, האט זיך די טהיר געעפענט און שמואל בעריל׳ס ווייב האט זיך בעוויזען אויפ׳ן שוועל.

— קומט אריין צו מיר! — האט זיך צו מיר געווענדעט שמואל בעריל. — מיין ווייב האט מסתמא אנגעגרייט כבוד. דאס שטעדטעל וועט זיך דערווייל אויפכאפען — און איהר וועט נאכדעם אריבערגעהן אהיים.

— דאס שלאפענדע שטעדטעל האט אויף מיר געמאכט א שווערען איינדרוק. איך האב געפיהלט ווי דער פליגעל פון מלאך

המות האט איבער מיר א פאך געטהאן. עס האט אויף מיר שטענדיג געמאכט א שווערען איינדרוק א ווינטער־נאכט אין אונזערע מקומות, ווען אומעדום זיינען די ליכט אויסגעלאשען. א חוץ דעם האב איך דערפיהלט די חרפה דערפון, וואס איך האב זיך צוריקגעקעהרט מיט'ן בייטשעל. איך האב זיך דאריבער ניט געלאזט בעטען און בין אריין צוזאמען מיט שמואל בערלען צו איהם אין שטוב.

— זיין ווייבעל איז געווען אויפ'ן זיבעטען הימעל פון שמחה. זי האט זיך ווי א ווינט ארומגעדרעהט איבער'ן שטוב און האט אנגעשטעלט אויפ'ן טיש אלץ, וואס זי האט געהאט אין שטוב. זי האט זיך גערעכט אויף איהר גאסט און האט שוין געוואוסט, אז ער פיהרט מיט זיך א פיינע פוטיקי. אזוי גיך ווי ער האט פון זיך אראפגעווארפען דעם פוטער, האט ער זיך געווענדעט צום ווייב און געזאגט: „איצט האב איך פאר דיר א שטיקעל ארבייט: בינד פערנאנדער מיין גארטעל, און שלעפ ארויס וואס דו וועסט געפינען“, און מיט א וואונק האט ער צוגעגעבען: „דו וועסט זיך ניט נארען“. זי האט מיט ציטערענדע הענט אפגעבונדען דעם גארטעל און ארויסגעשלעפט א פאק אסיגנאציעס, איבערגעבונדען מיט א שנירעל, און דערביי האט זיך ביי איהר ארויסגעריסען א זיפץ פון ערלייכטערונג. „קלענערע ווי הונדערטער זיינען אין דעם פעקעל ניטא. מיר וועלען האבען א שווערע ארבייט, אז מיר וועלען דארפען דא בייטען אזעלכע אסיגנאציעס“. ער האט איהר געלאזט א ווייל׳ע האלטען דאס פעקעל, דאן האט ער עס גענומען פון איהרע הענט, געדרעהט עס אין דער לופטען, געווארפען עס אין דער הויך און אונטערגעכאפט און אויף אלערליי אופנים ארויסגעוויזען זיין שמחה מיט'ן פעקעל אסיגנאציעס. דערנאך האט ער אנידערגעלעגט דאס אויפ'ן טיש און, ווענדענדיג זיך צו מיר, געזאגט: „וואס שטעהט איהר ווי א פער'חלומ'טער, זעצט זיך צום טיש און לאמיר מאכען לחיים“.

„איך האב זיך ניט גערעכט, אז דו וועסט אזוי שפעט קומען,— האט די ווייב געזאגט צו שמואל בעריל — און איך האב אפגע־

לאָזט דאָס פייער אין אייוועלע. איך וועל אריינוואַרפן אַ פּאָר פּאַלעניעס און עס וועט באַלד ווערן וואַרעם.

— עס האָט לאַנג ניט געדויערט און דאָס פרעהליכע קנאַקען פֿון דעם האָלץ האָט זיך געהערט פֿון דעם אייוועלע, וואָס איז געשטאַנען ניט ווייט פֿון טיש.

„זאָל איך אויפוועקן דאָס קינד? — האָט די ווייב געפרעגט.

— דו האָסט בעדאַרפט זעהן ווי זי איז, אָהן עין הרע, אויסגעוואַקסען. זי האָט אַלץ געפרעגט, ווען וועט דער טאַטע קומען?“

„אַ רחמנות אויפ׳ן קינד, זאָל זי שלאָפען“ האָט שמואל בעריל געענטפערט.

— נאָר דאָס ווייב האָט ניט געקאָנט איינרוהען. דער אַנבליק פֿון דער פּעקעל אַסיגנאַציעס האָט איהר ווי שכור געמאַכט פֿון פרייד. זי האָט זיך ענדליך ניט געקאָנט איינהאַלטען און האָט אריינגעבראַכט דאָס קינד, אַ מיידעלע פֿון אַ יאָהר דריי, אַ פערשלאָפענע און דערלאַנגט עס דעם טאַטען.

— און ווען די ערשטע שמחה איז אריבער, האָט זיך שוין דאָס קינד אויסגעטשוכעט און די שמחה פֿון די אָרומיגע האָט זיך אויך אָנגעשטעקט אָן איהר. זי איז געלאָפען פֿון טאַטען צו דער מאַמען, און פֿון דער מאַמען צום טאַטען און אין שטוב איז געוואָרען אַ ליהודים.

— איך בין נאָך געזעסען אַ היבשע צייט און אונטערגעהאָלפען שמואל בעריל, ווען ער האָט דערצעהלט, וואָס פאַר פרייזען מען האָט געריסען פֿון די אָנגעלאָפענע, און זי האָט יעדע מינוט פערביסען די ליפען פֿון פערוואונדערונג און געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, ווי וועלענדיג ווייזען, אַז דאָס איז שווער צו גלויבען, אַז מענשען זאָלען זיין אַזעלכע בייטעל־שניידער און רעכענען 10 רובעל פאַר אַ קליינעם צימער צום שלאָפען, צוויי—דריי און פינף רובעל פאַר אַ פּאָרציע פלייש. אַ רובעל פאַר אַ סאַמאָוואַר וואַסער, און נאָך אַ רובעל ווען מען האָט געדאַרפט דעם סאַמאָוואַר דערגייסען. „וואו איז דאָס געהערט געוואָרען אַזאַ זאַך אין דער וועלט!“ האָט זי אַלע ווײלע אויסגעשריען. און ווען איך האָב זיך געזעגענט, און בין אַוועק צו מיינע עלטערן, איז דאָס פּעקעל אַסיגנאַציעס גע־

לעגן אויפ'ן טיש איבערגעבונדען מיט'ן שנירעל, דאָס פייער אין אייוועלע האָט געברענט פיין, אַ וואַרימקייט האָט זיך פערשפּרייט איבער'ן גאַנצען הויז, די מיידעלע האָט זיך געשפּיעלט לעבען אייוועלע און שמואל בעריל האָט געהאַלטען אין דערצעהלען זיין ווייב, ווי אַזוי אין סיסטאַוואַ האָט ער אַנגענומען אַ פּאַדריאַד צוצושטעלען שטיינער, צו לעגען אַ וועג פאַר דער אַרמיע, און ווי אַזוי אַנשטאַט צו האַקען די שטיינער פון פעלזען, האָט ער געהייסען זיינע „פאַגאַנצים“ אַז זיי זאָלען בעסער פערנאַנדערנעהמען די שטיינערנע הייזלאַך, פון וועלכע די טערקען זיינען אַנטלאָפען, און אַוועקפיהרען די דאָזיגע שטיינער, וואו מען דאַרף.

— ווען איך בין אַרויס אין גאַס, האָט זיך שוין אין עטליכע הייזער געזעהען אַ ליכט און שמואל בערעלס שכנים האָבען זיך שוין מסתמא געקליבען לויפען צו איהם הערען נייעס.

— איך האָב נאָך ניט איינגעדרעמעלט, ווען איך האָב דערהערט משונה'דיגע קולות אין גאַס. דאָס גאַנצע שטעדטעל האָט באַלד ערוואַכט, אומעדום האָט זיך בעוויזען אַ ליכט, טהירען האָבען זיך געעפענט און פערמאַכט האַסטיג און יעדער האָט געפרעגט: „וואָס איז געשעהען? וואָס איז געשעהען?“ איבער'ן איינגעפראָרענעם שניי האָט זיך געהערט אַ געלאַף פון פיעלע פיס.

איך בין אויך אַרויסגעלאָפען. די ערשטע עטליכע מינוט האָב איך בשום אופן ניט געקאָנט דערגעהן, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. מענער, ווייבער, קינדער זיינען געלאָפען, אייניגע האָבען געהאַלטען אין פערשפּיליען זייערע קליידער, אייניגע האָבען זיך לויפענדיג געמאַטערט אַריינפאַלען מיט דער האַנט אין אַן איבערגעקעהרטען אַרבעל, דער האָט פערגעסען אָנצוטהאָן אַ היטעל און יענע האָט זיך ניט דערמאָנט, אַז זי טראָגט ניט דעם פּאַרוק און אַז די גרויסע פאַטשיילע פערדעקט ניט דעם גאַנצען קאָפּ און פון פאָרענט זעהען זיך אַרויס האָר, וואָס זיינען אַלט צוויי־דריי וואָכען. אויף מיין פראַגע, וואָס איז געשעהען, האָט זיך קיינער ניט אָפּגעשטעלט צו ענטפערען, און אייניגע האָבען לויפענדיג געענטפערט: „מען לויפט“ אַזוי ווי דאָס וואָלט געדאַרפט געבען אַן ענטפער אויף דער פראַגע. אַ אידענע האָט אויסגעסאָפּעט: „עס ברענט“, אַ איינגעל

האָט אויסגעשריען: „גע'הרג'עט" און ניט וויסענדיג, וואָס עס טהוט זיך, בין איך אויך געלאָפען גלייך מיט אלעמען.

— פאַר שמואל בערעלס שטוב איז געווען פערזאמעלט דאָס גאַנצע שטעדטעל. מען איז געשטאַנען פאַר'ן הויז, מען איז געשטאַנען אין טהיר, און עס איז געווען גרינג צו זעהן, אז אין שטוב איז אויך געווען פול. ליפּאַ דער שניידער, שמואל בערעלס נאָהענטסטער שכן, אַ דאַר אידעל מיט אַ שיטער בערדעל, איז געשטאַנען מיט'ן ווייבס זאַק ארומגעבונדען ארום האלז און האָט שטאַרק געמאַכט מיט די הענט און עפּעס דערצעהלט. ארום איהם האָבען זיך געשפּאַרט אלע פערזאמעלטע, און ווער עס האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. ווער עס האָט פערבראַכען די הענט און ווער עס האָט געשמוצערט מיט די ליפּען. וואָס איז געשעהן? וואָס איז געשעהן? האָב איך אָהן אַ נשמה געפרעגט. נאָר מיר איז געווען שווער עפּעס צו דערגעהן, יעדער האָט אויסגעשטעלט נאָז און אויערען, אום ניט צו פערהערען אַ וואָרט פון דעם, וואָס ליפּאַ דערצעהלט. איך האָב קוים מיט צרות ארויסגעקראָגען אָפּגעהאַקטע, אָפּגעריסענע ווערטער. „דאָס מיידעלע דער'הרג'עט". „שמואל בערל דעם האלז איבערגעשניטען", די ווערטער האָבען מיך געטראָפען ווי אַ דונער. די פיס האָבען זיך מיר אונטערגעהאַקט. „ס'טייטש, ווי אזוי? וואָס? ווער?" האָב איך קוים ארויסגעשטאַמעלט, נאָר יעדער האָט זיך פון מיר אָפּגעקעהרט, ווי פון אַ דאַקוטשליווער פליעג, און ליפּאַ האָט אלץ גערעדט מיט אַ וואַקסענדער אויפרעגונג. „ניין", האָט ער עמיצען געענטפערט און ענערגיש אַ מאַך געטהאָן מיט'ן קאָפּ. „ניין, קיינער איז ניט געווען דערביי. איך בין געווען דער ערשטער, יאָ דער ערשטער, וואָס איז אהער אריינגעלאָפען. מיר האָבען געהערט, ווען דער שליטען איז צוגעפאָהרען און איך בין שוין ניט געשלאָפען. ווען איך האָב דערהערט זיין געשריי „אַי" בין איך אויפגעשפּרונגען ניט טויט און ניט לעבעדיג. צייט איך וועל לעבען וועל איך ניט פערגעסען דעם „אַי". אַ לייב ברומט ניט אזוי. עס איז מיר אוועקגעגאַנגען שטעכענדיג איבער אלע גליעדער, דעמאָלט, מסתמא, האָט ער דערזעהן דאָס פּעקעל געלט אין אייוועלע. און תיכף נאָכדעם האָבען זיך דערהערט איהרע קולות. די קולות

געהען מיר ניט אַרויס פון די אויערען. איך האָב זיך געלאָזט לויפען אַהער ווי אַ משוגע'נער. איך האָב מסתמא אויך שרעקליך געשריען, לויפענדיג אַהער, אַזאַ שרעק האָט מיך אַרומגעכאַפּט. און דערפון בין איך דאָס הייזעריג געוואָרען. איך בין געווען דער ערשטער, ווי איהר זעהט מיך אַ לעבעדיגען, דער ערשטער. און ווען איך האָב אַריבערגעטראָטען דעם שוועל, האָב איך שוין געטראָפען דעם גאַנצען חורבן.

—איך האָב מעהר ניט געוואָרט, דורכגעשפּאַרט זיך דורך דעם עולם און בין אַריבערגעטראָטען דעם שוועל. אַ דאָקטאָר האָט געאַרבייט אין אַ צווייטען צימער איבער שמואל בערעל, און די פּערזאַמעלטע מיט ערנסטע צושראָקענע פּנים'ער האָבען זעלטען זיך דורכגעוואָרפען מיט אַ וואָרט, בעמערקונג.

— איך האָב זיך דערוואוסט, אַז נאָך מיין אַוועקגעהן האָט זיך שמואל בערעל אַזוי אַריינגעלעבט אין זיינע זכרונות, און זיין ווייב איז געווען אַזוי פּעראינטערעסירט אין זיי, אַז זיי האָבען ניט בעמערקט, ווי זייער קליינע טאָכטער איז צוגעגאַנגען צום טיש, האָט אַרונטערגענומען דאָס פּעקעל אַסיגנאַציעס און האָט זיך דערמיט אַזוי לאַנג געשפּיעלט, ביז זי האָט עס אַריינגעוואָרפען אין אויווען. ווען שמואל בערעל האָט זיך געכאַפּט, האָט זיך שוין דאָס פּעקעלע פערוואַנדעלט אין אַש. מיט אַן אונמענשליכען געשריי האָט ער אַ כאַפּ געטהאָן זיין קליינע טאָכטער, וועלכע איז געזעסען ביים אויווען, האָט איהר אַ הויב געטהאָן אין דער הויך און אַ זעץ געטהאָן אַן דער ערד. מעהר האָט זי ניט געדאַרפט. די מוטער האָט אַוועקגעחלש'ט, און ווען איהם איז קלאָר געוואָרען, וואָס דאָ איז געשעהן, האָט ער זיך איבערגעשניטען דעם האַלז.

דער דאָקטאָר איז אַרויס פון צווייטען צימער מיט אַ פערשנירטען מויל, דער פעלדשער איז איהם נאָכגעגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, דער עולם האָט געמאַכט אַ וועג פאַר'ן דאָקטאָר און אַהן ווערטער פערשטאַנען, וואָס דער סוף איז געווען.

— זיינע קרובים און איהרע קרובים האָבען איצט אויסגעבראַכען אין אַ ביטערען יאָמער, און טרערען האָבען זיך געשטעלט ביי אַלעמען אין די אויגען. די פערזאַמעלטע ווייבער האָבען אונ־

טערגעכאַפט דעם יאָמער און די יללה האָט זיך געהערט איבער׳ן גאַנצען שטעדטעל.

— פון צייט צו צייט האָט יעדער אַ קעהר געטהאָן דעם קאָפ צום אייוועלע און געוואָרפען אַ בליק אויפ׳ן פעקעל אַש און נאָך אַזאַ בליק האָט זיך אַ פחד אויסגעגאָסען ביי יעדען אויפ׳ן געזיכט. אַזוי ווי פון דאָרטען וואָלט אַרויסגעקוקט דער מערדער. איך האָב אויך אַ קוק געטהאָן אַהין. דאָס פעקעל אַש האָט אָנגעהאַלטען די זעלביגע פאָרמע פון דעם פעקעל אַסיגנאַציעס, און וואָס מיר האָט אַ ריס געטהאָן די אויגען, איז געווען דער שנירעל, מיט וועלכען דאָס פעקעל איז געווען איבערגעבונדען. דער זעלביגער שנירעל מיט׳ן קניפעל האָט זיך איצט אויך געזעהן אַזוי בולט ווי פריהער. און מיר איז דערפון איבערגעגאַנגען אַ קעלט איבער׳ן גאַנצען לייב. עפעס האָט אויסגעזעהן, ווי ניט גוטע שטעקען דאָרטען און רייצען זיך מיט אונז.

„פערשאָלטען געלט !“ האָט זיך געהערט אַ מורמעל צווישען די פערזאַמעלטע, און דער פחד האָט אַלץ מעהר און מעהר אַרומגעכאַפט דעם עולם.

דער דערצעהלער איז אויף אַ ווײלע אַנטשוויגען געוואָרען. זיינע אויגען האָבען געקוקט אויף עפעס אין דער לופט, נאָר זיין בליק איז געווען ווייט. ער האָט ווידער וואַהרשיינליך איבערגעלעבט יענעם מאָמענט און ווידער געזעהן דאָס פעקעל אַש אין אייוועלע, מיט׳ן איבערגעבונדענעם שנירעל און מיט׳ן קניפעל. דאַן האָט ער ווי ערוואַכט און געזאָגט שאַרף:

— יא, דאָס איז געווען פערשאָלטען געלט !

דער געוועזענער אַקטיאָר האָט צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפ און געגעבען אַ תוקף:

— יא, אַ שרעקליכע טראַגעדיע. אמת, פערשאַלטען געלט.

ביי אונזער טישעל איז געוואָרען שטיל. קיינער האָט מעהר קיין וואָרט ניט געזאָגט. מען האָט געקענט הערען, ווי מיר אַלע פיער האָבען אויסגעזופט און אַרונטערגעשלונגען דעם פערבליבענעם אָפגעקיהלטען טהיי.

די אונרוהיגע נאַכט.

זי איז געשטאַנען מיט'ן קאָפּ אַרויסגערוקט פֿון פענסטער אין גערטעל. נאַכ'ן רעגען האָט גענומען וועהען מיט פרישען גראַז, מיט אַ זיסען ריח פון די בלומען. זי איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט מיט'ן קאָפּ אַן ביידע הענט און מיט גרויס דורשט געשלונגען די אָפּגעפרישטע לופט! איהרע אויגען האָבען געקוקט דאָ אויפ'ן הימעל, דאָ אויף דער ערד. דאָרט אויבען זיינען די וואָלקענס, ווי צושראָקענע קינדער צולאָפען זיך אין אַלע זייטען, און דער הימעל, דאַכט זיך, איז נאַכ'ן רעגען געוואָרען איבערגעצויגען מיט א פרישער בלויקייט; די אָפּגע'טובל'טע זון שיינט, שטראַלט ליכטיגער, העלער. און דאָ אונטען הענגען אַראָפּ די טראָפּענס רעגען ווי שעהנינקע פערעלאך אויף די בלעטלאך; די צונויפגעקארטשעטע, פערשלאָסענע בלומעלאך עפענען צוריק פערנאַנדער זייערע מײלכעלאך, שפרייטען פערנאַנדער רייך־קאָלירטע בלעטעלאך און ציהען זיך צו דער זון און פיעסטשען זיך פאַר איהר, און זי גלעט זיי, האלובעט זיי מיט איהרע שטראַלען. אבער אָט גיט זיך א רוק א צושראָקענע כמארע גלייך אויף דער זון און אַ חושך ווערט אויסגעגאָסען אויף אַלץ ארום. די בלומעלאך הויבען אַן צו ציטערן, איילען זיך צו פערשליסען זייערע מײלכלאך, די בלעטעלאך קארטשען זיך ווידער צונויף.

זי קוקט און דאָ הויבט אַן איהר הארץ צו צאַפּלען אזוי האַסטיג, אזוי געשווינט, אז עס ווערט איהר ענג אין ברוסט, עפעס א פערבאָרגענער אונבעקאַנטער געפיהל שווימט ביי איהר ארויף פון טיעף, טיעף אינערוויינינג, דאָס בלוט אין די אָדערען פליסט שנעל, די שלייפען האַקען, און דאָ ווידער שטאַרבט אָפּ דאָס הארץ, דאָס

בלוט אין די אַדערען ווערט ווי פּערגליווערט און זי קאַרטשעט זיך אויך אַזוי צונויף, ווי די בלומעלאך.

נאָר אָט רוקט זיך אַראָפּ די צושראָקענע כמאַרע, און די זון, אַ פרעהליכע, אַ שיינענדיגע קוקט ווידער אַרונטער פון דעם בלויען הימעל, און די בלומעלאך עפענען ווידער פערנאַנדער די מיילכעלאך, שפרייטען אויס די בלעטעלאך אין איהר זייט. איינצעלנע טראָפּענס רעגען בליסטשען אנטקעגען דער זון ווי בריליאַנטען, און ביי איהר הויבט ווידער אָן דאָס האַרץ צו צאַפּלען, אין די אויגען ווייזט זיך אַ טיעפע בייִנקענים און דאָס נײ־געבאָרענע געפיהל וואַקסט און וואַקסט.

זי שטעהט און קוקט, קוקט און טראַכט און ווייסט אַליין ניט וועגען וואָס. עפּעס שטיקלאך, פּיצלאך עראינערונגען לויפען פון צייט צו צייט אַדורך איהר מאַרך, און זי ווייסט ניט, פון וואַנען זיי זיינען געקומען און וואוהין זיי ווערען פערשוואונדען.

און דאָס האַרץ וויל זיך ניט איינגעהמען. די נאַכט האָט שוין אָנגעהויבען צו צופאַלען, געדיכטע שוואַרצע שאָטענס האָבען זיך אויסגעלעגט אומעדום, און זי קען זיך פון פענסטער ניט אָפּרייסען. די שטוב איז איהר ענג און אַלץ חאָס אינערווייניג שיינט איהר אַזוי וואָכעדיג, אַזוי פּראָסט.

וואָס אַזוינס איז מיט איהר? וואָס אַזוינס האָט זיך ערוועקט ביי איהר אין האַרצען? ווייס זי ניט. זי ווייס נאָר. אַז זי וויל עפּעס, באַגערט עפּעס, זוכט עפּעס, פערלאַנגט עפּעס. עפּעס פעהלט איהר און עפּעס געהט איהר אָפּ.

דאַכט זיך, גאָט צו דאַנקען, פעהלען פעהלט איהר קיין זאַך ניט. אַליין אַ גביר'שע טאָכטער און רבי אליקום'ס אַ שנור. ביים אויסגעבען האָט איהר דער טאָטע געגעבען דריי טויזענד רובעל, זי האָט פון כל טוב, זי האָט אי נחת, אי גדולה, אי כבוד. און זי איז טאַקע געווען צופריעדען. אַ האַלז פערעל און איז עזרת נשים דער אויבען־אָן האָבען עפּעס צו זאָגען. אַלע מאַמעס פון טעכטער און דערוואַקסענע מיידלאַך זיינען איהר שטאַרק מקנא, וואָס גאָט האָט איהר געבענשט מיט אַזאַ זיידענעם מאַן, אַזאַ תכשיט, ווי איהר בענציע איז. אמת, זי קען איהם כמעט ניט, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס

נאָך זייער חתונה איז שוין פינף יאָהר. דאָס הייסט, קענען קען זי איהם זעהר גוט, זי זעהט איהם אַלע טאָג, נאָר זייער בעקאַנטשאַפט פון ערשטען טאָג נאָך דער חתונה ביז היינט האָט זיך כמעט ווי ניט פערגרעסערט... נאָר דאָס האַרט איהר דוקא ניט. אין אָנהויב האָט זי זיך יאָ אביסעל געשעמט פאַר איהם, פאַרט חתונה געהאט אויפ’ן אכטצעהנטען יאהר, נאָר איצט איז זי שוין געוואוינט מיט איהם... יאָ, דאָס איז אַלץ גוט, אזוי ווי עס בעדאַרף צו זיין. און דאָך פיהלט זי איצט אזוי ווי עפּעס פעהלט איהר.

זי האָט זיך אָפּגעריסען פון פענסטער, ווען עס איז שוין געוואָרען גוט פינסטער. זי איז אַוויילע געשטאַנען און ווי מישב געווען זיך, וואוהין צו ווענדען איהרע טריט, און באַלד האָט זי זיך געלאָזט געהן צום צימער, וואו איהרער איז געזעסען. זי איז צוגעגאַנגען צו דער טהיר און האָט דערהערט, ווי בענציע און דער שווער שרייען ביידע מיט משונה’דיגע קולות, אזוי ווי זיי וואָלטען זיך געקריגט, נאָר זי ווייס שוין, אז דאָס איז ניט קיין קריג: זיי לערנען דאָס אזוי.

זי בלייבט אונצופריעדען. אריינגעהן אין צימער האָט זי ניט נאָך וואָס, און זי איז דאָרטען אין גאַנצען איבריג. זי בלייבט ווידער אווײלע שטעהן פערטראַכט און קלערט, וואָס זי זאָל איצט טהאָן? נאָך אַ קורצען ישוב הדעת בלייבט ביי איהר אריינצוגעהן נאָר צו דער דיענסט אין קיך.

ביי דער דיענסט הינטער’ן טהיר איז זי ווידער שטעהן געבליבען. זי האָט דערהערט, אז מען רעדט דאָרטען. אַ סימן אז זי איז ניט אַליין. זי האָט וואָס גיכער געאיילט זיך אָפּצוטרעטען פון דאָרטען, כדי ניט צו הערען וואָס מען רעדט, נאָר די פּאָר ווערטער וואָס האָבען צו איהר דערגרייכט האָבען איהר קלאָר געמאַכט, ווער דער צווייטער איז אין קיך און וואָס דאָרטען קומט פאָר. זי האָט דערקענט דעם צווייטענס קול. דאָס איז געווען משה’ל, רבי אַליקום’ס אינגערער זוהן, און ער האָט אָנגעבאָטען דער דיענסט אַ קוש.

— וואָס וועט איהר האָבען דערפון? — פרעגט די דיענסט

מיט אַ געלעכטער, און דער גערויש וואָס האָט זיך ביז דער סעקונדע געהערט פון וואַשען געפעס איז מיט אַמאָל שטיל געוואָרען.

איהר האָט פערקוועטשט אין הארצען. איהר האָט איצט ניט געהאָרט, וואָס משה'ל קושט זיך דאָרטען מיט דער דיענסט: איצט געהט עס איהר ניט אָן. אבער זייער קושען האָט דערווייל אַ נאָמען געגעבען דעם געפיהל, וואָס האָט זיך פריהער אָנגעהויבען צו שטויסען ביי איהר אין הארצען. איצט האָט זי פּלוצים דערפיהלט, וואָס איהר פעהלט, און עס האָט איהר גענומען נאָגען אין הארצען.

זי איז מיט האסטיגע טריט אָפּגעטראָטען פון קיך־טהיר און האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז זי שטעהט ווידער ביים אָפּענעם פענסטער, וואָס קומט ארויס אין גערטעל. דאָס ווינטעל וואָס האָט געבלאָזען פון דרויסען האָט אביסעל אָפּגעקיהלט איהר הייסע געזיכט. נאָר אין הארצען האָט ניט אויפגעהערט צו נאָגען.

זי האָט דערהערט, ווי עמיצער שלאָנדערט אין טופלעס איבער'ן צימער. דאָס איז בענציע ארויסגעגאנגען פון פאטער און איז אריין אין שלאָף־צימער. ער האָט זיך צוגעלעגט אוויילע אין בעט, ניט צו שלאָפען, נאָר צו בעטראַכטען אליין דעם ענין, מכח וועלכען ער האָט ערשט זיך מפלפל געווען מיט'ן פאָטער. זי איז אויך באַלד אריין אין שלאָף־צימער, האָט זיך אוויילע ארומגעדרעהט, האָט עפּעס כלומרשט געזוכט. נאָר איהר האָט באַלד אָפּגעשטעלט זיין קול:

— וואָס דרעהסטו זיך דאָ ארום? שטער מיר ניט!

זי איז געוואָרען ווי אָפּגעגאָסען מיט אַן עמער קאַלטען וואַסער. זי איז ארויס פערשעמט, בעליידיגט. דאָס הארץ האָט איהר געבראָכען, צו די אויגען זיינען איהר צוגעטראָטען טרערען פון ווייהטאָג, חרפּה און בושה.

זי איז נאָך אַ לאַנגע צייט געזעסען ביים פענסטער, ענדליך איז זי אריין אין שלאָף־צימער און געלעגט זיך שלאָפען.

אָבער דער שלאָף איז געלאָפען פון איהרע אויגען. אומזיסט האָט זי זיך געוואָרפען פון איין זייט אויפ'ן צווייטען, אומזיסט האָט זי געגראָבען דעם קאָפּ אין קישען, אומזיסט האָט זי געשליידערט

פון זיך און באַלד צוריקגעצויגען די דעקע. אומזיסט! קיין זאַך האָט ניט געהאָלפען.

שפּעטער איז אויך בענציע אריין אין שלאָף־צימער און האָט גענומען לייענען אויפ׳ן קול קריאת שמע. זי האָט זיך אין זיין זייט ניט אומגעקוקט, נאָר באַלד האָט זי געהערט ווי זיין בעט האָט אַ סקריפּע געטהאָן און אין עטליכע מינוט אַרום האָט זיך דערהערט זיין כראָפּען.

זי איז געלעגען און איהר האָט געדאַכט, אַז די נאַכט איז לאַנג ווי דער אידישער גלות און וועט זיך קיין מאָל ניט ענדיגען. זי האָט זיך געמאַטערט צו פערטרייבען אַלע רעיונות פון קאָפּ, וועגען קיין זאַך ניט צו קלערען, נאָר ווי אויף צו להכעיס איז איהר אַלע ווייל ארויף אויפ׳ן געדאַנק די דיענסט־מיידעל און משה׳לע. האָט איהר מאַן אויך אַמאָל געקושט אַ מיידעל? זי ענטפערט „ניין“ און דאָס גיט ניט צו קיין איבריגען חן בענציע׳ן אין איהרע אויגען.

זי דערמאָנט זיך, אַז זי האָט אויך פון קיין מאַנסביל אויסער דעם טאַטען, קיין קושען ניט געהאַט. זי האָט זיך גאַר מיט קיין מאַנסביל ניט געקענט. טאַטע־מאַמע האָבען קיין צייט ניט געהאַט און געאײַלט חתונה צו מאַכען איהר — פרעג, פאַר וואָס? פאַר ווען? איהרע חברת׳עס זיצען נאָך איצט אויך מיידלאַך. איהר נאָר האָט מען געאײַלט אָנצוטהאָן אַ פּאַרוק אויפ׳ן קאָפּ.

זי גיט אַ שאַר מיט דער האַנט איבער׳ן שטערן. זי וויל פערטרייבען די געדאַנקען. אַ אידישע טאָכטער טאָר אַזעלכע רעיונות ניט האָבען. ס׳איז אַן עבירה אַזוי צו טראַכטען... זי האָט אַ פיינעם מאַן... אַלע זיינען איהר מקנא...

נאָר דער מאַן האָט אַן אינגערען ברודער, און דעם ברודער רופט מען משה׳לע, און דער משה׳לע האָט זיך געקושט מיט דער דיענסט־מיידעל... דאַכט זיך, משה׳לע און בענציע זיינען צוויי ברידער פון איין טאַטע־מאַמען, פאַר וואָס איז איינער אַזאַ פלאַם און דער צווייטער אַזאַ קראַך? פאַר וואָס איז בענציע ניט אַזאַ ווי משה׳לע?

זי כאַפּט זיך ווידער ביי זינדיגע רעיונות און פערטרייבט זיי ווידער אַמאָל און וואונדערט זיך, ווי אַזוי זי קעהרט זיך צוריק צו זיי.

ענדליך האָט זי בעמערקט, אז אין שטוב ווערט עטוואָס ליכטיגער. זי איז ארונטער פון בעט און איז צוגעגאַנגען צום פענסטער. פון הינטער דעם פאַרהאנג האָט זי דערזעהן, ווי די גאַס, די הייזער ארום זיינען בעגאסען מיט א בלויקייט. זי האָט אריינגעשטעקט די פיס אין די טופליעס, ארויפגעוואָרפען אויף זיך א קליידעל און איז ארויס אין דרויסען.

דרויסען איז געווען שטיל. עס האָט זיך נאָר געהערט פון דער זייט וואו דאָס שטעדטעל איז געווען א קוקעריקו פון העהנער, דאָס פייפען און קנאַקען מיט'ן בייטש אין דער לופט פון דעם פאַסטוך, וואָס האָט צוזאַמענגעקליבען די טשערעדע, זעלטען א הוסט פון אַן אַלטען מאַן און די שווערע טריט מיט אייזערנע פאַדקאָוועס פון דעם וואסער־טרעגער וועלכער איז שוין געווען ביי זיין ארבייט.

דאָס גראז איז געווען נאָס פון טהוי, און די נאָסקייט האָט דורכגעדרונגען די דינע טופלעס, נאָר זי האָט קיין זאך ניט געפיהלט און האָט זיך געלאָזט געהן ווייטער. דער ברעג פון דעם מזרח זייט הימעל האָט זיך גענומען בעגיסען מיט א פורפור־רויטער פאַרב. דאָס ערשטע מאָל אין איהר לעבען האָט זי געזעהן, ווי די זון געהט אויף און זי איז געבליבען שטעהן אווײלע, ווי פאר אן אונבעקאנטער ערשיינונג, איינגעגעסען מיט די אויגען אין יענער זייט הימעל. באלד איז יענע זייט פערפלייצט געוואָרען מיט א ים פייער. און די ערשטע שטראלען פון דער אַנקומענדער זון האָבען גענומען שטיפען, שפרינגען ארום און ארום. זי האָט א היבשע צייט די אויגען ניט געקענט אפרייסען פון דאָרטען און ווען זי האָט זיך ענדליך אַפגעריסען פון איהר אָרט האָט זיך די זון געבאָדען אין יענעם פייער.

איצט איז איהר וויהטאָג אין הארצען נאָך שארפער געוואָרען... איצט האָט זי נאָך שטארקער דערפיהלט, אז איהר פעהלט עפעס... אז טאַטע־מאַמע האָבען איהר ניט פערשאפט דאָס גאנצע גליק, וואָס א מענש קען האָבען...

זי איז געגאנגען איבער דער לאָנקע און איז נעהענטער צוגעקומען צו די בוימער, וואָס זיינען דאָרטען געשטאַנען. זי איז אין גאנצען געווען פערזונקען אין אַ טיעפען קומער און האָט קיין זאך

געהערט און קיין זאך געזעהן. פלוצים איז זי געבליבען שטעהן צושראָקען. א פאָר טריט פון איהר האָט זיך געהערט א געשפּרעך און איידער זי האָט נאָך צייט געהאט ארומצוקוקען זיך, האָט זי זיך פנים אל פנים געטראָפען מיט איהר דיענסט, וועלכע איז געגאנגען ארומגענומען מיט א יונגען בחור.

— פע, מאוס איך! — האָט די דיענסט גלייך ווי זי איז געקומען צו זיך פון דעם קאָנפוז געזאגט בייז צו איהר: — וואָס היט איהר מיינע טריט און געהט מיר נאָך? דאָס איז מיין חתן. איך האָב זיך מיט איהם ניט וואָס צו שעמען.

די בעליידיגונג איז געווען צופיעל פאר איהר. זי האָט עפּעס ווי דערפיהלט אויף זיך די פּאָדעשווע פון א גראָבען טראָט. זי האָט זיך גלייך צוריקגעקעהרט אין הויז.

פון איהר פריהיגען שפּאציר האָט זי געכאפּט א צוקיהלונג. א פּאָר טעג איז זי ניט ארויס פון בעט. דערווייל איז די שארפע ביינקענים אריבער און איצט איז זי עטוואס בלייכער און אומעדיגער געוואָרען.

וועלען זיך נאָך אזעלכע נעכט איהר צוריקקעהרען?
קיינער ווייס ניט...

מיין מאַמעסטענה.

איך בין שוין געשטאַנען אין שידוכים. שדכנים האָבען די שוועלען אָפּגעשלאָגען.

בראַנפען, לעקאַך איז פון טיש כמעט ניט אַראָפּגענומען געוואָרען. די מאַמע האָט געגאַרט דערלעבען די גליקליכע שעה, ווען זי וועט זוכה זיין צו פיהרען איהר „בן־יקיר‘ צו דער חופּה, און מיט יעדען שדכן האָט זי זיך אַזוי געפרעהט, אַז זי האָט פּשוט ניט געוואוסט, וואָס מיט איהם צו טהאָן, וואָס פאַר אַ כבוד איהם צו געבען. איהר האָט געדוכט, אַז אַלע שדכנים לעבען נאָר מיט איהר זוהן און אַרבייטען און זוכען נאָר פון איהר׳ט וועגען.

פערנאַרען האָט די מאַמע מיך ניט געוואָלט, און אַזוי ווי זי האָט געקוקט אויף מיר מיט די אויגען פון אַ הייס־ליבענדע מוטער, האָט איהר אַלץ געדוכט, אַז מען וויל ביי איהר אויסכאַפּען די מציאה און דעריבער איז איהר קיין כלה ניט געפעלען געווען, אין יעדער איינציגער האָט זי געפונען אַ חסרון, און קיין נדן האָט איהר ניט געקענט בעפרידיגען: אַלץ צו קאַרג.

גערעדט מיט די שדכנים האָט די מאַמע: גע־טענה׳ט, זיך געדונגען, געזאָרגט וועגען כבוד: און דער טאַטע האָט געמאַכט לחיים און פון יוצא וועגען אַמאָל אַריינגעשטעלט אַ וואָרט.

ביי מיר, ווי עס פיהרט זיך, האָט זי ניט געפרעגט, נאָר מחשבות׳ן דערווייל פרעגען איז טאַקי געווען גאַנץ איבעריג.

איך האָב זיך געשטויסען, וואָס דאָ קומט פאָר, נאָר איך האָב זיך געמאַכט ניט וויסענדיג. אַ געשפרעך מכח דעם ענין מיט דער מאַמען, האָב איך געוואוסט, וועט איהר קיין פערגניגען ניט פער־

שאַפען, און גענוג וועט זיין צו ריידען איבער דעם, ווען די הייסע שעה וועט קומען.

די מאַמע אליין, וויזט אויס, האָט זיך פאַר דעם אויך געשראַקען און דעריבער, קען זיין, האָט זי אַזוי שטאַרק געקליבען.

אין שטעדטעל איז גאָר קיין סוד ניט געווען, אז איך „שפּיעל אַ ליעבע“ מיט בעריל דעם ציגעלניק'ס טאַכטער. די מאַמע, פערשטעהט זיך, האָט דערפון געוואוסט ניט ווייניגער, ווי אלע אנדערע שטעדטעלדיגע, נאָר זי האָט איבער דעם מיט מיר קיינמאָל קיין וואָרט ניט גערעדט און האָט אויף דעם געקוקט ווי אויף אַ קינדער־שפּיעל.

קעגען בעריל דעם ציגעלניק'ס טאַכטער, קען זיין. וואָלט זי גאָר ניט געהאַט, נאָר שיינקען וואָלט זי קיין מאָל ניט געקענט איהר פּאַטער, וואָס ער איז אַ ציגעלניק, און קיין נדן וואָלט ניט געקענט העלפען אַפּצואוואַשען דעם פּלעק.

„זי“ האָט אויך געוואוסט פון די שדוכים, וואָס מען רעדט מיר, און מיר האַבען זיך ביידע איבער דעם לוסטיג געמאַכט.

ענדליך איז איין שדכן געלונגען אויסצוזוכען ערגעץ פאַר מיר אַ כלה, וואָס איז געפעלען געוואָרען דער מאַמען: דער יחוס, נדן, די כלה אליין, וועדליג דער שדכן האָט בעשריעבען — אלץ איז געווען ווי די מאַמע האָט געוואונשען און די מאַמע האָט איצט געמוזט פאַרברייטען מיר צו דער נייעס, ווייל עמיצער האָט געדאַרפט קומען מיך זעהן.

אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען, ווען איך בין געקומען פון קלויז מיט'ן אויסגענעהטען זיידענעם תפילין־זעקעל, אויפגעהאַנגען מיט'ן זיידענעם שנירעל אויפ'ן רעכטען צייג־פינגער, האָט מיר די מאַמע בעגעגענט פריינדליכער ווי געוועהנליך.

זי האָט מיר דערלאַנגט עסען און אנידערגעזעצט זיך אנטקעגען מיר מיט פערלייגטע הענד אויפ'ן שויס און גענומען מיר נאַכקוקען יעדען ביסען אין מויל, פּונקט ווי זי וואָלט גאָר קיין אנדער ארבייט ניט געהאַט. מיט יעדען ביסען מיינעם האָב איך איהר געטהאָן אַ גרויסע טובה און געשיינקט איהר הויפענס געזונד.

— פאַר וואָס בענשטו ניט, מיין זוהן? האָט זי מיך גע־

שטראָפט מיט אַ ווייכען קול, זעהענדיג, אז גלייך מיט'ן לעצטען ביסען, האָב איך זיך אויפגעהויבען פון טיש.

איך בין דעמאָלט געווען אין דער השכלה'שער פעריאָדע, און רעליגיעזע זאַכען איז ביי אונז אויך געווען זעהר אַ קראַנקער פונקט. אַהין וועהטאָג פון ביידענס זייטען האָט מען איהם ניט געקענט בעריהרען.

ווען איך האָב זיך אַ צווייטען מאָל געוואָלט אויפהויבען פון טיש, דאָס הייסט נאָכ'ן בענשען, האָט די מאַמע מיך אָפּגעהאַלטען:

— וואַרט, וואָס איילסטו זיך אזוי?

איך בין געבליבען זיצען אויף מיין אָרט, אויבען־אָן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגען ווי אַ חתן, אויספּויקענדיג מיט די פינגער אויפ'ן טיש עפּעס אַ נגונ'דעל.

— איך האָב געוואָלט מיט דיר עפּעס ריידען.

איך האָב עטוואָס אויפגעהויבען דעם קאָפּ האַלטענדיג די אויגען אַלץ אַרונטערגעלאָזען.

זי איז אַ ווײַלע געבליבען שטיל. זי האָט געזוכט ווערטער. באַלד אָבער האָט זי אָנגעהויבען מיט אַ טרויעריגען קול:

— מיין קינד, דו ווייסט דאָך דעם פערגניגען וואָס איך האָב געהאַט מיט דיין טאַטען. אָפּגעלעבט אַ לעבען און פרעג וואָס? די גאַנצע שטוב איז אויף מיין קאָפּ, וועמעס מוח דאַרט אויף דער הוצאה, ענטפערן אַ בעל חוב? דער טאַטע ווייס נאָר די קלייזעל, איהם אַרט הפנים, וואָס עס טהוט זיך אַרום איהם? פון זיינעט וועגען מעג זיך די שטוב איבערקעהרען קאַפּויר... יע, וואָס האָב איך געוואָלט זאָגען? יע, מיין איינציגער טרייסט אין לעבען, מיין נחת ביזטו געווען... ניט צו פערזינדיגען, קיין טענות צו דעם אויבערשטען האָב איך ניט... ווען גאָט וואָלט דיר אביסעל געשטאַרקט דאָס האַרץ און דו וואָלסט געווען עטוואָס פרומער — אודאי וואָלט זיך אַ מאַמעס האַרץ געפרעהט מיט דעם. נאָר אזוי האָב איך אויך קיין טענות ניט. איך פערהאָף צו דעם הענט־ניט־געוואַשענעם, אז ווען דו וועסט חתונה האָבען, דו וועסט האָבען אַ ווייב און דו וועסט ווערען אַ שטיקעל בעל־הבית, וועסטו אַוועק־וואַרפען די אַלע נאַרישקייטען...

די מאמע האט זיך אפגעשטעלט און א ווארף געטהאן אויף מיר א פארשענדען בליק.

מיין השכלה האט זיך געפונען בעליידיגט, וואס די מאמע רופט מיינע אידעען נארישקייטען. איך האב איהר געוואלט ענטפערען עפעס א שארפעןווארט, עפעס א טיעפען שטאך, נאר מיין כעס האט מיר מבלבל געווען און דאס געזוכטע ווארט האט זיך ניט געפונען ביי מיר.

—...יע, וואס האב געוואלט זאגען ? האט די מאמע ווייטער אנגעהויבען נאכדעם, ווי זי האט א פרוב געטהאן איהר מערכה. איך האב זיך מיט דיר ניט צו שעמען א דאנק און א לויב דעם הענד־ניט־געוואשענעם, ניט ערגער חלילה פאר לייטישע קינדער... מילא, היינט איז א נייע וועלט... גאר ניט... נאר אומשטיינס געזאגט, וואס איז דעם מענשענס לעבען ? ווער וויים, וואס עס טהוט זיך אונטער די פלייצעס ? (די מאמע האט ביי די לעצטע ווערטער א זיפץ געטהאן) ווער וויים, וואס מיט א מענשען קען זיך מאכען מארגען ? דערווייל, כל זמן מען לעבט און מיר זיינען שטיקלאך בעלי בתים מיט א פיינעם שם, לאמיר פון דיר אביסעל נחת האבען...

— ווער לאזט אייך ניט ? האט נחת פיעל איהר ווילט, האב איך געענטפערט ברוגז'דיג.

ווער לאזט ניט ! האט נחת ! — האט זי ווידערהאלט מיט א זיפץ, — מהיכא תיתי, אז דיין עלטערער ברודער, עליו השלום, וואלט געלעבט, וואלט איך שוין אודאי אביסעל נחת געהאט, נאר אזוי האב איך אויך קיין טענות ניט צו גאט... איך זינדיג ניט מיט מיינע ליפען. ביז איצט האסטו דער מאמען די אויגען ניט פערשווארצט און איך פערהאף, אז ווייטער וועסטו אויך ניט פערשווארצען... אומשטיינס געזאגט, וואס איז א מאמעס נחת ? מען האט א קינד — וויל מען האבען א'ן אייניקעל, אפשר וועט דער אויבערשטער מאריך שנים זיין און וועט לאזען דערלעבען ביז אן אוראייניקעל...

— בכן ? האק איך איבער אונגעדולדיג.

בכן ? ווידערהאלט זי מיין פראגע און ווערט עטוואס אונ־

רוהיג פּון מיין אונגעדולד, — בכן וואַלט איך זעהר וועלען דו זאָלסט אמאָל פאָלגען א מאַמען אויך... און חתונה האָבען...

— חתונה האָבען? פרעג איך מיט א געלעכטער און הויב די אויגען אַליץ ניט אויף: — חתונה האָבען? וואָס האָב איך דאָ קיין צייט ניט? ביי די לעצטע ווערטער פיהל איך ווי א פאַרגניגענדער פיבער געהט מיר דורך מיין לייב.

— זאָג דאָס ניט, מיין קינד, פאַרשאַף ניט דער מאַמען יסורים, זיי איהר ניט מקצר די יאָהרען, א אידיש קינד מוז חתונה האָבען, און לאָמיר האָבען דעם נחת צו פיהרען דיך צו דער חופה, כל זמן די אויגען זיינען מיר נאָך אָפּען...

איהר גאַנצע געזיכט איז געווען אָפּגעטונקט מיט אזא מין בעטריבטקייט, אז ביי א בליק פּו זאונטער'ן שטערן אויף איהר, האָט מיר דאָס האַרץ פאַרקוועטשט פון רחמנות.

איך האָב געשוויגען און געוואַרט. זי האָט באַלד ווייטער אָנגעהויבען:

—...כל זמן שערבעלאַך ליגען נאָך מיר ניט אויף די אויגען, וועל איך זעהן, אויף פיעל א מענש קען זעהן, אז דו זאָלסט חתונה האָבען מיט א שטיקעל תכלית. מען האָט מיר פאַר דיר פאַרגעלייגט א שלל שדוכים, גאָט צו דאַנקען, חן האָסטו ביי לייטען, זאָל ער דיר נאָר שיינקען דאָס שטיקעלע מזל, דערווייל ניט צו פערזינדיגען, א כלה האָב איך דיר אויסגעקליבען א רויז...

— דו אויסגעקליבען א כלה? פרעג איך ווי נשתומם. — פאַר מיר א כלה אויסגעקליבען? און וואו בין איך אין דער וועלט?

— זי וועט אָבער דיר געפעלען ווערען, דו וועסט איהר ממש קושען די טריט.

— מיר וועט קיין כלה ניט געפעלען ווערען. ענטפער איך טרוקען.

— וואָס הייסט ניט געפעלען ווערען?

— פשוט ניט געפעלען ווערען, ווייל איך האָב שוין א כלה...

— וואָס רעדסטו? גאָט איז מיט דיר! וואו האָסטו א כלה?

— בעריל דעם ציגעלניק'ס טאָכטער איז מיין כלה, ענטפער

איך און קוק דער מאָמען גלייך אין די אויגען און ווייס ניט עד היום, ווי האָט זיך ביי מיר גענומען מוטה אזוי צו טהאָן.

— דעם ציגעלניק׳ס טאָכטער דיין כלה! דעם ציגע־עלניק׳ס טאָכטער!

— וואָס געהט מיר אָן דער ציגעלניק. אבי די טאָכטער געפעלט מיר!

— געפעלט דיר! אזוי רעדסטו דאָס צו אַ מאָמען. וואָס האָט דאָס גאנצע לעבען געשוואַרצט, געהאָרעוועט, קריעה געריסען, ניט געוואוסט פון קיין טאָג און פון קיין נאַכט און פאַר וועמען? פאַר וואָס? אויב ניט צוליעב דיר! — איצטער ווילסטו איהר בעצאָהלען דערפאַר! דו ווילסט איהר טרייבען פאַר דער צייט אין גרוב אריין! מילא איך וועל דיר גאָר ניט זאָגען... טהו ווי דו פערשטעהסט... בעצאָהל דער אלטער נאַר, ווי זי איז ווערט... מסתמא האָב איך אזוי פערדיענט ביי גאָט...

ביי די לעצטע ווערטער האָט זיך איהר דער קול איבערגעריסען, און טרעהרען האָבען איהר גענומען פאַלען פון די אויגען.

אין דעם טאָג האָט די מאָמע מעהר ניט גערעדט מיט מיר וועגען דעם. אויף מאָרגען האָט זי ווייטער ווידערהאָלט די זעלביגע טענות און עס האָט זיך ווייטער געענדיגט מיט טרערען. נאָר אין עטליכע טעג ארום האָט זי מיט מיר אָנגעהויבען ריידען גאָר מיט אַן אנדער לשון.

—...מיינסט וואָס? — האָט זיך די מאָמע צו מיר געווענדעט, — מיינסט וואָס? איך בין אַמאָל אויך געווען אַ יונג קינד, נאַריש ווי אלע מיידלעך... יונגע בלוט — ניט צו בעשולדיגען... איך האָב געהאט אַ לעהרער און, זאָגען דיר דעם אמת? איך האָב איהם אזוי ליעב געהאט ווי דו דעם ציגעלניקס טאָכטער און נאָך אפשר שטאַרקער. נאָר וואָס זאָג איך „אפשר"? ס׳איז גאָר קיין אפשר ניט: לאַנגע שווארצע האָר, אַ גרויסער שטערן מיט טיעפע ווינקלען, אויגען — אויגען האָבען געברענט, דאָס געזיכט בלייך, אויגעהאָרעוועט...

די מאָמע איז געבליבען שטעהן אַ ווײַלע. איהר פערזאָרגטע געזיכט האָט זיך עטוואס בעפאַרבט. איהרע האלב־אויסגעלאָשענע

אויגען. ניט קוקענדיג אויף איהרע אכט־און־דרייסיג יאָהר, האָבען זיך אַנגעצונדען מיט אזא פייער, וואָס איך האָב קיין מאָל ניט בעמערקט אין זיי. עס איז געווען אזוי לייכט צו זעהן, אז דער בילד, וואָס טויכט איצט אויף פאַר איהרע אויגען, בלאָזט אין איהר אריין אַ נייעם לעבען.

די מאַמע האָט ווייטער גענומען ריידען, אַנפאַנגס שטיל, אזוי ווי טראַכטענדיג אויפ'ן קול און דערנאָך אַלץ העכער, העכער:

— אַנפאַנגס פלעגט זיין געזיכט אין מיר דערוועקען עפעס אַ מין רחמנות. וואָס פאַר אַ געשעפטען האָב איך מיט איהם געהאַט? גאָר ניט. ער פלעגט מיר קומען געבען די שטונדע און פטור. פאַר וואָס האָב איך אויף איהם געלייגט אַ רחמנות — ווייס איך עד היום ניט, נאָר זיין בלייכע געזיכט האָט מיר געשניטען ביים הארצען, שעה'נווייז פלעג איך אָפשטעהן ביים פענסטער פאַר דער שטונדע, און אויב עס פלעגט גיסען אַ רעגען אָדער פאַלען אַ שניי אָדער דער פראָסט אָדער די היץ פלעגען זיין גרויס, פלעג איך אויסגעהן מיט די כחות, וואָס ער מוז אַרומלויפען איבער די שטונדען...

אַמאָל, דאָס איז געווען אַ שעהנער זומערדיגער פאַרנאַכט. איך געדענק דעם טאָג ווי איצטער, אַט זעה איך אונזער צימער פאַר די אויגען, די זון האָט שוין געהאַלטען ביים אונטערגעהן און די לעצטע שטראַהלען האָבען זיך צושפיעלט, געשפרונגען אויף דער וואַנד נעבען סופיט, וואָס אַנטקעגען איבער דעם פענסטער. איך בין געזעסען אויף אַ שטוהל און ער איז געשטאַנען איבער מיר, אונזער לערנען האָט זיך עפעס ניט געקלעפט, איך בין געזעסען און פער'חלומ'ט זיך, אונטערוויילעכס, האָב איך אַ וואַרף געטהאָן אַ בליק אויף איהם און האָב בעגעגענט אין זיינע אויגען עפעס אַ מאָדנע מין ליכט. ביז אַהער האָב איך אַזאַ ליכט ניט געזעהן אין זיינע אויגען און מיר איז געווען עפעס אזוי גוט, אזוי פערגעניגענד. אזוי וואויל! נאָר צו דערזעלבער צייט איז מיר ווי אַ ציטער אַריבער געגאַנגען איבער'ן גאַנצען לייב, איך האָב געקוקט אין בוך און געלייענט און ניט געהערט וואָס, און, אַז ער האָט מיר פאַפ־

ראַוועט, האָב איך ניט געהערט זיין קול און מיר איז געווען אַזוי זיס, אַזוי אַנגענעם!

— ווי אַזוי דאָס האָט געטראָפען? אסור אויב איך ווייס. נאָר ווען איך האָב ווי ערוואַכט פון מיין חלום'ען האָב איך דערפיהלט זיינע הענד אַרום מיין האַלז און זיינע ליפען אויף מיינע ברענענדיגע באַקען. איך האָב דערפיהלט ווי מיין הויט פון שפיץ קאָפ ביז די שפיץ פינגער פון די פיס ציטערט אויף מיר און איך האָב זיך אַ ריס געטהאָן פון זיינע הענד, אַ הויב געטהאָן געשווינד פון שטוהל און אַרויסגעלאָפען פון צימער. איך בין אין צווייטען צימער געזעסען, צו געשטאַנען — דאָס געדענק איך ניט ריכטיג — צומישט, צוטומעלט און וועגען קיין זאַך ניט געקלערט. דערנאָך — וויפיעל דאָס האָט געדויערט געדענק איך ווייטער ניט — האָב איך דערהערט זיינע טריט. דאָס האַרץ איז מיר פערשטאַרבען אינעוועניג און גלייך זיך גענומען צאַפלען אַזוי האַסטיג, אַזוי האַסטיג, אַז איך האָב געמיינט עס פאַלט מיר אַרויס. דערנאָך האָב איך דערהערט ווי די טהיר צו דער גאַס האָט זיך געעפענט און ווי ער איז אַרויס. איך האָב אויסגעבראָכען אין אַ געוויין. וואָס האָב איך געוויינט? געדענק איך ניט קלאָר, נאָר דאָס געדענק איך, אַז וועה געטהאָן האָט מיר פאַר איהם...

די מאַמע האָט זיך אָפגעשטעלט, איהר גאַנצע געזיכט האָט איצט געפלאַמט און איהרע ברענענדיגע אויגען האָבען אויסגעדריקט אַ טהויער, אַ טיעפען קומער. — עס קען זיין פאַר דעם וועהטאָג, וואָס זי האָט איהם דערמאָלט פערשאַפט און עס קען זיין פאַר דעם גליק, וואָס זי האָט געהאַלטען אין די הענד און אַליין אַרויסגעלאָזט, און אפשר פאַר ביידע צוזאַמען.

איך האָב איהר די גאַנצע צייט געהערט מיט גרויס נייגירדע און האָב געוואַרט מיט גרויס אונגעדולד, זי זאָל ווייטער פאָרטזעצען. די מאַמע האָט מיך זעהר פעראינטערעסירט. אייביג אַזאַ שטילע, אַן אָפגעשטאָרבענע אין אַלע זאַכען, וואָס געהערט ניט צו דער אמונה, צו מיר און צום געשעפט. און פלוצים האָט זי זיך אַזוי צורעדט און נאָך מכח אַזאַ ענין. איך האָב געוואַרט מיט גרויס אונגעדולד. נאָר זי האָט זיך וואַרשיינליך געכאַפט, אַז זי

האָט זיך פּעררעדט און זי איז אַ לאַנגע צייט געבליבן שטיל.

—יע, נאָר וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן.—האָט זי ווייטער גענומען רעדן; אָבער שוין אַ סך קיהלער און שוין גאָר מיט אַן אַנדער קול, — יע, וואָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגן. ס'איז הבל הבלים, ליעבע־שמיבע, ס'איז פּוסטע זאַכן. איך האָב מיין לעהרער זעהר ליעב געהאט און ער מיר אודאי ניט וועניגער, ער האָט מיר צוגעזאָגט הרים וגבעות; נאָר איך בין געווען טויב ווי די וואַנט. וואָס, טאַקע, פרעג איך דיר, וואָס? וואָס? וואָס פאַר אַ גוטס קען אַרויסקומען דערפון? הייסט דאָס דען ניט נאָכגעבען דעם יוצר הרע? האַ? איז דאָס ניט געזינדיגט קעגען דעם רבונו של עולם? האַ?

זי איז אַ ווײַלע געבליבן שטיל, איך זאָל איהר פּאַטאַקעווען. איך האָב געוואַרט און געקוקט אויף איהר, געקוקט אויף איהר געזיכט, וואָס האָט זיך ווייטער פערצויגען מיט אַ וואָלקען, געקוקט אויף איהר צונויפגעקנייטשטען שטערן און אַרויסגעזעהן קלאָר, אַז כאָטשע זי רעדט וועגען יצר הרע מיט אַזאַ פעסטען קול, איז דאָך ביי איהר אין האַרצען די זאַך ניט אַזוי גלאַט און זי וואַרט אויף מיין פּאַטאַקעווען. ניט אַזוי פון מיינעט וועגען. נאָר מעהר פון איהרט וועגען, צו בערוהיגען די בורע, וואָס האָט זיך איצט אויפגעהויבען ביי איהר אין האַרצען.

איך האָב אויף איהר רחמנות געהאט און דאָך ווי וועלענדיג ציהען איהר פאַר דער צונג האָב איך איהר אַ זאָג געטהאָן:

— מסתמא האָט ער דיך ניט געליעבט, ווי געהעריג איז.

זי האָט אַ ביטערען שמייכעל געטהאָן:

— ניט געליעבט? ער האָט מיך ניט געקענט פערגעסען אפילו שפּעטער, ווען איך האָב שוין חתונה געהאט פאַר דיין טאַטען. האָט זי געזאָגט און די אויגען האָבען זיך איהר ווייטער אָנגעצונדען. אַמאָל, דאָס איז געווען שוין צוויי יאָהר נאָך מיין חתונה, און, דיר צו לאַנגע יאָהר, דיין ברודער עליו השלום איז דעמאָלט נאָך געווען אַ זייגעדיג קינד. איך געדענק דאָס ווי איצט, דאָס קינד איז אַקאָרשט איינגעשלאָפען אין וויגעלע און איך בין געווען אָנגעטהאָן ווי מען געהט אין אַ שטוב, פּלוצים עמיצער קלינגט.

קיין נאָווינע איז דאָס ניט און איך קוק זיך אפילו ניט אום. די דיענסט האָט דאָרטען געעפענט און איך הער. עמיצער עפענט מיין טהיר, איך קעהר אָפּ דעם קאָפּ פון די ברודיגע־ווינדעלאך, וואס איך האָב צוזאמען־געקליבען און איך דערזעה „איהם": מיר איז אַזש פינסטער געוואָרען אין די אויגען פאר שאַנדע. א היבשע צייט האָב איך דעם לשון ניט געקענט געפינען און בין געשטאַנען ווי אן אַנגעמאַלטער גולם. ער איז אויך א וויילע געשטאַנען אַהן ווערטער; נאָר באלד האָט ער זיך צורעדט. האָט מיר דערצעהלט, אז ער איז אומישנע געקומען צופאָהרען מיך זעהען. כאָטש געהערט האָט ער שוין פון מיין חתונה און געבעטען מיר איך זאָל אַז איהם קיין מאָל ניט פערגעסען... אייביג, אייביג, האָט ער געשוואָרען, וועט ער טראָגען מיין בילד אין זיין הארצען... איהם זיינען געשטאַנען טרערען אין די אויגען... איך האָב ניט געקענט צוזעהן זיינע טרערען און אויף איהם קוקענדיג אויך געוויינט... ענדליך האָב איך זיך געכאַפּט, אז איך שטעה מיט א פרעמדען מאנסביל און וויין... מיר איז געוואָרען עפּעס אזוי אונבעקוועם. ער האָט דאָס פערשטאַנען און געזאָגט, ער געהט שוין אוועק, נאָר פאר זיין אוועקגעהן, האָט ער געבעטען, זאָל איך איהם ווייזען דאס קינד... איך האָב עס ארויסגענומען פון וויגעלע און געוויזען איהם און ער האָט דאָס קינד בעדעקט מיט קושען... דיין טאַטע האָט דאס קינד קיין מאָל ניט געקושט מיט אזא ווארעמקייט. ער האָט מיר נאָך אַמאָל געבעטען מיט א שטילען הייזעריגלאכען קול פון אראָפּגעשלונגענע טרערען, איך זאָל איהם צו שלעכטען קיין מאָל ניט דערמאָנען און זאָל כאָטש אמאָל וועגען איהם דענקען און איז אוועק...

דער מאַמעס געזיכט האָט זיך ווייטער בעצויגען מיט א וואָלקען, עס איז געווען קענטיג, אז אין געדאנקען לעבט זי איצט איבער די לעצטע צושיידעניש זייערע.

— נאָר, יע, וואָס האָב איך געוואָלט זאָגען? האָט זי זיך באלד ווייטער געכאַפּט. — אידישע קינדער און מען טאָר דעם יצר הרע ניט נאָכגעבען. ליעבע־שמיבע דאָס איז פּוסטע זאכען. איך האָב בעסער געפאָלגט טאַטען־מאַמען און האָב קיין חרטה ניט...

* * *

נאָר — אַ גאָט'ס וואונדער! — די ערצעהלונג האָט ניט נאָר אויף מיר ניט געווירקט, אַז איך זאָל ארויסשלאָגען ברוך דעם ציגעלניק'ס טאָכטער פון קאָפּ, נאָר פערקערט, מיר האָט נאָך שטארק, זעהר שטארק אזש צו טרערען וועה געטהאָן, פאר וואָס די מאַמע האָט ניט חתונה געהאט פאר איהר געוועזענעם לעהרער.

אַרקע דער שוסטער.

שוין אַ גוטע שעה, ווי אַרקע מאַטערט זיך איינצושלאָפען און קען ניט. ער האַלט פערמאַכט די אויגען, פּרובירט צו ליגען אַוויילע אונבעוועגט — נאָר דער שלאָף קריכט ניט אין קאָפּ. דער וואַנט־זייגער גיט עפּעס אַ מין סלוקערץ, אַ סימן אַז באַלד וועט ער שלאָגען. אַרקען פערגלוסט זיך צו וויסען פיעל עס געדויערט פון סלוקערץ ביז'ן שלאָגען. ער הויבט אָן צו צעהלען די טיק־טאַקס. זעכציג טיק־טאַקס אין אַ מינוט, צוויי מינוטען האָט ער אָנגעחשבונ'ט נאָר אויף דער דריטער האָט ער זיך פערפּלאָנטערט און געוואָרפען דאָס צייהלען. דער זייגער האָט באַלד גענומען שלאָגען אין איינער איילענים, כמעט ווי אין איין אָטהעם. אַרקע האָט אָפּגעצייהלט זיבען.

— צום שוואַרץ־יאָהר! נאָך ערסט זיבען אַזייגער! וואָס טהוט מען אַזוי פריה? אין שוהל געהט ער ניט און דאַוונען דאַווענט ער אין שטוב אויך ניט. היינט איז שבת און ביי איהם איז אַ טאָג פון רוה. ער גיט זיך אַ קעהר אַזוי אַז ער בלייבט ליגען אויפן רוקען, לייגט אונטער די הענט, מיט צונויפגעקליאַמערטע פינגער איינע אין די אַנדערע אונטערן קאָפּ און הויבט אָן בהרחבה צו גענעצען.

ער ליגט אַזוי אַ קורצע ווײלע און קלייבט נחת פון זיין טאָג רוה, נאָר באַלד ווערט עס איהם דערעסען. ער גיט זיך אַ קעהר אויף דער זייט און טראַכט אַוויילע.

ער פאַלט אויף אַ פּלאַן: ער רוקט אַרונטער די האַנט אונטער דער פערענע, ציהט אַרויס אַ שטרוי, פערבראַקירט איהם און ציהט אַרויס אַ צווייטען, אַ דריטען און קלייבט אויס אַזעלכע וואָס

האָט אַ האָריג קעפּעל; ער שטרעקט אויס די האַנט צום צווייטען בעט, וואו עס שלאָפט זיין ווייב און פיהרט מיט'ן שטרוי איבער'ן האַלז. אָבער די ווייב שלאָפט געשמאַק און פיהלט ניט דעם שטרוי. ער נעהמט פיהרען מיט'ן שטרוי אַרום אויער און באַלד טאַקע אין אויער גופא.

— פּ־פּ־פּ־ע־ע! מורמעלט די ווייב אַרויס פון שלאָף און כאַפּט זיך שלאָפעדיגערהייד מיט דער האַנט פאַר'ן אויער.

ער וואַרט אַפּ אַווײלע און בעגייעט ווידער דאָס קיצלען מיטן שטרוי. זי דרעהט פון שלאָף מיט'ן קאָפּ, טרייבט מיט דער האַנט די בייסיגע פליג און ער קייכט זיך פאַר געלעכטער.

אַרקע לאַכט אין זיך און האַלט זיך קוים איין ניט אַרויסצושיסען מיט אַ געלעכטער.

די ווייב עפענט די אויגען און הויבט אָן צו זוכען די בייסיגע פּליג. דאָס שפּיעל מיט'ן שטרוי איז געענדיגט.

זי קריכט אַרויס פון בעט, עפענט פערנאַנדער די לאָדענס און ער בלייבט נאָך אַלץ ליגען אין בעט.

עס ווילט זיך ניט שלאָפען, אָבער נאָך וועניגער גלוסט זיך איהם אויפצוהויבען זיך פון בעט. וואָס וועט ער טהאָן? ער ליגט און געגעצט ווייטער. אָבער אָהן אַפּעטיט. עפּעס סתם פּוילע געניצען. ער האָט שוין באַלד ברעה אַנצוטאָהן זיך — פּאָרט געוואוינט אויפצושטעהן טאָג־טעגליך פּינף אַזייגער — ערשט דאָס קינד, אַ פּיער יעהריג אינגעלע כאַפּט זיך אויף.

דאָס קינד איז אַ קיילעכדיגס, מיט אַ גרויסען בויך, ווי דאָס רוב ביי אַרימע קינדער, וועלכע דערוויסען דעם טעם פון ברויט גלייך ווי ביי זיי נעהמען זיך אויסשניידען צייהנדלאַך און ביי וועלכע דער בויך וואַקסט אויפן חשבון פון גאַנצען קערפּער. אַרקע שמייכעלט צו איהם אַווײלע, דערנאָך גיט ער איהם אַ פּורקע מיט'ן פינגער אין גאָלען בייכעל און וואָרפט איהם אויף:

— פּוזע!

— דו פּוזע!

— נײן, דו פּוזע.

— ניין, מאַמע! האָט זיך דאָס קינד אָנגעהויבען צו בריקען און וואַרפען זיך מיט די פּיסלאַך: — דו, דו פּוזע.

דאָס שפּיעל געפעלט ארקען זעהר, אָבער די מוטער נעהמט באַלד ארויס דאָס אינגעלע פון בעט און ער בלייבט ווייטער אליין.

ער ליגט איצט פערקלערט. דאָס שפּיעל מיט'ן קינד האָט איהם דערמאָנט זיינע אייגענע קינדערשע יאָהרען. ער האָט אויך געהאַט אַ גרויסען בויך און גערופען האָט מען איהם „קאַרדופּ“.

ניט איין מאָל האָט ער זיך געשלאָגען מיט די קינדער פון חדר און מיט די קינדער פון שקאָלע פאר דעם צונעמענים. יאָ, דער צונעמענים האָט איהם פערשאַפט אַ סך קריינקונג און איינציגווייז שווימען ארויס ביי איהם אין מאַרך די חברים מיט וועלכע ער האָט זיך ארומגעשלאָגען, די ערטער, וואו די געשלעגען זיינען פאָרגעקומען און פּלוצים גיט איהם אָפּ מיט אזאַ מין ליעבליכער וואַרעמקייט. עס גיט זיך אַ צאַפּעל עפּעס אַ פערבאָרגענע סטרונע אין זיין האַרצען און אַ נייע ליעד — אַ ליעד וועגען זיינע עלענדע, אָרימע, אונשולדיגע אבער פרייליכע קינדערשע יאָהרען הויבט איהם צו שפּיעלען די סטרונע. ער הערט זיך צו צום שפּיעלען און קוועלט פון זיינע קינדערשע יאָהרען.

און זכרונות וועגען חדר, וועגען דער שקאָלע שווימען אַרויף ביי איהם אין מאַרך. און די זכרונות זיינען פערוויקעלט מיט אַ דונקעלען דעקטוך, און וואָס דונקעלער, וואָס פערשטעלטער זיי זיינען, אַלץ בעליבטער, אַלץ טייערער זיינען זיי איהם, אַלץ וואַרעמער, אַלץ פרייליכער ווערט איהם אויפ'ן האַרצען.

און זכרונות אויסער דעם רבינ'ס קלעפּ, אויף וועלכע דער רבי איז געווען אַ גרויסער נדבן, אויסער דער רבי'צענס גרעטשענע לאַטקעס, דער טעם פון וועלכע ליגען נאָך איהם עד היום אין מאַגען, אויסער דעם ראַבען האָהן, מיט'ן רויטען קאַם, וואָס פלעגט אָפּט אין מיטען לערנען ארויפשפּרינגען אויפ'ן טיש און אויף אַ מינוט שטערען דאָס לערנען צום גרעסטען נחת פון אַלע קינדער, — אויסער די דאָזיגע אַלע זכרונות זיינען איהם נאָך פערבליבען נאָך פיעל אנדערע פון חדר, ווי אַ שטייגער, וועגען גן עדן, וואו אָדם און חוה זיינען ארומגעגאַנגען מוטער־נאַקעט, ולאַ

יתבוששו, און זיי האבען זיך ניט געשעמט און וועגען גאט וואס האט ביי קיין געפרעגט „איכה“. וואס גראמט זיך זעהר מיט קור־קורעקו... ווייטער זומערדיגע הייסע טעג און מיט זיי איז עפעס פערקניפט „בראנדאפער“, „גאנצאפער“, „פריעדאפער“... און ווייטער קומט עפעס „המניח את הכד ברשות הרבים“, אז איינער לייגט אוועק א קרוג אין רשות הרבים... און דא לאזט זיך אראפ דער פארהאנג. אבער דער קרוג איז ניט קיין ליימענער, ניט קיין פשוט'ער און ער ווינקט צו איהם און וויל איהם מסתמא, דערצעהלען פיעל מעשיות פון זייער פריהיגער יונגער בעקאנטשאפט. נאר דער פארהאנג שטערט דעריין.

און די זכרונות פון שקאלע זיינען אויך ניט ווינעיגער ווארעם, אויך ניט וועניגער פרייליך. כאטש זיי זיינען פערבונדען מיט קאלטע קולקעס שניי, מיט וועלכע ער און די חברים פלעגען זיך ווארפען אין דער צייט פון די „פערעמענעס“ אין גערטעל פאר דער שקאלע, און מיט הארטע לינייקעס, וואס ער פלעגט אפט כאפען פון „סמאטריטעל“, און מיט ניט זעהר קיין אנגענעהמען פלאץ אין „וואוגאל“, לעבען אויוועז, וואו ער פלעגט אמאל שטעהן פאר ניט אויסלערנען דעם אוראק. און ווייטער געדענקט ער עפעס א שעהנע מעשה מיט „סאל אי גובקא“ און עטליכע שורות פון „טשיז אי גאלוב“ וועלכע ער געדענקט נאך עד היום אויף אויסוואויינינג.

— דער טהיי וועט קאלט ווערען, שטעה שוין אויף! טרייבט איהם די ווייב, און ארקע כאפט זיך איצט גיך אנטהאן, גראד ווי אין די קינדערשע יאהרען, ווען א שטייגער די עלטערע שוועסטער פלעגט איהם וועקען געהן אין חדר אדער אין שקאלע. און ער פערגעסט אין גאנצען אז דא וועקט זיין ווייב און ער האט ניט וואס צו איילען.

נאכ'ן טהיי געהט ארקע ארוים אנגעטהאן אין זיינע שבת'דיגע בגדים, געהט צו צום פלעצעל וואו די סאלדאטען מושטירען זיך, קוקט אווילע, נאר פערלאזט באלד דעם פלאץ, ווייל די זון ברענט זעהר און אונטער זיין שטייף אנגעקראכמאלעטע, אויסגעפרעסטע העמד פיהלט ער זיך ווי אונטער א הייסען אויוועז.

א רגע טראכט ער, וואוהין געהט מען, נאר צו קיין הויז ציהט

איהם ניט זיין הארץ. מיט זיינע אלע בעקאנטע פון זיין פאך האט ער גאר א קנאפע מגע ומשא; ער געפינט ניט וואס צו רעדען מיט זיי: ווייטער לעדער, שטיוועל, קאמאשען און אבער קאמאשען, שטיוועל, לעדער. ער רעכענט זיי גאר פאר פראסטע מענשען. זיי ווייסען אפילו ניט די עטליכע שורות פון „טשיז אי גאלוב“. ער וואלט וועלען האבען בעקאנטע צווישען די קענערס, קלוגע רייד האט ער זעהר ליעב צו הערען, נאר ווי קומט די קאץ איבערן וואסער?

ער קויפט א לאקאלע רוסישע צייטונג און קעהרט זיך צוריק אהיים.

אמאל פלעגט ער אויף שבת נעהמען א אידיש מעשה ביכעל און האט געקליבען פיעל נחת פון די העכסט אינטערעסאנטע ראמאנען. דער שבת'דיגער טאג פלעגט איהם אריבערלויפען אזוי גיך, אז ער האט איהם קוים בעמערקט. מעשיות האט ער זעהר ליעב געהאט. נאר צייט עס האט זיך אנגעהויבען צו ענטוויקלען די אידישע ליטעראטור און ער האט איבערגעלייענט עטליכע שטיקלאך קריטיקען איבער די העכסט אינטערעסאנטע ראמאנען, האט ער זיי מעהר אין האנט ניט גענומען. מען קען ניט זאגען, אז ער האט פיינט געקראגען די דאזיגע ראמאנען און ער האט אפילו ניט פערשטאנען, וואס אייגענטליך האט מען אויסצוברעכען געגען זיי, נאר זיין ווילען צו שטעהן העכער פון די אנדערע פראסטע מענשען, וואס בעשמאקעווען זיך מיט יענע ראמאנען, איז געוועזן אזוי גרויס, און אז געבילדעטע מענשען זאגען, מען טאר זיי ניט לייענען, האט ער זיי געגלויבט און האט איבער זיך א כח אנגעטהאן ניט צו לייענען די ביכלאך צו וועלכע זיין הארץ האט איהם געצויגען.

אויפ'ן טיש שטעהט שוין צוגעגרייט בראנפען, פערבייסען. ער טרינקט פאמעלאך דעם ערשטען כוס און לייענט די רוסישע לאקאלע צייטונג שעפטשענדיג. ער לייענט דעם לייט ארטיקעל, פון צעהן ווערטער כאפט ער קוים פערשטעהן איינס. און נאך א גוטע שעה לייענים בלייבט איהם אין קאפ פוסט און אויפ'ן פנים טונקט זיך אפ א קראנקליך געפיהל. ער פערטרינקט זיינע יסורים

מיט א גלעזל, צווי און לייענט ווייטער. ער שטויסט זיך אן אויף א שטיקל נייעס און פערשטעהט די בעדייטונגען דערפון און ער פיהלט זיך גליקליך איבער גליקליך.

— רבקה! דו ווילסט הערען נייעס? רופט ער זיין ווייב מיט א פרייליכען און גליקליכען קול.

עס קומען אריין זייערע געזעלען, א פאר יונגע בחורים׳לאך, מיט ביכלאך אין די הענט. ער גיט אויף זיי א קוק מיט אויגען האלב פערלאשענע פון בראנפען און האלב אנגעצונדענע פון קנאה. ער ווייסט פון וואנען זיי קומען איצט, דאס הייסט ער וויים, וואס זיי האבען געטהאן און איז זיי שטארק מקנא. ביז דא ניט לאנג צוריק האט ער אויף זיי געקוקט, ווי ער האט געקוקט אויף אלע זיינע בעקאנטע פון דראטווע, דאס הייסט ווי אויף פינסטערע גראבע יונגען. נאר צייט זיי האבען זיך אנגעהויבען צו לערנען, האט ער פאר זיי דרך ארץ געקריגען... און עפעס איז זייער לערנען טאקע גאר א מאדנער, א סארט לערנען, קאטארי וועלכער איז מאיא פאטשטעניע... זיי פערמאגען ניט זיין „פאדמיאטקע“ אין רוסיש. ביז א קורצער צייט צוריק האבען זיי אפילו דעם אזבוק ניט געוואוסט און איצט לייענען זיי שוין א נאטורוויסענשאפטליכען בוך. ער פערשטעהט אין דעם ביכעל קיין איינציג ווארט ניט. אמת, זיי קענען איהם אויך ניט ראסטאלקעווען, וואס דארטען שטעהט, נאר די מעשה מוז זיין, וואס דער ענין איז דא אזא שוועדער... ער גלויבט שטארק אין זייער לעהרער, און ווי זאל מען ניט גלויבען אין אזא לעהרער, וועמעס נאמען מען טאר ניט וויסען? מען זאגט, אז ער איז פון „ווערזיטעט“... ארקע האט גרויס חשק געהאט אריינצוטרעטען אין זייער קאמפאניע און האט אפילו געוואלט צאהלען. זיינע געזעלען האבען מכח דעם גערעדט מיט׳ן לעהרער, נאר מען נעהמט איהם ניט אריין... א חסרון ער איז א בעווייבטער... וויים ער? זיין רבקה, דוכט זיך, וואלט איהם ניט געשטערט אין לערנען. אדרבא, זי וואלט נאך געווען דערפון זעהר צופריעדען.

— געלערענט? — פרעגט ער זיינע געזעלען.

— ווי זשע! ענטפערן זיי ביידע אויף אמאל.

— וואָס ?

— וועגען „לונא“ (לבנה).

ארקע ווערט שטארק פעראינטערעסירט. דער גאנצער בראנפען ווערט אויף אווײלע אויסגעוועפּט און ער שטעלט אויס נאָז און אויערען צו הערען וואָס זיי האָבען צו דערצעהלען.

ביידע בחורים'לאך הויבען אָן צו דערצעהלען, איבערשלאָגענדיג איינער דעם צווייטען, פאר וואָס איז די לבנה אמאָל א סערפּ, אמאָל א האלבע און אמאָל א גאנצע. ארקע הערט אויפמערקזאם און פערשטעהט לחלוטין גאר ניט.

— ע־ע־ע, איהר באָלבעט ; — בעמערקט ארקע און די אויגען ווערען ווייטער האלב פערלאָשען.

— אזוי שטעהט אין ביכעל, — רופט זיך אָן איינער בעליידיגט.

— אזוי האָט דער לעהרער געזאָגט, — בעמערקט דער צווייטער.

— לאָמיר מאכען לחיים, — זאָגט ארקע און טרינקט אויס נאָך א גלעזעל בראנפען.

ער ווערט פרעהליך, הויבט זיך אָן צו רויצען, שפּיעלען מיט'ן קינד, מיט'ן ווייב, די געזעלען קוקען אין זייערע ביכלאך ביז מען טראָגט אריין דעם טשאָלענט.

נאָכ'ן עסען ליגט שוין ווידער ארקע אין בעט און עס עגבערט איהם א געדאנק דעם מוח : ווען ער וואָלט ניט געוואָרען קיין שוסטער, וואָלט ער געווים אליין געקענט פערשטעהן א ביכעל. זיינע עלטערע ברידער קענען פאָרט האלטען א ספר. זיי זיינען אפילו פאנאָטיקער... ער האלט ניט פון זיי... אבער וואָס איז די פעולה, זיי זיינען פאָרט ניט קיין פינסטערע מענשען. זיי, די ברידער, זיינען טאקע געוועזן מיט הענט און פיס געגען זיין שוסטעריי.

ארקע שיסט פלוצים אויס אין א געלעכטער.

ער דערמאָנט זיך, ווי ער איז אמאָל אראָפּגעפּאָהרען צו זיין ברודער דעם חזן אין שטעדטעל צוגאַסט. דער ברודער האָט ניט געהאָט קיין הארץ צו פערלייקענען, אז ארקע איז אן ארבייטער.

נאָר ער האָט געוואָלט פערפיינען זיין אומנות און האָט איהם פאַרגעשטעלט פאר א שטעפער. ארקע געדענקט אליין ניט פאר וואָס, נאָר ווען דער ברודער האָט איהם אזוי פאַרגעשטעלט, האָט ער זיך אַנגערופען:

— ניין, איך בין א פשוט'ער שוסטער!

עס איז דעמאָלט געווען א פאַטעכע מיט'ן ברודער! חאַ־חאַ־חאַ!...

— נאָר דאָך זיינען זיי געווען גערעכט, וואָס זיי זיינען געווען געגען שוסטעריי. אזא יאָהר אויף מיר, ווי זיי זיינען געווען גערעכט... גערעכט, ווי איך בין א איד. גערעכט! !... גע־רע־כט! !...

ער האָט געזעהן.

דער בכור פון דער גרויסער פאַמיליע אין דעם קליינעם שטיבעל אנטקעגען אונזער הויז האָט געהייסען לייבע. ער איז געווען אַ טאַטע פון עטליכע קינדער און ווייל ער איז געווען אַ גרויסער קבצן האָט ער מיט זיין ווייב דאָבע און די קינדער געוואוינט ביי טאַטע־מאַמען, הגם דאָס גאַנצע שטיבעל איז בעשטאַנען פון איין זעהר שמאָלען און לאַנגען צימער.

לייבע איז געווען אַ ליבאַוויטשער חסיד און האָט זיך אויפ'ן ערשטען בליק ניט אונטערשיידט פון די אַנדערע חסידים וואָס האָבען געוואוינט אין שכנות מיט אונז. ווי זיי איז ער אין מקוה געגאַנגען, ווי זיי איז ער ביים דאַווענען ארומגעשפּרונגען און גע'דבק'עט זיך, נאָר עפּעס אַזוינס האָט פון איהם ארויסגעשטראַלט, וואָס מען האָט אין אַנדערע ניט בעמערקט.

זיין היטעל איז כמעט שטענדיג געזעסען אויף איהם קרומליך און ווען ער האָט גערעדט האָט ער דעם קאָפּ געהאַלטען עטוואָס אויסגעבויגען אָן אַ זייט און די אויגען האָבען געקוקט צו אַ ווינקעל, ווי ער וואָלט אין דערזעלביגער צייט געזעהן עפּעס אַזוינס, וואָס מיר האָבען ניט געקענט זעהן.

איך בין נאָך געווען גאָר אַ אינגעל, ווען איך האָב זיך מיט איהם בעקאַנט. איך האָב דעמאָלט געכאַפּט דעם ערשטען נאַש פון השכלה און האָב ניט לאַנג אָנגעהויבען צו לייענען די ביכער, וואָס האָבען די ציפער געהאַט אין מיטען.

איינס פון אונזערע פּענסטער איז ארויסגעקומען פּונקט אנטקעגען דער טהיר פון דעם שטיבעל, וואו ער האָט געוואוינט, און ווען איך בין אַמאָל זומער צייט געזעסען מיט אַזאַ ביכעל אין האַנט

פאַר'ן אָפענעם פענסטער איז ער צוגעקומען און געפרעגט, וואָס איך לייען.

פאַר אַ חסיד פאַר זיין שניט איז דאָס געווען גאָר אונגעוועהנליך.

איך האָב איהם עטוואָס איבערראַשט געגעבען דעם ביכעל און ער האָט אויסגעבויגען דעם קאָפּ אָן אַ זייט און מיט די אויגען געריכט צו אַ ווינקעל האָט ער אַ קוק געטהאָן אויפ'ן שער.

— יע, — האָט ער געזאָגט און אָפּגעגעבען צוריק דאָס ביכעל.

דער „יע“ האָט געקענט בעדייטען אַ סך זאַכען. עס האָט געקענט בעדייטען, אַז די קליפּה, רחמנא לצלן, האָט זיך שוין אַריינגעכאַפּט צו אונז אין שטוב און האָט מיך אויסגעקליבען פאַר איהר קרבן; עס האָט אויך געקענט בעדייטען: „הבל הבלים, מיר האָבען עס שוין אַלץ געזעהן!“ און וואָס ניט. ער האָט געהאַט אַ טבע צ' ריידען, אַזוי צו זאָגען, מיט פּינטעלאַך, מיט רמזים, אַזוי ווי ער וואָלט ערוואַרט, אַז אַ מתורגמן זאָל ערשט זיינע פיעל בעדייטענדע ווערטער צוגליעדערען און אויסגעפינען זייער ריכטיגען מיין, די אמת'ע כונה.

דאָס השכלה ביכעל האָט איהם פון מיר ניט פערטריבען, און ער, אַ טאַטע פון קינדער, וואָס זיינען שוין געווען אין מיין עלטער, האָט אָנגעהויבען אָפט צוצוקומען צו מיין פענסטער און שמועסען.

און ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט ער גערעדט מעהר אויפ'ן וואונק, ווי מיט ווערטער; מעהר ניט דערזאָגט, ווי געזאָגט, און געשטעלט שווער דעם טראָפּ אויף דעם אָפּגעהאַקטען זאַץ.

ער האָט מיט מיר ניט גערעדט ניט וועגען חסידות און ניט וועגען השכלה, ניט וועגען פּאָליטיק און ניט וועגען וועלטליכע זאַכען. איך ווייס אפילו ניט, צי מען האָט עס געקענט רופען שמועס. ער פלעגט זיך שטעלען פון יענער זייט פענסטער, קוקען מיט'ן קאָפּ אויסגעבויגען אָן זייט און מיט די אויגען געריכט צו אַ ווינקעל און מיט אַ קוים בעמערקבאַרען שמייכעל אַרום מויל דרעהען אַ פּאַפּיראָס און פון צייט צו צייט אַרויסכאַפּען זיך מיט עפּעס אַ בעמערקונג, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט אַ מאמר חז"ל אָדער מיט'ן תנ"ך. מיר האָבען זיך אַמאָל צורעדט וועגען שיר השירים,

דאָס הייסט גערעדט האָב איך און ער האָט לאַנגזאַם גערויכערט אַ פּאַפּיראָס, מיט'ן קאָפּ אויסגעבויגען אַז אַ זייט און מיט די אויגען געריכט צו אַ ווינקעל, און פלוצים האָט ער זיך אַנגערופען:

— ניעט פּזמון בלא דיעווקא.

און דער קוים בעמערקבארער שמייכעל אַרום די ווינקלען פון זיין מויל איז אויסגעוואַקסען און פערשפּרייט זיך איבער זיין גאַנצען געזיכט.

און איך האָב ווידער ניט געוואוסט, ווי ריכטיג אויסצוטייטשען אַזאַ מין אַרויספאַהר. איך בין אַפילו ניט געווען אין גאַנצען זיכער צי דער דאָזיגער שפּרוך האָט עפּעס אַ שייכות מיט שיר השירים.

איינמאָל איז ער צוגעקומען צום פענסטער, ווען איך בין דאָרטען געזעסען און געלייענט דעם „התועה בדרכי החיים“. איך האָב איהם בעמערקט און ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט, גענומען דאָס ביכעל, אויפגעמישט דעם שער, אַ קוק געטהאָן און אויסגעמורמעלט:

— המ...

ער האָט דעם קאָפּ טיעפער אַנגעבויגען אַז אַ זייט און מיט די אויגען נאָך טיעפער געריכט צו אַ ווינקעל, האָט ער אַ צווייטען מאָל אַ קוק געטהאָן און דער קוים בעמערקבארער שמייכעל איז בולט'ער געוואָרען.

ער איז אַ ווײלע געשטאַנען און האָט קיין זאַך ניט געזאָגט און דערנאָך האָט ער אַנגעהויבען צו ריידען, ווי זיין שטייגער איז געווען, מעהר ניט דערזאָגט ווי געזאָגט, מיט'ן שווערען טראָפּ אויף יעדע עטליכע ווערטער און פיעל בעדייטענדע הפסקות צווישען די ווערטער.

— בדידי הוא עובדא... דאָס איז געווען נאָך פאַר מיין חתונה... דעמאָלט זיינען גאָר ניט געווען בנמצא די דאָזיגע טריף־פּסול'ען... איך בין געזעסען אין שטיבעל און געלערנט... און פלוצים האָב איך אַנגעהויבען פרעגען קשיות... פערשטעהסט? פרעגען.

ער האָט אַזוי אַ קוועטש געטהאָן דאָס וואָרט פרעגען, אַז איך האָב זיך אַנגעשטויסען אַז טיעפע סודות שטעקען דערין.

— און אַ גבורה שטעקט אין זיי! זיי שלעפּען... און ביזטו מדחה איינע, קומען צעהן נייע... און איך בין שוין ניט מדחה... אדרבה, איך וויל וויסען און איך פרעג...

און ער האָט ווידער אַ קוועטש געטהאָן דעם שווערען טראָפּ אויפ'ן לעצטען וואָרט.

— זיי זיינען דאָך בהמות... זיי פרעגען קיין זאַך ניט... זיי פּאָהרען צום רבי'ן ווי בלינדע... און איך האָב געפרעגט. איך בין געווען איינער אליין און זיי אלע אנטקעגען מיר, נאָר איך האָב געזאָגט, איך וויל ניט זיין בלינד... איך מוז זעהן.

ער האָט איצט אזוי טיעף אַ קעהר געטהאָן די אויגען צום ווינקעל, אז עס האָט אויסגעוויזען, ער וויל מיט זיי זעהן הינטער זיין פּאַטילניצע.

— און איך בין אוועק... איך בין געגאַנגען ניט ווי קיין בלינדער. איך האָב געוואָלט זעהן מיט מיינע אויגען. ניט שפּרינגען קדוש, נאָר טאַקע זעהן בחוש.

ער האָט געמאַכט אַ לאַנגע הפסקה און מיט'ן קאָפּ עטוואָס אויסגעבויגען אָן אַ זייט האָט ער געקוקט אויף מיר. איצט איז זיין געזיכט געווען ערנסט, און ווען ער האָט איצט אָנגעהויבען צו ריידען ווייטער, האָט ער געמאַכט גרעסערע הפסקות ווי געוועהנליך.

— אַ גרויסער עולם איז געווען ביים טיש... זיי האָבען אויסגעקוקט די אויגען אויפ'ן שיריים און איך האָב געהאַלטען מיינע אויגען אָפּען... און ער, זאָל לעבען, האָט מיך דערזעהן... פון דעם גאַנצען עולם מיך איינעם דערזעהן... פערשטעהסט? דערזעהן... נאָך דער סעודה געשיקט מיך רופען... איך בין אריין אָהן הכנעה... אָט ווי איך געה צו דיר... און געשטאַנען ניט ווי עבד לפני אדונו, נאָר איך האָב חשבון געפאָדערט...

ער האָט איצט ווידער געמאַכט נאָך אַ לאַנגע הפסקה און, ווי זיין שטייגער, פון דער זייט געקוקט אויף מיר און עפּעס שטראַלענדעס האָט זיך אָנגעהויבען צו פערשפּרייטען איבער זיין געזיכט.

— און דעמאָלט האָב איך דערזעהן... ער האָט קיין תרעומות ניט געהאַט אויף מיר... אדרבה האָט תיכף צוגעגעבען, מען דאַרף

ניט זיין בלינד... נאָר די אויגען האָט ער מיר געעפענט... איך בין געווען בלינדער פון די בלינדע און ער האָט מיך געמאכט זעהן... און איך האָב דערזעהן...

מיר איז קיינמאָל ניט געוואָרען קלאָר וואָס אזוינס ער האָט דערזעהן און וואָס איז געווען זיין פריהערדיגע בלינדקייט, נאָר איך האָב בעגריפען די פרייד, וואָס האָט שטענדיג ארויסגעשטראַלט פון זיין נשמה.

די געשמיסענע.

1.

איך בין נאָך דעמאָלט, ווען מיין ערשטע בעקאַנטשאַפט האָט זיך אָנגעהויבן מיט איהר, געווען אַ קינד. איך בין יענעם אָבענד געזעסען ביים פערפרוירענעם פענסטער און פערגניגט זיך אויף די פראָסטיגע קווייטען, וואָס האָבען זיך פאַנטאַסטיש אויסגעלעגט איבער די שויבען און דערנאָך האָב איך גענומען שמידען קאָפּיקעס אויף זיי. איך געדענק ניט, צו האָב איך מיט מיין לעצטער אַרבייט געוואָלט צוגעבען מעהר חן די קווייטען, אָזוי צו זאָגען, רייכער מאַכען זיי אָדער די יאָגענים פון די גרויסע נאָך געלט האָט מיר אַריינגעגעבען אַ חשק צו מאַכען ביי אַזאַ גוטע געלעגענהייט, כאָטש צופּלייסיגע מטבעות. ווי דאָס איז, נאָר די אַרבייט האָט מיר געקאָסט צוויי זאַכען, ערשטענס האָב איך בעקומען שפּילקעס אין די פינגער און צווייטענס האָב איך געכאַפּט אַ געשריי פון דער מאַמען:

— אַוועק פון פענסטער, די שויבען וועלען פּלאַצען!

דאָס, וואָס די שויבען וועלען פּלאַצען, איז פאַר מיר געווען אַ קנאַפּער בעווייז, אַז איך דאַרף אַוועקגעהן פון פענסטער, אַ שטאַרקערער בעווייז איז געווען דער געשריי, און איך האָב געפאָלגט, בין אָפּגעטראָטען פון פענסטער און צוגעגאַנגען צום אייווען.

דער פאָטער האָט געדאַרפט קומען פון וועג, און מען האָט אויף איהם יעדע מינוט געוואַרט. די מאַמע פלעגט אַלע ווײלע זיך אָפּשטעלען אין מיטען שטוב, אָנבויגען עטוואָס דעם קאָפּ צום זייט פון פענסטער און האָרכען און יעדעס מאָל בעמערקען:

— אַזאַ פראָסט, אַזאַ פראָסט! ער וועט אַ דערפרוירענער ווערען!

דער סאַמאָוואַר האָט געהאַלטען אין איין קאָכען און די מאַמע — אין איין צוגיסען, איך האָב זיך צוגעהערט, ווי די בוימער אין גאָרטען האָבען געקנאַקט פון פראָסט און איך האָב זיך געוואָלט פאָרשטעלען, ווי דער טאַטע ווערט אַ דערפרוירענער פון קעלט און האָב דאָס בשום אופן ניט געקענט. נאָהענט פון דעם וואַרעמען אייוועןן און אפילו מיט שפילקעס אין די פינגער פון שמידען געלט ביים פענסטער, האָב איך זיך ניט געקענט פאָרשטעלען ווי אַזוי קען די קעלט אַריינ׳גנב׳ענען זיך צום טאַטען דורך זיין גרויסען שאָפענפוטער און אין דעם סמך בין איך געווען גאַנץ רוהיג, כאָטש וואַרטען האָב איך אויף איהם געוואַרט אונגעדולדיג.

שפעט אין אבענד האָט זיך דערהערט אַ קלינגען פון אַ גלעקעל, דאָס קלינגען האָט זיך געהערט פון גאַנץ ווייט, נאָר איך און די מאַמע און די שטוביגע האָבען געוואוסט, אַז דאָס קומט דער טאַטע, און לאַנג טאַקע האָבען מיר ניט געדאַרפט וואַרטען. באַלד ראָט זיך דערהערט, ווי דער שניי האָט געכרוסטשעט אונטער אַ שליטען, און דער טאַטע מיט פערפרוירענע וואָנסען און אַ שטיקעל באָרד איבער׳ן קינ־באַק, וואָס האָט זיך אַרויסגעזעהן פון פוטער, איז אַריין אין שטוב, פערשפרייטענדיג אַ קעלט אַרום זיך.

— אַ פראָסט אַ ברענענדיגער! ער האָט מיר שיער די נאָז ניט אָפגעשמאַלעט.

איך האָב אַ קוק געטהאָן אויף זיין נאָז: זי האָט געהאַט דעם קאָליר פון אַן אָפגעשאָבענעם מערעלע.

מען האָט זיך געזעצט צום טיש טרינקען טהיי, איך האָב געמאַכט דעם סדר פאַר זיך בעזונדער אויף אַ פוס ביינקעלע ניט ווייט פון אייוועןן.

דער פאָטער האָט געהאַלטען אין רעדען וועגען זיין נסיעה, און אין אַזעלכע מינוטען האָב איך געוואוסט, קען מען ביי איהם אַלץ פועל׳ן. איך האָב זיך בענוצט מיט דער געלעגענהייט און צוגעטראָגען צו איהם אַלע ווייל מיין גלאָז טהיי און געבעטען דערגיסען מיט ראָם. ער האָט געטהאָן מיין פערלאַנג, ניט בע־

טראכטערהייט, אזוי לאנג, ביז די מאמע האט אויף איהם א געשריי געטהאן:

— וואס טהוסטו? דו ווילסט איהם, איינשכור'ען צו וואס?

— גענוג! האט זיך דער פאטער אויף מיר א בייזער געטהאן דאס לעצטע מאל, ווען איך האב איהם צוגעטראגען מיין גלאז.

און עס איז טאקע געווען גענוג, און נאך אפשר מעהר ווי גענוג. פון דעם פאטערס אפטען צוגיסען, האט זיך דער גאנצער טהיי אויסגעוועבט אין מיין גלאז און די משקה איז געווארען זעהר א שארפע. איך האב זיך ווייטער געזעצט אויף מיין פוס־ביינקעלע און גענומען טרינקען מיט קליינע זופעלאך די שיריים, אנבויגענדיג פאר יעדען זופ דעם קאפ אן א זייט און א קוקטהוענדיג, וואו האלט דאס אין גלאז. און וואס ווייטער האב איך אלץ שווערער געזעהען, צווישען מיינע אויגען און דעם גלאז האט זיך פערשפרייט א לייכטער טומאן, און איך האב געמוזט מיט די פינגער ארונטערציהען אביסעל די ברעמען, כדי קלערער צו זעהן; נאר דאס האט ניט געהאלפען, דער טומאן האט זיך אלץ געלעגט געדיכטער און גענומען פערוויקלען ניט נאר דאס גלאז אליין, נאר אלץ וואס אין שטוב האט זיך געפונען. א רגע האט זיך דער טומאן אפגעקייקעלט און יעדע זאך איז געווארען קלאר, ווי פריהער, נאר באלד האט דער טומאן ווייטער ארויסגעפלייצט און גענומען וויגען אלץ אין שטוב. מיין ביינקעלע האט זיך געוויגט צוזאמען מיט מיר און עס האט זיך מיר פערגלוסט זינגען עפעס א לידעלע. דאס געשפרעך ביים טיש האט זיך פערוואנדעלט אין א שטילען שושקען און דאס פייער איז געווארען נאך טונקלער און...

און איך האב פלוצים דערהערט אן אויסמיש פון קולות; די קולות זיינען געקומען ווי פון א פערבארגענעם ארט. איך בין געלעגען שטיל און מורא געהאט צו עפענען די אויגען. א פאר מינוט בין איך אזוי געלעגען מיט א שטארקע הארצקלאפענעס, און די מינוטען זיינען מיר אויסגעקומען זעהר, זעהר לאנג, דערנאך האב איך געמאכט הארץ און געעפענט די אויגען: ארום איז שטאקפינסטער, איך וויים, אז איך ליג אין בעט, אבער איך דערקען ניט מיין ארט, עפעס ליג איך מיט'ן קאפ צום צופוסענס און איך

זוך אין דער פינסטער מיט די אויגען דאָס פענסטער, וואָס דאַרף מיר אויסקומען אנטקעגען, נאָר איך געפין עס ניט. עס שיינט, אַז אָדער דאָס פענסטער איז אַנטלאָפען אָדער איך געפין זיך אין אַן אונבעקאנטען אָרט. די פראַגעס: וואו בין איך? און וואָס פאַר אַ פערבאָרגענע קולות הערען זיך? האָבען פערטריבען מיין נשמה אויפ'ן שפּיץ נאָז.

איך בין געלעגען אין איינע ציטערנים און געאָטהעמט זעהר גיך פאַר שרעק. איך האָב אויסגעשפּיצט די אויערען און צוגעהערט זיך צו די קולות. אַנפאַנגס זיינען זיי מיר אויסגעקומען ווילד, משונה'דיג, באַלד אָבער האָב איך איין קול דערקענט, דאָס איז געווען דער מאַמעס: מיר האָט זיך אַראָפּגעקייקעלט אַ שטיין פון הארצען און איך האָב גענומען אָטהעמען פרייער. דער צווייטער קול איז מיר געווען פרעמד, נאָר ער האָט מיר שוין מעהר ניט געשראָקען. איצט בין איך געוואָרען דרייסטער, האָב זיך אַ דרעה געטהאָן אין בעט און גענומען קוקען אין אַלע זייטען. איך האָב באַלד אויסגעפונען אַז איך ליג אין מיין בעט, ווי געהעריג איז, און דאָס פענסטער האָט גאָר ניט געדאַרפט זיין דאָרטען, וואו איך האָב עס געזוכט, ווייל איך בין געלעגען מיט'ן געזיכט צום דער וואַנט, וואָס איך האָב על פּי טעות ניט דערקענט. טראַכטענדיג אַ ווײלע פון וואַנען די קולות הערען זיך, האָב איך בעשלאָסען, אַז דאָס רעדט מען אין דעם צימער, וואָס איז שטענדיג געשטאַנען פאַר געסט. דער צימער האָט געהאַט אַ שותפ'ישע וואַנט מיט מיין שלאָף־צימער און כאָטש די וואַנט איז געווען אַ דיקע, האָב איך געקענט הערען דעם שמועס.

— אַזוי ביזטו אין אַזאַ ברענענדיגען פראָסט געגאַנגען צופוס? הער איך מיין מוטערס קול.

— נו, און אַז צופוס איז וואָס? האָט געענטפערט דער אונבעקאַנטער קול רוהיג, — פאַר מיר איז דאָס ניט אַזאַ שווערע זאַך, מיר מאַכט זיך שטענדיג אַ פוהר אויפן וועג. מען קען מיר שוין אויפ'ן טראַקט... איצט אויך פון ראַשיבאַלע ביז קערמישאָוו, דאָס איז אַ קיימאַ לן פון אַ ווערסט ניין, האָט מען מיר אונטערגעפיהרט.

— אַראַח! האָט זיך דערהערט דער מוטער'ס אַ לאַנגער און שטילער קרעכץ און איך, ליגענדיג אין בעט, האָב נאָכ'ן טאָן לייכט זיך פאַרגעשטעלט, ווי די מאַמע שאָקעלט מיט'ן קאָפּ מיט אַן אונצופרידענע מינע, וואָס האָט געדאַרפט בעדייטען, אַז איהר געפעלט ניט דעם אונבעקאַנטעם פיהרונג.

אַז דער אונבעקאַנטער קול געהערט צו אַ מאַנסביל, האָב איך ניט געצווייפעלט, כאָטש געוועזן איז ער צו דין און צו איידעל פאַר אַזעלכען.

— יע־ע־ע! האָט זיך געהערט דעם אונבעקאַנטענס קול מיט אַ זיפץ אַלס ענטפער אויף דער מאַמעס „אַ־אַ־ח“, און דער זיפץ האָט אויסגעדריקט אי אַ פערענטפערונג פאַר אַ שלעכטע אויפפיהרונג אי אַ נאָכגעבענים אַ געוויסער שוואַכקייט, ווי איינער זאָגט, מען איז מעהר ניט ווי אַ זינדיגער מענש און מען מוז אַמאָל טהאָן אַ זאַך וואָס איז ניט גוט.

אַ ווײלע איז געוועזן שטיל. ענדליך האָט זיך די מאַמע אָנגערופען:

— ע־עך, עס וואָלט שוין כ'לעבען צייט געוועזן אוועקוואַרפען די לאָדענים! זעה, וואָס פון דיר איז געוואָרען!...

— יע, איך האָב דאָס אויך געטראַכט פיעל מאָל, האָט געענטפערט דער אונבעקאַנטער פערצווייפעלט, — נאָר איך קען ניט... איך קען ניט בלייבען זיצען רוהיג... איך פיהל, ווי עפּעס זיצט אין מיר און טרייבט מיך: זיץ ניט, שווייג ניט, געה!

— אָבער די קינדער? מילא לעאָן קען שוין זיין וועלטעל אַליין בעשטעהן, איז אויך, האָט ער שוין זיין מאָס געכאַפּט, אָבער די מיידלאַך? רבקה'ן איז שוין באַלד צייט חתונה צו מאַכען, און דו האָסט זיי געלאָזט אָהן אַ גראָשען געלט...

— איך ווייס, האָט זיך געהערט דעם אונבעקאַנטענס קול מיט אַ ביטערקייט, איך ווייס, נאָר וואָס קען איך זיי העלפען? ווייטער האָבען מיר אַ גאָט און איך קען גאָר ניט טהאָן.

עס איז ווייטער אַ קורצע ווײלע שטיל געוואָרען.

— און וואָס זאָגט מען דיר? האָט דער מאַמעס קול איבערגעריסען די שטילקייט

— וואָס זאָגט מען? איך געה איצט פון נ... איך בין דאָרטען געשטאַנען דריי טעג און האָב זיך צוגעשלאָגען... צושלאָגען זיך דאָרטען איז זעהר שווער און בפרט נאָך פאַר אַזאַ ווי איך בין: אָהן געלט, אָהן אַ צונג און אָהן פּראָטעקציע. און דאָך האָב איך זיך צוגעשלאָגען און געזעהן דעם „נייען“ און גערעדט מיט איהם, אַט אַזוי ווי איך שטעה איצט מיט דיר און רייד... ער האָט שוין פון אַלץ געוואוסט, דער „אַלטער“ מסתמא האָט איהם דערצעהלט, ער האָט אָנגערופען די נומערען פון מיינע פּאַפּירען... ער ער האָט מיר צוגענומען זעהר פריינדליך (דאָ איז דעם אונבעקאַנטענס קול געוואָרען לעבעדיגער). ער האָט מיר געבעטען זיצען, האָט מיר געוויזען אויף אַ שטוהל און געבעטען זיצען. ער האָט מיר אויסגעהערט פון אלף ביז תיו...

— און וואָס האָט ער געזאָגט? האָט די מוטער געפרעגט נאָכדעם ווי דעם אונבעקאַנטענס קול איז שטיל געוואָרען.

— וואָס האָט ער געזאָגט? האָט דער אונבעקאַנטער ווידערהאָלט די פראַגע און געטראַכט אַ ווייל: — ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וואָלט מיר געראָטען אויפצוהערען אויסצוגראָבען נאָך אַלטע קלאַגעס און ניט פערלירען די כחות אין געהענים פון איין שטאָדט אין דער צווייטער. די אַלטע קלאַגעס, וואָס זיינען שוין אויסגעגראָבען, זיינען איבער גענוג. ער וועט זעהן, אַז עס זאָל וואָס גיכער קומען צו אַ סוף און ער וועט טהאָן וואָס נאָר מעגליך איז: אָבער „פּוט סודאַ דלינען“. (דער וועג פון געריכט איז אַ לאַנגער). אַזוי האָט ער געזאָגט, איך גיב דיר איבער מיט זיינע ווערטער, נאָר ער וועט טהאָן וואָס ער וועט קענען. אַזוי האָט דער גייער געזאָגט מיט זיין מויל.

— זעהסטו? אפילו דער גובערנאַטאָר אַליין האָט דיר געראָטען אויפצוהערען די לאַדענים. דאָ זיינען ניט קיין גלייכע כחות. ער איז אַן אדיר, קען אומעדום שיטען מיט געלט, קען אַבי וועמען פערמאַכען דאָס מויל. און וואָס ביזטו? דו קענסט אפילו אַ פּראָסטע פוהרל ניט דינגען און מוזט זיך שלעפען צופוס פון איין שטאָדט אין דער צווייטער... וואָס? וואָס קען זיין דער פועל יוצא דערפון?

— פונדעסטוועגן, נישקשה, שטעה איך איהם ווי אַ גוטער ביין אין האַלז. האָט זיך דערהערט דעם אונבעקאַנטענס קול מיט שטאָלץ און האָט אַ לייכטען ציטער געטהאָן פאַר כעס. — ער וועט מיר ניט אַראָפּשלינגען, ער וועט זיך גיכער דערווערגען... איך וועל איהם דערווייזען, אַז מיט זיינע טויזענדער וועט ער גאָר ניט קענען מאַכען. איך וועל איהם נאָך ברענגען צום בעטעל־ברויט און דערנאָך פערזעצען... איך וועל זיך אומעדום דערשלאָגען. איך וועל צום קיסר אַליין דערגרייכען, אַז מען וועט דאַרפען. איך האָב איהם שוין בעוויזען מיט וועמען ער האָט צו טהאָן, איך האָב איהם שוין געקאָסט שווערע טויזענדער רובעלס און איך בין נאָך מיט איהם ניט פאַרטיג.

מיין קאָפּ איז אין דעם פערלויף פון דעם אונטערגעהערטען געשפּרעך אַלץ מעהר פערזונקען אין קישען און ווי אינטערעסאַנט עס איז פאַר מיר געווען צו הערען וואָס מעהר דעם שמועס, וואָס האָט מיר פערשאַפט אַזוי פיעל שרעק ביי מיין אויפכאַפּען זיך, און אין וועלכען עס נעהמט אַנטהייל אַ פּערזאָן, וואָס האָט אַן אמת פרויענצימערשען קול און איז דאָך אַ מאַנסביל, ווייל די פּערזאָן, פיהרט עפּעס געשעפטען און לאַדעט זיך, אַ פּערזאָן וואָס זאָגט דער מאַמען דו און איז אַזוי אָרים אַז זי קען אפילו ניט דינגען אַ פוהר, — ווי אינטערעסאַנט דער שמועס איז געווען פאַר מיר, האָבען זיך דאָך מיינע אויגען גענומען קלעפּען און איך בין אין סאַמע מיטען איינגעשלאָפען מיט אַ רוהיגען קינדערשען שלאָף.

.2

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז אין צימער געווען פינסטערלאָך, אָבער די עטליכע שטראַהלען וואָס האָבען זיך פער׳גנב׳עט אַהער דורך די פערמאַכטע לאָדענס האָבען געזאָגט, אַז דרויסען איז שוין גרויסער טאָג. די אייוועגס, וואָס האָבען זיך נאָך ניט פערנאַנדערגעברענט, האָבען געהאַלטען דעם צימער האַלב אין קעלט. איך האָב זיך שטייפער איינגעדרעהט אין דער קאָלדרע און געבאָרעט זיך מיט׳ן זיסען, פריהמאָרגענדיגען שלאָף.

מיינע געדאַנקען זיינען געווען אין אַ האַלב קלאָרען צושטאַנד, אָבער דאָס האָט געדויערט נאָר אַ קורצע וויילע און באַלד איז מיר אַרויף אויפ'ן זינען דער גאַנצער שמועס, וואָס איך האָב אונטערגעהערט ביינאַכט.

— האָב איך דאָס געהערט אין חלום אָדער אין וואָר? איז מיר איבערגעלאָפען דער ערשטער געדאַנק, און איך האָב זיך איבער איהם פערטראַכט. די גאַנצע סצענע פון מיין ערוואַכען ביינאַכט איז מיר געשטאַנען אַזוי פריש אין מאַרד, דער אונטערגעהערטער שמועס האָט מיר אַזוי געקלונגען אין די אויערען, אַז איך האָב עס בשום אופן ניט געקענט אַננעהמען פאַר אַ חלום. נאָר ווער קען דאָס זיין אַזוי נאָהענט בעקאַנט מיט דער מאַמען, אַז ער זאָל איהר זאָגען: „דו" און ניט האָבען אויף אַ פוהר? דאָס קען אין וואָר בשום אופן ניט זיין; און ווידער קען אַ מאַנסביל האָבען אַזאַ זיסען ווייבערישען קול?

אַ קורצע וויילע בין איך אַזוי געלעגען און געטראַכט און האָב בעשלאָסען, אַז דאָס איז ניט קיין חלום. איך האָב די קאָלדרע אונגעדולדיג אַראָפגעוואָרפען און גענומען זוכען מיט די אויגען מיינע קליידער. זיי זיינען לעבען מיר ניט געווען.

איך האָב מיט די פים גענומען פויקען איבער דער ווייכער פערענע און שרייען אויפ'ן קול, אַז עמיצער זאָל אַריינקומען, אָבער קיינער האָט מיר ניט געהערט.

מיין געדולד האָט געפלאַצט, און איך בין אַראָפגעשפרונגען פון בעט אַ באָרוועסער, אַ נאַקעטער און גענומען קלאַפען אין טהיר און רופען די דיענסט.

— איך געה, איך געה! וואָס ברענט דאַרטען אַזוי? אַ בייזע איילענים! האָט די דיענסט געשריען פון יענער זייט טהיר.

— וואָס קענסטו ניט שלאָפען נאָך אַ שעה? אַזוי פריה! האָט זי גערעדט צו מיר בייז, אַריינקומענדיג אין מיין צימער. געהערט? ניט קיין נאַכט און ניט קיין טאָג! קיין מינוט מנוחה לאָזט מען ניט.

פון איהרע לעצטע ווערטער האָב איך שוין פערשטאַנען, אַז מיר האָבען אַ גאַסט און טאַקע אַזאַ, וואָס געהט אין אַזעלכע פרעסט

צו־פוס, ווארום געוואוינליך איז זי געווען צופריעדען פון געסט, און וואָס דער גאַסט איז געווען רייכער, אַלץ גרעסער איז געווען איהר צופריעדענהייט.

אונזער דיענסט איז געווען אַ ווייבעל פון אַ יאָהר פינף און דרייסיג און איז צו אונז איבערגעגאַנגען גלייך נאָך איהר מאַנ'ס טויט. זיי האָבען געהאַלטען די קרעטשמע ניט ווייט פון אונזער הויף און איז נאָכ'ן טויט געבליבען עלענד ווי אַ שטיין, אָהן קינדער, אָהן רינדער, אָהן אַ קרוב, אָהן אַ גואל, אָהן אַ גראָשען געלט ביים לייב און זעעל, מיט איין ווייסע ציג נאָך ירושה. אויפגעהאָדעוועט אויפ'ן דאָרף, האָט זי זיך פאַר דער שטאָדט זעהר געשראָקען און האָט געבעטען דער מאַמען, זי זאָל איהר צונעהמען צו זיך, נאָר מיט דער ציג האָט זי זיך בשום אינו אופן ניט געוואָלט שיידען און איז צו אונז איבערגעגאַנגען צוזאַמען מיט איהר, פאַר וואָס זי האָט בעקומען דעם נאָמען „יאַכנע מיט די ציג“. איהר לשון איז געווען זעהר גראָב, דעם ריש האָט זי ארויסגערעדט זעהר האַרט און איהר אידיש האָט געקלונגען מעהר גויש. דעם איינדרוק האָט זי געמאַכט פון אַ אידישע פויערטע אדער פון אַ גויע, וואָס קען רעדען אידיש.

יאַכנע האָט זיך גערעכענט פאַר אַ שטוביגע, האָט געזאָגט דער מאַמען דו און געזאָגט איהר דעה אומעטום. פון רייכע געסט איז זי געווען צופריעדען ניט צוליעב דעם, וואָס פון אַזעלכע פאַלט אַריין אַ רייכע „דזשעסנע“ — פאַר איהר האָט געלט געהאַט אַ קנאַפּע ווערדע, זי האָט מיט דעם ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן, נאָר אַלץ אַ שטוביגע האָט זי גערעכענט, אַז דער כבוד פון רייכע געסט פאַלט אויף איהר חלק אויך, און אַזוי ווי זי איז געווען צופריעדען מיט רייכע געסט, אַזוי אונצופריעדען איז זי געווען מיט אַרימע. נאָר מחשבות'ן היינטיגס מאָל האָט איהר אונצופריעדענהייט מיט'ן נייען גאַסט געהאַט אַ טיפערען וואַרצעל, נאָר דאָס האָב איך ערפאַהרען שפּעטער.

יאַכנעס אונצופריעדענהייט איז געווען זעהר שטאַרק, צו שטאַרק פאַר אַן אַרימען גאַסט. אַזאַ אונצופריעדענהייט האָט זי ניט אַרויסגעוויזען זייט איך האָב איהר געקענט. אפילו דעמאָלט

ווען דער פאָטער האָט אָנגענומען אַ פּאָדראַד צושטעלן שטיינער צום שאָסע, און די מוטער האָט נביאות געזאָגט, אַז ער וועט דערביי צולעגן דעם קאָפּ, ווייל דאָס איז אַ בלינדע זאַך פאַר איהם, און יאַכנע האָט געהאַלטן דעם פאָטערס צד און האָט ניט אויפגעהערט צו מוסר'ן די מאַמען, פאַר וואָס זי מישט זיך אין מאַנסבילשע עסקים און די קליגסטע ווייבעל איז מעהר ניט ווי אַ ווייבעל און אַז דער פאָטער טהוט, מסתמא ווייס ער, וואָס ער טהוט, און זי דאַרף ניט אויסלעגן צום שלעכטען; און אַז דער פאָטער האָט זיך, ווען דער פּאָדראַד האָט זיך געענדיגט, אומגעקעהרט אַהיים און בעוויזען אַ קלאָרען רעכנונג, אַז ער האָט ביי דעם פּאָדראַד געקענט פערדיענען פיינע עטליכע טויזענד, נאָר דער פּונקט איז געווען זעהר אַ שלעכטער און אַרבייטער האָבען געקאָסט אַ סך טייערער, ווי מען האָט געקענט רעכענען און... און ער האָט „בעשטאָט“ אַ פּאָר טויזענד; — דעמאָלט איז יאַכנע געווען אונצופריעדען. טענות האָט זי געהאַט און דוקא צו דער מאַמען. עס איז אויסגעקומען, אַז די מאַמע מיט איהר אויסלעגען צום שלעכטען האָט דאָס אָנגעמאַכט. זי האָט זיך אין אַזאַ בייזע שעה אויסגערעדט און ווידער איז דאָס גאָר ניט אַזאַ געוואַלד, אַ מאַנסביל איז אויף דעם אַ מאַנסביל, אַז ער זאָל מאַכען געשעפטען און אַמאָל צולעגען אויך, פאַר וואָס ניט? און קיין גוטס קען קיין מאָל ניט אַרויסקומען, אַז ווייבער זאָגען אַ דעה...

די מאַמע האָט פון איהר אַלץ אויסגעהערט געדולדיג און איז ניט בייז געוואָרען און קיין וואָרט ניט געענטפערט. איבריגענס, יאַכנע האָט אין אַזעלכע פעלע קיין מאָל ניט גערעדט גלייך צו איהר. זי פלעגט זיך שטעלען ניט ווייט פון טהיר, קוקען אויף דער וואַנט און רעדען, און עס איז גיכער אויסגעקומען, אַז זי רעדט צו דער וואַנט, איידער צו אַ לעבעדיגער פּערזאָן.

אויב ביי מיר איז נאָך פערבליבען אַ צווייפעל מכח דעם גאַסט איז ער מיר קלאָר געוואָרען, ווען יאַכנע האָט מיר גענומען אָנטהאָן די זאָקען. געוואוינליך פלעגט זי די זאָקען איבערקעהרען אויפ'ן לינקען זייט, איבערלאָזען נאָר אַן אָרט פאַר די פינגער פון פוס און דערנאָך אַרויפציהען גרינג, איצט האָט זי גלייך גענומען

שפּאַרען מיינע פּיסלאַך אין די זאַקען און שטופּען זיי מיט גוואַלד אַהין. און אַזוי ווי איך בין גלייך פאַרפאַהרען מיט די פינגער אין פּיאַטע אַריין, האָט זי מיר גענומען דרעהען די פיס און רייסען די זאַקען אַזוי שטאַרק, אַז ביי אַן אַנדער צייט וואָלט איך פון צור־להכעיס פאַרטריבען ערגעץ איהר ציג און געזעצט זיך אויף איהר רייטען — קיין ערגערער צור־להכעיס האָט פאַר יאַכנען ניט געקענט געבען, וואָרים נאָך מיר האָט זי מעהר פאַר אַלץ ליעב געהאַט איהר ציג — איצט אָבער בין איך געווען ווייט פון אַזעלכע געדאַנקען. איך האָב זיך אפילו ניט געבריקעט און געפרעגט איהר ווייך:

— ווער איז נעכטען צו אונז געקומען?

— ווערר? זי! האָב איך בעקומען אַן ענטפער.

— ווער „זי“ — אַ פרויענצימער? האָב איך געפרעגט פאַרוואונדערט.

— וואָס זשע איז זי — אַ מאַנסביל? האָט יאַכנע געענטפערט מיט כעס.

— ווער איז זי? האָב איך געפרעגט אונגעדולדיג.

—ווער איז זי? געהערט? זי די יאַבעדניצע.

און איצט אַז איך האָב שוין געוואוסט, אַז זי איז די יאַבעדניצע האָב איך אַלץ ניט געוואוסט, ווער זי איז. איך האָב קיין לאַנגע שהיות ניט געמאַכט ביים אָנטהאָן, האָב זיך גיך אָבגעפאַרטיגט מיט'ן וואַשען און געלאָזט זיך לויפען צום עס־צימער.

אין עס־צימער זיינען די פענסטער געווען דיק פאַרפרוירען און דאָס ליכט, וואָס האָט אַריינגעשיינט פון דער פריהמאָרגענדיגער זון, איז געווען אַן אומעדיגע. פאַר'ן קיילעכדיגען טיש זיינען געזעסען דער פאָטער און די מוטער און אַן אונבעקאַנטע פּערזאָן. די פּערזאָן איז געווען אַ פרויענצימער. איך בין געבליבען שטעהן ביים שוועל און ניט געקענט אַ ריהר טהאָן זיך ווייטער. דער ערשטער איינדרוק, וואָס זי האָט אויף מיר געמאַכט איז געווען אַ שרעקענדיגער. זי איז געזעסען צום טיש מיט אַ זייט און געהאַלטען אַ גלאָז טהיי אין איין האַנט און אַ לעדיגע שעלכעל אין דער צווייטער. אַ לאַנגער שטעקען איז געלעגען אָנגעשפּאַרט אויף איהר

שוים און עס קען זיין אַז דעם ערשטען איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט גיכער דער שטעקען איידער זי אַליין.

זי איז געזעסען ביים טיש מיט'ן גלאָז טהיי אין דער האַנט און געקוקט עפּעס אויף אַ פּינטעל אין דער לופט. נאָר דער קוק איז געווען אַ גלעזערנער, דאָס הייסט זי האָט פאַר זיך קיין זאַך געזעהען. ביי מיין אַריינטרעטען אין צימער, האָט זי לאַנגזאַם אָבגעקעהרט דעם קאָפּ אין מיין זייט, געשענקט מיר אַ שמייכעל און צוגערופען צו זיך.

— דאָס איז אַ מוהמע! האָט די מאַמע מיר פאָרגעשטעלט דעם גאַסט. געה צו!

די לעצטע בעמערקונג האָט די מוטער געפונען פאַר נויטיג צו צוגעבען, זעהענדיג, וואַרשיינליך, מיין בלייבען שטעהן ביי דער טהיר אין אַ צושראָקענער פּאָזע. איך האָב געפאָלגט, בין צוגעגאַנגען צו איהר, און זי האָט אַרויסגעלאָזט דאָס גלאָז און שעלכעל פון די הענט און האָט מיר אַ קוש געטהאָן אין שטערן. דערביי האָבען איהרע אויגען, שוואַרצע ווי קייהלען און ברענענדיגע אַ קוק געטהאָן אויף מיר ווי מיט רחמנות, און זי האָט אַ זיפץ געטהאָן.

איך בין געבליבען אַ וויילע שטעהן לעבען איהר. די טויטע שטילקייט אין צימער האָט נאָך פערשטאַרקט מיין פערלעגענהייט. קיינער האָט אַ היבשע וויילע קיין וואָרט ניט גערעדט און עס האָט זיך געהערט יעדער שלונג טהיי, וואָס יעדער האָט געטהאָן. איך האָב אויף איהר אַ גע'גנב'עטען קוק געטהאָן: איהר געזיכט איז געווען בלייך אַהן אַ שפּרינקעל בלוט און דורכזיכטיג. נאָר די ווייסקייט האָט פערטראָגען צו אַ מאַטקייט. דאָס שוואַרצע זיידענע טיכעל אויפ'ן קאָפּ, וואָס איז איהר געווען פערבונדען אונטערן קין־באַק מיט צוויי שפּיצען צו די אַקסעל, האָט נאָך מעהר פערשטאַרקט איהר בלייכקייט. איהרע הענט זיינען געווען שמאָלע מיט לאַנגע פינגער און די בלויע אָדערן האָבען זיך אויסגעלעגט אין לאַנגע ליניעס.

ווען איך בין איצט לעבען איהר געשטאַנען, איז איהר געזיכט געווען גלאַט אַהן אַ מינדסטען קנייטש, און זי האָט אויסגעזעהען

פון אַ יאָהר זעקס — זיבען און דרייסיג. די מוטער האָט מיר אָנגעגאָסען טהיי און בעוויזען אויף אַ שטוהל און איך האָב זיך שטיל אַנידערגעזעצט און געהאַלטען זיך מיט'ן טהיי, ווייל טרינקען האָב איך ניט געקענט, אזוי שטיקענד האָט געשיינט צו זיין די לופט אין צימער. אַ זופ פלעג איך נאָר טהאָן דעמאָלט, ווען דער מוהמעס בליק פלעגט זיך ווענדען אויף מיר. די מאַמע האָט די גאַנצע צייט אויף מיר קיין קוק ניט געטהאָן, און דאָס האָט מיר שטאַרק געוואונדערט, ווייל אויף מיין עסען פלעגט די מאַמע אַליין השגחה געבען און ניט פערלאָזען זיך מיט דעם אויף קיינעם. די מאַמע האָט זיך עפעס איינגערעדט אַז פון עסען וויל איך זיך שטענדיג אַרויסמאַכען, פונקט ווי איך וואָלט געקענט לעבען אָהן דעם, און מען מוז שטעהן איבער מיר און רוקען מיר יעדען ביסען אין מויל.

— געהט היינט פון אונז אַ פוהר ערגעץ? האָט די מאַמע ענדליך איבערגעריסען די שטילקייט.

— אין זאַסמינקע, האָט דער פאַטער געענטפערט קורץ.

דער פאַטער האָט זיך עפעס געפיהלט זעהר ניט גוט. ער האָט די גאַנצע צייט ניט אַראָפגענומען די אויגען פון זיין גלאָז טהיי און איז געזעסען ביים טיש ווי פון דרך ארץ וועגען. ער האָט אַ וואָרט ניט אַרויסגעבראַכט פון מויל, נאָר עטליכע מאָל האָט ער אַ לייכטען הוסט געטהאָן, ניט עפענענדיג דערביי דאָס מויל, אזוי ווי חזנים אָדער זינגער טהוען דאָס רוב, איידער זיי פרובען דעם קול. דער הוסט האָט געהאַט אזוי פיעל צו זאָגען, ווי: איך בין דאָ, איך זיץ ביים טיש און אויב איך נעהם ניט אַנטהייל אין געשפרעך, איז דאָס נאָר דערפאַר וואָס דער קול דיענט מיר ניט.

און דער קול האָט איהם טאַקע ווי עפעס ניט געדיענט. זיין קורצער ענטפער איז געווען אזוי טרוקען, אַז איך האָב, ניט ווילענדיג, אַ וואָרף געטהאָן אַ בליק אויפ'ן גאַסט: מיר האָט עפעס געדוכט, אַז דער קול דאַרף איהר בעלעדיגען. נאָר זי איז געזעסען רוהיג, פונקט ווי ניט איהר מיינט מען.

די מוטער, אַזוי ווי וועלענדיג פערענטפערן דעם פּאַטערס טרוקענקייט, האָט בעמערקט מיט זעהר אַ ווייכען קול:

— נו, עס וועט קיין בייז ניט זיין צו טרייבען די פוהר אַ פּאָר מייל ווייטער. און ווי ועסטו דערנאָך טהאָן? האָט די מוטער בעמערקט און געווענדט זיך צו דער מוהמען.

— ווי וועל איך דערנאָך טהאָן? האָט די מוהמע געענטפערט, ציהענדיג יעדען וואָרט און דערביי האָט זיך ווי אַ ביטערער שמייכעל, קוים קוים צו מערקען געלעגט אַרום איהר מויל, און אַ פּאָר קליינע קנייטשען האָבען זיך בעוויזען אויף איהר שטערען. — ווי וועל איך דערנאָך טהאָן? אַ נאָווינע דעם אידען קוגעל צו עסען? אָדער איך וועל געהן ווייטער צופוס, אָדער איך וועל אָנטרעפען אַ פוהר.

די מאַמע האָט אַרויסגעלאָזט אַ שטילען זיפץ, און אויפ׳ן פּאַטערס שטערען האָט זיך אויסגעשפּרייט אַזאַ געדיכטער וואָלקען, אַז איך האָב געמיינט, ער וועט אונז אַלעמען איינשלינגען מיט׳ן טיש צוזאַמען.

— ווען ווילסטו פאָהרען? האָט די מאַמע געפרעגט.

— איך וויל טאַקע גלייך, האָט די מוהמע געענטפערט. — איך בין שוין דריי וואָכען פון דערהיים.

— געה, הייס שפּאַנען די פערד, האָט די מאַמע געזאָגט צום פּאַטער.

דער פּאַטער האָט זיך שטיל אויפגעהויבען פון אָרט און איז אַרויסגעגאַנגען.

— און וואָס דענקסטו צו טהאָן ווייטער? האָט די מוטער געפרעגט.

— איך וועל ווייטער געהן „אהין“. שלאָפען וועל איך ניט.

— וואָס האָסטו צו טהאָן ווייטער? ער האָט דאָך דיר געזאָגט, אַז עס איז גאַנץ איבריג צו ברעכען דיינע ביינער און מאַטערען דיינע פיס.

— אַה, איהם איז דאָס גרינג צו זאָגען, איהם טהוט ניט וויה, מיר אָבער טהוט דאָס זעהר וויה.

איך האָב איצט אויף איהר אַ קוק געטהאָן פון אונטערן

שטערן: אין דער מינוט איז זי עלטער געוואָרען אויף עטליכע יאָהר. איבער’ן שטערן האָבען זיך צולעגט לאַנגע קנייטשען. פון איהרע אויגען האָבען געשפּריצט פונקען.

— די פערד זיינען שוין לאַנג געשפּאַנט. האָט דער פאָטער. אַריינקומענדיג געזאָגט מיט אַ טויבען קול.

די מוהמע האָט זיך אויפגעהויבען פון שטוהל. זי איז געווען הויך געוואַקסען מיט אַ שענע פּאַסטאַציע. זי האָט דעם שטעקען אָנגעשפּאַרט אָן טיש, צונויפגעלעגט די הענט אין קולאַקעס און אַ קנאַק געטהאָן זיי אַזוי, אַז אַכט פינגער האָבען זיך אויסגעקנאַקט פאַר איין מאָל, האָט אָבגעטרעסעלט די קלייד פון פּאָרענט, בעדאַנקט פאַר גאַסטפריינדליכקייט און איז מיט’ן שטעקען אין האַנט אַרויס אין קאָרידאָר. די מאַמע איז איהר נאָכגעגאַנגען ביז’ן גאַנעק און איך האָב פון פענסטער געזעהן, ווי זי איז אַריינגעגאַנגען אין שליטען אין אַן אָבגעטראָגענעם פוטער, וועלכער, ווי עס האָט געשיינט, האָט געזעהן אַמאָל גוטע טעג. נאָר די צייט האָט אויף איהם אַרויפגעלעגט איהר האַנט און דאָ אַ ריב געטהאָן, דאָרטען אַ פלעק געמאַכט, דאָ אַ ריס געטהאָן און פערלעגט מיט אַ לאַטקע און דאָרטען אויסגעמוליעט. זי האָט זיך פון וואָגען פערנייגט צו דער מוטער, און די לעצטע האָט איהר געהייסען געריסען די קינדער, און דער שליטען האָט אַ שניט געטהאָן דעם איינגעפרוירענעם שניי, די גלעקלאַך האָבען אָנגעהויבען צו קלינגען. באַלד האָט איין הונט, אַ צווייטער אַ ביל געטהאָן און אָנשוויגען געוואָרען.

די מוטער איז באַלד אַריין אין שטוב און האָט אָנגעהויבען בעל־הבתי’שען. איך האָב געזעהן, אַז זי זוכט אַרבייט פון אונטער דער ערד: דער פאָטער האָט זיך אויך געפּאָרעט און פאַר וואָס עפּעס געריסען אַ נאָגעל פון וואַנט. קיינער האָט אַ וואָרט ניט גערעדט: אין שטוב האָט זיך געפיהלט די זעלביגע דריקענדע לופט, וואָס פריהער. דעם גאַסט’ס אָוועקפאָהרען האָט קיינעם ניט גרינגער געמאַכט. אַלע זיינען אַרומגעגאַנגען ווי — תשעה באב — אויף אַ בית הקברות. און דאָס האָט אין מיינע אויגען צוגעגעבען נאָך מעהר שרעק דעם בילד פון דער פערשווונדענעם גאַסט.

— ווער איז זי? פאַר וואָס זיינען אַלע אַזוי צורודערט? פאַר וואָס גיט ניט די מאַמע אפילו אַ קוק אויף מיר? די פראַגעס האָבען זיך געפּלאָנטערט איינע נאָך דער צווייטער אין מיין קעפּעל און איך האָב ניט געפונען קיין תירוץ. א היבשע וויילע האָב איך מורא געהאַט צו עפענען דאָס מויל און א ריהר צו טהאָן זיך. ענדליך האָב איך ניט אויסגעהאַלטען און אויף די שפּיץ פינגער צוגעגאַנגען צו דער מאַמען און געפרעגט איהר שטיל:

— ווער איז זי?

— א מוהמע, האָט זי געענטפערט קורץ און שאַרף, און איך האָב פון איהר טאָן פערשטאַנען, אז עס איז בעסער ניט צו רעדען לאַנג.

איך האָב איבערגעלאָזט מיין גלאָז טהיי מיט'ן פרישטאַק אויפ'ן טיש און אַרויסגערוקט זיך פון עס־צימער. איך האָב זיך מיט א פרייערען מוטה געלאָזט גלייך אין קיך. יאַכנע האָט געבראַזגעט מיט די כלים, א סימן אז זי איז גוט אין כעס.

— זאָג מיר, ווער איז די יאַבעדניצע? האָב איך איהר געפרעגט, ווי מיר האָט געדוכט, אויף איהר לשון, כדי צו מאַכען איהר ווייכער.

— דיין שעהנע קרובה!... די מאַמע דאַרף זיך טאַקע מיט איהר פרעהען!... עסען וואָלט איך איהר געגעבען!... א פערד פאַר איהר געטריבען!... איך וואָלט זיך טאַקע צוזאָגט!... אין דער וועלט פאַרלויפט ניט אַזאַ אַקציע!... האָדעווען אַ דם שונא אויף מיין אייגען בלוט, אויף מיין איינציג קינד... אונשולדיג עופ'עלע מיינע! האָט זי זיך געווענדעט צו מיר און געשאַקעלט אויף מיר מיט'ן קאָפּ. — דיין מאַמע וואַרעמט מיט איהרע הענט דעם שלאַנג, וואָס וועט דיר א ביס טהאָן...

—וואָס באַלבעסטו? האָב איך אַ געשריי געטהאָן און א טאָפּע געטהאָן מיט'ן פוס אונגעדולדיג. — זאָג מיר ווער איז זי?

— איך באַלבע, אודאי באַלבע איך! שטעהענדיג געזאָגט געוואָרען, וואָס איך פערשטעה שוין, אַלטער נאַר! אז דער הענט־ניט־געוואַשענער האָט ביי מיר צוגענומען מיין מאַן, אַלע־שאַלעם. און האָט מיך געמאַכט פאַר אַ וויסטע אלמנה, און האָט מיך גע־

מאַכט אויס בעל הבית'טע, האָט ער ביי מיר דעם שכל אויך צוגענומען. פריהער, נישקשה, איז יאכנע געווען א קלוגע ווייבעל און...

און דאָ האָט יאכנע אָנגעהויבן אויסצולעגן א לאַנגן צעמעל, אויסרעכענען צום טויזענטן מאָל איהרע זכות אבות, דערצעהלען די גליקען פון איהר פערשטאָרבענעם מאַן, און איך האָב אויסגעצייכענט געוואוסט, אז איהר לייענים וועט קיין סוף ניט נעהמען און וועט קיין ענטפער ניט געבען אויף מיין פראַגע, און איך בין באַלד ארויס פון קיך, איבערלאָזענדיג איהר טענהן צו זיך אליין, און וואָס זי האָט טאַקע געטהאָן מיט גרויס התמדה, ווייל לאַנג, לאַנג האָב איך געהערט איהר וואָרטשעדיגען קול.

איך האָב זיך, ווי דער שטייגער איז פון קליינע קינדער, באַלד בערוהיגט, האָב ארויסגענומען מיין שליטעל פון שטוב און בין אוועק צום באַרג זיך גליטשען.

נור דער מוהמעס בילד איז מיר פון זכרון ניט ארויס.

3.

עטליכע טעג נאָכ'ן גאַסט'ס בעזוך איז מען אין שטוב ארומגעגאַנגען ווי שאָטענס. קיינער האָט א וואָרט ניט גערעדט, אויסער יאַכנע וואָס האָט ניט אויפגעהערט צו וואָרטשען און צו שליידערן זיך. דעם ערשטען טאָג איז דער מיטאָג געווען אזוי פערברענט, אז צום טיש איז כמעט ניט געווען וואָס צו דערלאַנגען. נור אויסגעקומען איז, ווי געוועהנליך, אז מען דאַרף איהר אויסצאָהלען א רעסטע. איהר גאַנצע בלאָזענים איז געווען נאָר אויף דער מאַמען. צום פאָטער האָט זי גאָר ניט געהאַט.

דאָס שטילע ארומגעהען פון די שטוביגע האָט אויף מיר געמאַכט אזא שטאַרקען איינדרוק, אז איך האָב מורא געקראָגען צו מאַכען א צופעסטען טריט און איך האָב גענומען געהן אין שטוב, ווי איך וואָלט אויפגעשטאַנען פון א קראַנקהייט.

יאַכנעס ווערטער, אז די מאַמע וואָרעמט א שלאַנג, וואָס וועט מיר א ביס טהאָן, זיינען מיר אריין טיעף אין זינען, כאָטש לכתחילה האָבען זיי אויף מיר קיין רושם ניט געמאַכט. איך האָב איהר פיעל מאָל דעריבער געפרעגט, נאָר שטענדיג האָט זיך געענדיגט דערמיט.

וואָס זי האָט מיר גענומען אויסרעכענען איהרע זכות אבות און איך פלעג פון איהר אוועקגעהן מיט גאָר ניט. און אויסער יאַכנען האָב איך ביי קיינעם ניט געהאַט צו פרעגן.

אין עטליכע וואָכן אַרום איז אין שטוב געוואָרען ווי פריהער. די שרעקעדיגע שטילקייט איז פערשוואונדען געוואָרען. יאַכנע האָט אויפגעהערט צו וואָרטשען און פון גאַסט'ס וויזיט איז קיין זכר ניט געבליבען. נאָר איך האָב איהר ניט פערגעסען און געטראַכט פון איהר ביי טאָג און געזעהן איהר עטליכע מאָל אין חלום ביי נאַכט.

ענדליך האָט זיך געמאַכט אַ געלעגענהייט, וועמען אויסצופרעגען וועגען דער מוהמען. אין אַ שעהנעם, קאַלטען פריהמאָרגען האָט מיר די מוטער געזאָגט; אַז זי פאָהרט אין שטאָדט און, אויב איך וויל, וועט זי מיך מיטנעהמען. נאָר איך זאָל קיין שהיות ניט מאַכען.

אַז איך האָב געוואָלט, איז קיין פראַגע ניט, דאָס פאָהרען אין שטאָדט איז שטענדיג געווען אַ יום־טוב פאַר מיר, איבערהויפּט נאָך צו דער באַבען. יאַכנע האָט מיר גענומען אויסריכטען אין וועג, נאָר מיר האָט געדוכט, אַז זי טהוט איהר אַרבייט זעהר לאַנגזאַם און די מוטער וועט זיך אויף מיר ניט דערוואַרטען און וועט אַליין אַוועקפאָהרען, און איך בין אַלע ווײַלע צוגעלאָפען צום פענסטער צו זעהן, אויב דאָס שליטעל שטעהט נאָך פאַר'ן גאַנעק. כאָטש געוואוסט האָב איך זיכער, אַז די מוטער דרעהט זיך איצט אַרום די שאַפעס און איז נאָך ניט פאַרטיג מיט איהר טואַלעט.

די שטאָדט איז געווען ניט ווייט. דאָס שליטעל האָט זיך געטראָגען איבער'ן אויסגעפאָהרענעם שניי־וועג, ווי איבער אַ גלאַטען אייז, צייטענווייס. ווען דער וועג איז געווען זעהר ברייט און גלאַט, האָט עס זיך אַ גליטש געטהאָן איבער'ן גאַנצען ברייט, ביז עס האָט זיך אָנגעשלאָגען אָן דער האַרטער שנייאיגער זייט וועג און אַ דרעה געטהאָן זיך צוריק. אין אַזעלכע פעלע פלעגט די מוטער מיך אָנכאַפּען און צוהאַלטען פעסט. ביז דאָס שליטעל פלעגט צוריק אַריין אין קאַליע, און איך פלעג אויסשיסען אין אַ געלעכטער פון געדאַנק, אַז איך מיט דער מאַמען קענען מאַכען אַ

„קעז“ אין שניי. אַרום איז געווען שטיל, דער גערויש פון דעם געטראָטענעם שניי איז פערשטאַרבען אונטער׳ן שליטעל און די לופט אויבען איז געווען ווי פערגליווערט, און זעלטען האָט איהר א דורכגעשניטען דאָס הירזשען פון פערד און דאָס קרעכצען פון א וואָראָנע, וועלכע, דערזעהענדיג אונז פון א בוים, האָט זיך אויפגעהויבען פון די צווייגען און ביי איהר אַוועקפליהען פערשאָטען אונז די אויגען מיט א שטויביגען שניי. דאָס שליטעל האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבען דער באָבען.

איך האָב געהאַט צוויי באָבעס. די, צו וועלכע מיר זיינען איצט צוגעפאָהרען, איז געווען דער מאַמעס מוטער, זי איז געווען א הויכע, שלאַנקע פרוי און זעהר יונג פאַר א באָבען. זי האָט אויסגעזעהן ניט פיעל עלטער פון דער מאַמען און מען האָט זיי גיכער געקענט אָננעהמען פאַר צוויי שוועסטער, איידער פאַר א מוטער מיט א טאָכטער. די דאָזיגע באָבע האָב איך ליעב געהאַט און צו איהר בין איך געפאָהרען מיט פערגניגען. און, פערקעהרט, די צווייטע באָבע, דעם פאָטער׳ס מוטער, האָב איך פיינט געהאַט און געוויכט פון איהר ווי פון פעסט און פאַר איהר מאַן, דאָס הייסט מיין זיידען, האָב איך מורא געהאַט ווי פאַר פייער. די לעצטע האָבען געוואוינט ווייט פון אונז, און איך בין ביי זיי געווען נאָר איין מאָל, און דאָס איז געווען איבער גענוג. דער איינדרוק פון יענער רייזע לעבט נאָך עד היום אין מיין זכרון און וועט וואַרשיינליך קיין מאָל ניט אויסגעוועבט ווערען. איך געדיינק, אַז א לאַנגע צייט פריהער האָט מען געשמועסט וועגען דער רייזע, דער פאָטער האָט אַלץ גע׳טענה׳ט אַז מען דאַרף ניט „פערדאַרבען“ און די מוטער מוז כאָטש איין מאָל פאָהרען, און זי האָט אַלץ ניט געוואָלט. וואָס מיינט דער פאָטער מיט׳ן פערדאַרבען און פאַר וואָס וויל די מאַמע ניט פאָהרען, האָב איך ניט פערשטאַנען, נאָר מיר האָט דאָס ניט אינטערעסירט. ענדליך האָט זיך די מאַמע גענומען קלייבען אין וועג און האָט געמאַכט גרויסע הכנות דערביי. עס האָט געדויערט א לאַנגע צייט. אַהין זיינען מיר געקומען אויף א יום טוב און אַזוי ווי דאָס איז געווען זומער־צייט און מען האָט

דעמאָלט געגעסן בלינצעס פערשטעה איך, אַז דאָס איז אויסגעקומען שבועות.

יענע באָבע איז אונז אַרויסגעלאָפען אַנטקעגען און פון איהר ערשטען קוש האָב איך דערפיהלט אַ האַס צו איהר: איהר געזיכט איז געווען צוקנייטשט און ביים קושען האָט זי איהר באַק צוגעלעגט צו מיינע, און אויף מיין יונגע ווייכע הויט האָב איך דערפיהלט עפעס אַ שטעכעדיגע בעריהרונג. אָבער דאָס האָט אַרויסגערופען ביי מיר ניט מעהר ווי אַן אונאַנגענעהם געפיהל. מיין שנאה אָבער האָט זיך אָנגעהויבען אַביסעל שפעטער, ווען זי איז געווען ביי אונז צו גאַסט און האָט גענומען אַרויסווייזען אויף מיר געוויסע רעכטע. זי האָט מיר אַמאָל שבת דערזעהן, ווי איך האָב זיך געוויגט אויף אַ הוידע און זי האָט מיך אָהן צערעמאָניעס פון דאָרטען אַרונטערגעשלעפט. אַזאַ גראָבע בעהאַנדלונג און נאָך פון אַ פערזאָן, וואָס טראָגט אַ שייטעל, פאַר די אויגען פון אונזערן אַ שכנ׳ס קינדער, וועלכע האָבען אויף איהר געקוקט ווי אויף אַ „זשידאָווקע“ (איך בין זיך מודה, איך האָב אויף איהר אויך געקוקט מיט אַזעלכע אויגען, ווייל אונזער הויז איז געווען מעהר אָדער ווייניגער אַ פרייע) האָט אין מיר אַריינגעזעצט אַ טיעפע שנאה צו איהר. מיין שנאה איז געוואַקסען, ווען איך האָב איהר געהערט שטראָפענדיג דער מאַמען, פאַר וואָס זי האַלט די טעצלאַך לעבען די פליישיגע געפעס, פאַר וואָס זי לערנט מיך ניט אידישקייט און נאָך ד. גל.

יענע באָבע האָט אונז מיט שמחה אַריינגעפיהרט אין שטוב אָבער ביים עפענען די טהיר פון זאַל, וואו זי האָט אונז גלייך אַריינגעבראַכט, איז זי פלוצים שטיל געוואָרען. פון זאָפע אין זאַל האָט זיך אויפגעהויבען אַ בעיאַהרענטער מאַן אין אַ שלאַפראָק, אין אַ דרייקאַנטיגער יאַרמולקע מיט אַ פרענזיל. איך האָב געדאַרפט פעררייסען ניט נאָר די אויגען נאָר אויך דאָס קעפעל, כדי אַ קוק טהאָן אויף איהם, אַזוי הויך איז ער געווען. געטראָגען האָט ער אַ פאָר ברילען, נור ביי אונזער אַריינקומען האָט ער זיי אַרויפגערוקט אויפ׳ן שטערן און מיר האָט געדאַכט, אַז ער קוקט אויף אונז מיט צוויי פאָר אויגען. געקוקט האָט ער מיט אַ שמייכעל.

און דאָס האָט אַביסעל ווייכער געמאַכט זיין בליק. ער האָט שוין געהאַט אויף די פּלייצעס אַ פּעקעל מיט יאָהרען. נאָר עס האָט געשיינט, אַז די יאָהרען האָבען פאַר איהם מורא געהאַט און האָבען איהם מיט אַ לייכטער האַנט אַ פיהר געטהאָן מעהר פון יוצא וועגען איבער זיין שטערן, האָבען אריינגעשטעקט עטליכע שיווע האָר איז זיין שוואַרצער באָרד און פון אונטער די אויגען עטוואָס ארויסגעכאַפּט. זיינע ברעמען איבער די אויגען זיינען געווען זעהר געדיכטע און ווען ער האָט אַ רונצעל געטאָן דעם שטערן האָבען זיי זיך ווי צונויפגעגאָסען אין איין ליניע. זיין פּאָסטאַציע, זיין בליק, זיין פיהר מיט דער האַנט האָבען ווי געזאָגט: פּאָלג און טהו וואָס מען הייסט.

— דאָס איז אונזער אייניקעל, האָט מיך די באָבע פּאָרגעשטעלט פאַר'ן זיידען.

ער האָט געשטעלט דער מאַמען עטליכע פראַגען אין זעהר אַ ווייכען קול און געצעהלט די ווערטער ווי מען צעהלט געלט. נאָר דאָס שמייכעל איז איהם פון געזיכט, אדער ריכטיגער געזאָגט, פון די אויגען ניט אראָפּגעגאַנגען. דערווייל האָט זיך די טהיר געעפענט און די דיענסט האָט געזאָגט, אַז צוויי ווייבער ווילען איהם זעהן.

— קען איך שוין קיין פּאַר רוהיגע מינוט ניט האָבען ביי מיר אין שטוב? האָט פון ערגעץ אַ דונער געטהאָן און די ווענט האָבען גענומען זיך טרייסלען, אַזוי לכל הפּחות האָט מיר דעמאָלט געדוכט.

מיר האָט זיך בשום אופן ניט געגלויבט, אַז דער, וואָס האָט אַזאַ בנעימות'דיג שטילען קול זאָל קענען אַזוי דונערן, נאָר אַזוי ווי קיין אנדערער, אויסער איהם, וואָס זאָל קענען אַזוי שרייען, איז אין זאָל ניט געווען, האָב איך אויף איהם אַ קוק געטהאָן.

ער איז געזעסען אַזוי רוהיג מיט'ן זעלבען שמייכעל אין די אויגען ווי פריהער. דאָס געשפּרעך מיט אונז האָט לאַנג ניט געדויערט, איבריגענס, איז דאָס געווען מעהר אַ פערהער אלס אַ געשפּרעך. די באָבע האָט לכבוד די געסט געהאַט חשק צו פּערפיהרען אַ לענגערן שמועס. נאָר אַזוי ווי צו יעדען וואָרט פּלעגט זי

א קוק טהאָן אויפ'ן זיידען. איז ווי נאָר זי פּלעגט בעמערקען, אַז ער עפענט דאָס מויל, האָט זי דעם זאַץ אָפּגעהאַקט ביי יענעם וואָרט, עס מאַכט ניט אויס, צו מיט דעם וואָרט האָט זיך ערשט אָנגעפאַנגען אַ זאַץ און צו דער זיידע האָט נאָר געעפענט דאָס מויל אַ גענעץ צו טהאָן. איך האָב געזעהן, אַז דער זיידע איז אַ קעניג אין שטוב און אויף זיין צייכען רעדט מען, אויף זיין צייכען שווייגט מען, אויף זיין צייכען געהט מען, אויף זיין צייכען שטעהט מען. איך האָב געזעהן, אַז ער האָט אפילו אַ רעכט צו שרייען אויף פרעמדע וואָס קומען צו איהם. באַלד נאָך אונזער קומען האָבען איהם איינינגע בעזוכט, צווישען די בעזוכער איז געווען אַ פּוילישער פּריץ, און ער האָט אויף איהם זיך געבייזערט מעהר ווי אויף די אַנדערע.

צו אונז איז ער געווען גאַנץ פריינדליך, ער האָט מיר געלאָזט דרעהען די קוטאַסען פון זיין גאַרטעל, האָט מיר אַ פּאָר מאָל אַ קניפּ געטהאָן אין בעקעל, ביים עסען האָט ער אַ פּאָר מאָל אָנגעוויזען אויף אַ נאַשעריי און ארויסגעזייט צווישען די ציינער: דעם קינד". און כל זמן דאָס שמייכעל האָט זיך געזעהן אין זיינע אויגען, איז ער געווען גאַנץ ליעבליך און איך האָב זיך פאַר איהם ניט זעהר געשראָקען. ווי ער האָט אָבער אָפּגעקעהרט די אויגען אַן אַ זייט און גענומען קוקען פערטראַכט, האָט ער אויף מיר אָנגעוואָרפען אַ שרעק; דעמאָלט האָבען זיך איהם ביי די שלייפען ארום די אויגען אויסגעלעגט קליינע פאַלדעלאַך. די פאַלדעלאַך זיינען געווען אזוי גלייך און אָפּגעשטאַנען אויף'ן זעלבען שמח איינער פון צווייטען, אַז זיי האָבען אויסגעזעהן ווי אַ פּראַלניק, מיט וועלכען מען וואַלגערט גרעט. ווען ער האָט נאָך אזא פערטראַכטען בליק אויסגעשטעלט זיינע אויגען אויף עמיצען האָט געדאַכט אז ער דרינגט מיט זיי אריין אין דער סאַמע טיפענים פון הארצען, נאָר דאָס איז נאָך וועניג, עס האָט געדאַכט, אַז ער געפינט אויס אין הארצען עפּעס שלעכטס און מען דאַרף ערוואַרטען פון איהם אַ פּסק.

ביים טיש צום עסען זיינען אַלע געזעסען ווי שטומע. די דיענסט פּלעגט אריינגעהן אין צימער דערלאַנגען צום טיש ווי א

בארוועסע, וואס געהט איבער גלאז. די באבע איז אויך אזוי געגאנגען. אונטער דער גאנצער צייט פון עסען האט ער עטליכע מאל ארויסגעזייט: „דעם קינד“, און ניט קוקענדיג אויף זיין פריינדליכקייט צו מיר, האב איך ניט געוואגט צו עפענען דאס מויל. איך האב מורא געהאט ער זאל אויף מיר ניט א קוק טהאן מיט זיינע קאלטע דורכדרינגענדע אויגען, ווארים דעמאלט וואלט ער געוואוסט, אז איך וויל פון איהם אנטלויפען וואס גיכער.

איך האב קיינמאל אזוי ניט געקלעפט צו דער מאמען און קיינמאל אזוי ניט געהיט איהר טריט, ווי אין די פאר טעג, וואס כיר האבען דארטען פערבראכט, איבערהויפט, נאך זיינעם א בייזער. דעמאלט האב איך זיך צו דער מאמען געטוליעט און געדרעהט זיך אין איהר פארטוך.

ארויסגעריסען זיך פון דארטען האבען מיר ווי פון א תפיסה. ווי נאר דער יום טוב איז אוועק, האט די מאמע געזאגט דעם זיידען, אז מיר דארפען פאהרען אהיים. ער האט איהר ניט פרובירט פערהאלטען ווייטער, האט ניט געפרעגט, פאר וואס זי איילט זיך אזוי; ער האט נאר געענטפערט „גוט“ און געהייסען שיקען נאך א בעל העגלה.

— אפשר וועט איהר אונז אמאל בעהרען מיט אייערן א בעזוך? — —האט די מוטער געפרעגט, און איך האב ניט פערשטאנען, אז דאס איז פון יוצא וועגען און געוואונדערט זיך, פאר וואס וויל זי די תפיסה ארייגברענגען צו זיך אין שטוב.

— איך? האט ער געענטפערט מיט'ן שמייכעל אין די אויגען. — איך? מיך לאזט צורוה, איך בין נאך קיין מאל פון שטעדטעל ניט ארויסגעפאהרען.

עס האט לאנג ניט געדויערט און די דיענסט האט געגעבען צו וויסען, אז דער בעל העגלה איז שוין דא.

— —און איך האב נאך ניט פערפאקט אלץ, האט די באבע אויסגעשריען פערצווייפעלט. די באבע האט אונז געגעבען מיט זיך מתנות און בעל הבתישקייט.

— נישקשה, הייס איהםווארטען, דעם שייגעץ, האט דער זיידע געזאגט שארף.

— אַלץ איז פאַרטיג! האָט די דיענסט געמעלדעט פון הינטער דער טהיר.

דער זיידע איז מיט אונז צוגעגאַנגען ביז צום שוועל און געבליבען שטעהן ביי דער אָפענער טהיר, אָנגעשפאַרט מיט ביידע גראָבע פינגער פון ביידע הענט אן גאַרטעל פון שלאַפראָק.

— הער, שייגעץ, האָט ער זיך געווענדט צום בעל העגלה. דו זאָלסט זיי אויפן וועג אָפּהיטען ווי דעם שוואַרצאַפעל פון דיין אויג און אויב זיי וועט חלילה עפּעס טרעפען אויפ'ן וועג — זיי וויסען, אז איך וועל פון דיר שינדען פּאַסענווייז!

ביי די לעצטע ווערטער האָט ער אַראָפּגענומען די רעכטע האַנט פון גאַרטעל און גענומען לאַנגזאַם פיהרען מיט'ן צייג־פינגער אין דער לופט. איך האָב אַהן א נשמה א קוק געטהאָן אויפ'ן שייגעץ: ער איז געווען ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי א שייגעץ אידעל, געווים א פופציגער.

— איך וועל זיי, מירצעשעם, בשלום ברענגען, האָט דער בעל העגלה געענטפערט מיט שרעק.

— געדענק. וואָס איך האָב דיר געזאָגט! פּאַ—אַ—סענווייז וועל איך שינדען.

דאָס איז געווען דאָס ערסטע און לעצטע מאָל, וואָס איך האָב איהם געזעהן. און אַזוי מאָלט ער זיך פאַר מיינע אויגען: הויך ווי א ריעז, מיט שאַרפע דורכשניידענדע אויגען, מיט'ן גראָבען פינגער פון דער לינקער האַנט אין גאַרטעל פון שלאַפראָק און מיט'ן רעכטען צייג־פינגער פערריסען און אַרום אין דער לופט איז ווי אָנגעשריבען מיט גרויסע אותיות: „איך וועל פון דיר שינדען פּאַסענווייס."

ווען מיר זיינען אַרויסגעפאָהרען איז דער וועטער געווען זעהר א שעהנער. די האַלבע לבנה האָט מיט א בלאַסע ליכט באַלויכטען דעם וועג, דער הימעל איז געווען קלאָר נאָר זעלטען זיינען געווען צושפּרייט ווייסע שטיקלאך וואָלקען. וואָס האָבען אפילו ניט געקענט דונקעל מאַכען א שטערן. דאָס יונגע גראָז אויף די פעלדער האָט זיס געשמעקט און די לופט איז געווען וואַרעם און לאַסטשענדיג. א זיסע פוילקייט האָט זיך באַלד גענומען פער־

נאָנדערגיסען איבער מיין גאַנצען קערפער און איך האָב איינגעדעמאָלט. אַז איך האָב אויפגעעפענט די אויגען האָב איך שוין דעם הימעל ניט דערקענט: אַ שוואַרצע כמאַרע האָט זיך געשווינד געצויגען אויבען און פערדעקט די לבנה און די שטערן. אַ שטאַרקער ווינט האָט גענומען בלאָזען אונז אַנטקעגען און פערשיטען די אויגען מיט זאַמד.

— אַ שטורם, האָט די מאַמע געזאָגט מיט אַ צושראָקען קול, און תיכף האָבען גענומען פאַלען איינצעלנע גרויסע טראָפען רעגען.

דער ערשטער געדאַנק, וואָס מיר איז איבערגעלאָפען, איז געווען, וואָס וועט זיין מיט'ן בעל העגלה? דער זיידע וועט פון איהם שינדען פאַסענווייז. נאָר לאַנג טראַכטען וועגען דעם האָב איך ניט געקענט, ווייל באַלד האָט זיך דער הימעל געעפענט און אַ שלאַקס רעגען האָט אַ גאָס געטהאָן. פערבלענדענדיגע בליצען האָבען בעלויכטען די גאַנצע געגענד אַרום און קורצע טרוקענע דונערען האָבען פערהאַלושעט די אויערען. עס האָט געדוכט אַז די דונערען מיט די בליצען בעגעגענען זיך נעבען אונז. דאָס פערדעל האָט זיך אַ פאָר מאָל פערנאַנדערגעטראָגען און איך האָב געמיינט, אַז קיינער פון אונז וועט לעבעדיג ניט בלייבען.

דער שטורם האָט געדויערט ניט לאַנג און דער בעל העגלה האָט אונז צוגעפיהרט צו אַ האַלב־פוסטע קרעטשמע. אַהן פענסטער. נאָר אַ קרעטשמער האָט דאָרט געוואוינט. ער האָט זיך ניט לאַנג אַהין אַריינגעצויגען און האָט נאָך ניט אויספייעט אַרומזעהן די הויז. פון אונז האָט געגאָסען ווי פון אַ עמער. די ערשטע ווערטער וואָס דער בעל העגלה האָט געזאָגט, זיינען געווען, אַז מען זאָל מיר געבען אַ ליילעך אָדער אַ קאָלדרע אין וואָס איינצואוויקלען זיך, איך קען זיך נאָך חס ושלום פערקיהלען, אויב איך וועל זיך ניט אויסטהאָן. דערנאָך האָט ער אַ קוק געטהאָן אויף דער מאַמען און אַ קראַץ געטהאָן די פאַטיליצע. דעמאָלט האָב איך דעם קוק ניט פערשטאַנען. נאָר איצט ווייס איך, אַז ער האָט געמיינט צו זאָגען דער מאַמען: דו האָסט דאָס אויך געדאַרפט טהאָן. נאָר דאָ איז אַ שטוב אַהן פענסטער און דו ביזט אַ ווייבעל. — איך ווייס, טהו ווי דו פערשטעהסט.

ווען דער בעל העגלה האָט אונז געבראַכט אַהיים, האָב איך איהם געהייסען ער זאָל דעם זיידען ניט דערצעהלען פון שטורם. ער פון זיין זייט האָט געבעטען דער מאַמען, אַז זי זאָל שרייבען, אַז זי איז געקומען בשלום.

— וואָס בין איך שולדיג? האָט ער זיך פערענטפערט. — איך האָב ניט געקענט וויסען, אַז אַ שטורם וועט אונז אַנכאַפּען.

און אפילו היינט לויפט מיר איבער אַ קעלט איבער'ן לייב, ווען דעם זיידענס בילד שטעלט זיך מיר פאַר די אויגען. זיין ווייב האָב איך ממש פיינט געהאַט, נאָר די באָבע צו וועלכער איך בין איצט געפאָהרען, האָב איך זעהר, זעהר ליעב געהאַט.

אונזער שליטעל האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר דער באָבעס הויז. איך האָב זיך אריינגעקייקעלט אין שטוב ווי אַ גאָר און בין גלייך צוגעלאָפען צו איהר. זי האָט זיך שטאַרק דערפרעהט מיט אונזער קומען און האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טהאָן מיט מיר. די מוטער איז לאַנג דאָ ניט געזעסען, זי איז באַלד אַוועקגעפאָהרען איינקויפען אין די מאַגאַזינען.

די באָבע האָט מיך גענומען אויפ'ן שויס און האָט מיט מיר פערצויגען אַ קינדערשען שמועס און געסטאַרעט זיך פיעל ווערטער ארויסרעדען מיט אַן אויסגעבויגענער צונג, כדי נאָכצומאַכען מיין אויסשפּראַך.

— ווייסט ניט, באָבע, ווער שרה'לע איז?

— שרה'לע? נאַרעלע, איין שרה'לע איז פאַראַן אויף דער וועלט?

— זי איז אַנומעלט געווען ביי אונז צו־גאַסט און יאַכנע האָט געזאָגט, אַז זי הייסט שרה'לע.

— אַ־אַ־אַ, שרה'לע! האָט די באָבע געענטפערט מיט אַ זיפץ. און איהר געזיכט האָט זיך פערצויגען מיט אַ וואָלקען. — זי איז דיינע אַ גליד־שוועסטער קינד, מיינע אַ פלימעניצע.

— פאַר וואָס רופט איהר יאַכנע יאַבעדניצע?

— פאַר וואָס זי לאַדעט זיך, זי פיהרט שוין יאָהרען־יאָהרען לאַנג משפטים.

— מיט וועמען?

— דאס דארפסטו ניט וויסען.

— פאר וואס ?

— אזוי : דו וועסט עלטער ווערען. וועסטו וויסען.

— פאר וואס אבער לארעט זי זיך ?

— פאר וואס ? דאס איז א גאנץ טרויעריגע געשיכטע. האט די באבע געענטפערט, ציהענדיג די ווערטער, און פון איהרע אויגען. וואס האבען אנגענומען א פערטראכטע מינע און פון דעם וואלקען. וואס האט זיך געדיכטער אויסגעלעגט אויף איהר געזיכט. האב איך פערשטאנען, אז אין איהר מארך טויכט אויף א טרויעריגע עראינערונג פון לאנג פערשוואונדענע יאהרען.

איך האב א ווייל̇ע געווארט און געלאזט איהר אויפקלייבען איהרע זכרונות. ענדליך האב איך איהר ווייטער א פרעג געטהאן.

— פאר וואס ?

די באבע האט לאנגזאם אפגעקעהרט איהרע פערטראכטע אויגען צו מיר. און אין דער מאנער האב איך דערזעהן א עהנליכקייט צו דער מוהמע שרה'לע, און צו דער מוטער.

— יע, דערפאר וואס דיין... האט די באבע אנגעהויבען צו ענטפערן און האט זיך באלד אפגעהאקט. — אח, איך וויים שוין גאר ניט וואס איך רייד. האט זי באלד צוגעגעבען : ניט אמת ?...

און דא האט זי אויף מיר א קוק געטהאן מיט יענע רחמנות'דיגע אויגען, וואס איך האב בעגעגענט ביי דער מוהמען און די שטוביגע.

איך בין געווארען צורייצט. דער בליק האט מיך שטארק גערייצט ; ער האט מיר געזאגט, אז אלע ווייסען פון עפעס א סוד. וואס איז נוגע צו מיר און איך טאר דערפון ניט וויסען. איך האב דער באבען א צופ געטהאן פאר'ן ארבעל און געזאגט אונגעדולדיג.

— דערצעהל !

די באבע האט בעמערקט מיין צורייצטקייט און זי האט ארויפגעלעגט איהר צארטע האנט צו מיר אויפ'ן קאפ און גענומען מיך גלעטען. וואס האט מיך אביסעל בערוהיגט.

— וואס איז דא פארהאן צו דערצעהלען ?... דו ווילסט נאך אן אפעלסין ?

— ניין, דערצעהל בעסער.

— גוט, איך וועל דיר דערצעהלען. ס’איז געווען אמאל...

— ניט אזוי, איך זויל ניט אזוי, האב איך זיך אנגעהויבען צו ווארפען. מיר האט עפעס געדוכט, אז זי וויל מיר פעררערדען און הויבט אן איהר ערצעהלונג ניט ווי מען דארף.

— שא, שא! האט זי מיר ווייטער גענומען בערוהיגען און גלעטען איבער’ן קאפ, איך וועל דיר דערצעהלען אנדערש:

— שרה’לע איז אמאל געווען צוגאסט אין א שטעדטעל ביי א שוועגערין, די שוועגערין איז געווען אין א גוטען מעמד. שרה’לע האט דעמאלט אויך געהאט א פיינעם קאפיטאל. ס’איז געווען ניט לאנג נאך איהר מאנ’ס טוידט. דער מאן איז איהר געשטארבען 4 יאהר נאך דער חתונה און האט איהר איבערגעלאזט א פיינעם געשעפט. ער האט געהאנדעלט מיט פרייסען. ער איז געווען א סוחר פון תבואה. און זי האט דאס געשעפט גאנץ פיין געטריבען נאך זיין טוידט. זי איז א בריה א ווייבעל און ווען ניט דאס אונגליק....

די באבע איז א ווייל\u05dcע געבליבען שטעהן. נאר באלד האט זי פארטגעזעצט:

— אז עס איז בעשערט אן אונגליק, וועסטו עם ניט אויסמיידען. האט שרה’לע געדארפט פאהרען אין א פינסטערע, האלב פערווילדעטע שטעדטעל, פרעג פאר וואס? פאר ווען? א פיינעם פערגניגען איז זי געפאהרען זוכען אין אזעלכע ערטער! מען וואלט מיר אפגעשאטען מיט גאלד, וואלט איך אהין ניט פערשמעקט! נו, איז זי געפאהרען צו איהרע א שוועגערין צו גאסט. די שוועגערין האט געהאט א געשעפט, דאכט זיך, מיט... נאר וואס איז די נפקא מינה איך געדענק ניט ריכטיג. איבריגענס, מיר האט דאס וועניג אינטערעסירט, דער עיקר איז אז דעם זעלביגען געשעפט האט דארט אויך געהאט דער ראש הקהל.

— ווער? האב איך איבערגעפרעגט.

— דער ראש הקהל.

— וואס איז דאס אזוינער?

— ראש הקהל — דאס איז, ראש הקהל — דאס איז, ווי זאל

איך דיר זאגן, אזוי ווי א איספראוניק, למשל, אין א שטעדטעל. נאר ער איז דער דעה זאגער מעהר ניט ווי צווישען אידען.

דער ענטפער איז פאר מיר געווען גענוג און איך האב זיך פארגעשטעלט אז א ראש הקהל דארף האבען א רויטע נאז מיט א רויטען אקאלישאק ארום היטעל.

— אזוי ווי זיי האבען געהאט איין געשעפט זיינען זיי געווען שונאים. אין א גרויסער שטאדט, האט מיר די באבע ערקלערט, איז גאר ניט, עטליכע קענען האבען די זעלביגע געשעפטען און אפילו איינעם דעם צווייטען ניט קענען; אין א קליין שטעדטעל אבער איז גאר אנדערש, ביידע פאמיליעס זיינען געווען ווי אויף מעסערס. שרה'לעס שווענגערין האט געהאט א בן יחיד, דאס הייסט געהאט האט זי צוויי זיהן, נאר איינער איז ערגעץ פערפאלען געווארען אין אויסלאנד און דער צווייטער, וואס איז געבליבען אין שטוב, איז דערווייל געווען א בן יחיד. נאר אז מען וויל זיך טשעפען איז דא א פריטשעפקע פארהאן. אויף מארגען נאך שרה'לעס קומען האט מען אויף איהר שווענערינס שטוב געמאכט אן אבלאווע. ס'איז געווען אין מיטען העלען טאג, אין שטוב האבען זיך אריינגעריסען די כאפערס.

— ווער זיינען זיי אזעלכע? האב איך געפרעגט.

— זאלסטו בעסער פון זיי ניט וויסען, מיין קינד, האט די באבע געענטפערט און פארטגעזעצט ווייטער. — האבען זיך אין שטוב אריינגעריסען די כאפערס. דאס איז געווען ניט דאס ערשטע מאל, שטענדיג זיינען זיי אוועק מיט לעדיגען, נאר היינטיגס מאל האבען זיי געפונען דעם זוהן ביים טיש. נאכ'ן אונגליק בין איך מיט שרה'לעס מוטער געפאהרען אהין און מען האט אונז דערצעהלט אלע איינצעלהייטען. זיי האבען דעם זוהן גלייך א נעהם געטהאן. די מוטער האט נאר ארויסגעלאזט א ווילדען געשריי און איז געבליבען זיצען ווי א פערשטיינערטע, מיט אפגענומענע הענט און פיס. שרה'לע האט אפילו קיין צייט געהאט צו כאפען זיך קלאר, וואס דארטען איז פארגעקומען, די דיענסט האט אויסגעשריען און מיט'ן פינגער בעוויזען צום דרויסען:

— אז שטעהט ער, דער גזלן!

ניט ווייט פון שטוב איז געשטאַנען דער ראָש הקהל אַליין. ווי עס ווייזט אויס, האָט ער זיך אויף די כאַפּערס ניט פערלאָזט און האָט השגחה געגעבען פון דערווייטענס, אַז די אַבלאַווע זאָל צוגעהן ראַיעל. שרה'לע האָט אויף דער דיענסט'ס טייטלען מיט'ן פינגער אַרויסגעקוקט פון פענסטער און דערזעהן אַ הויכען מאַן מיט אַ שטעקען אין האַנט.

די באָבע האָט אָנגעהויבען איהר ערצעהלונג אָהן חשק. זי האָט נאָר נאָכגעגעבען מיינעם אַ קאַפּריז. נאָר וואָס ווייטער האָט זי זיך אַליין מעהר אַריינגעצויגען אין דעם און גענומען איבערגעבען מיט מעהר דעטאַלען.

— עס איז געווען אַן אַרבייט פון איין הרף עין. אין איין הרף עין האָבען די כאַפּערס אַרויסגעשלעפּט דעם זוהן פון שטוב און געהאַלטען איהם אין זייערע אייזערנע לאַפּעס.

שרה'לע איז די ערשטע געקומען צו זיך און האָט בעגריפען דאָס גרויס אונגליק, וואָס דאָ האָט פּאַסירט. זי האָט אַ שפּרונג געטהאָן פון איהר אָרט און געלאָזט זיך יאָגען נאָך די כאַפּערס. דאָס טיכעל אויפ'ן קאָפּ איז ביי איהר געווען לויז פערבונדען און פון לויפען האָט זיך דאָס טיכעל אַראָפּגערוקט און די האָר זיינען איהר צופאַלען איבער'ן געזיכט, איבער די אַקסלען, איבער'ן רוקען. אין יענעם פינסטערען שטעדטעל איז געהן מיט אייגענע האָר אַ גרויסע עבירה, דאָרטען גאָלען אָפּ ווייבלאַך די קעפּ גלייך נאָך דער חתונה און מען קען פאַר אַזאַ זאַך פערשטיינען. זי האָט די כאַפּערס אָנגעיאָגט און גענומען פון זיי רייסען דער שוועגערינס זוהן. נאָר וואָס האָט געקענט טהאָן אַ שוואַכע פרויענצימער געגען אַ באַנדע כאַפּערס? זי האָט געזעהן, אַז זי קען מיט זיי גאָר ניט מאַכען, איז זי פון זיי אָפּגעטראָטען און האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויפ'ן הויכען אידען מיט'ן שטעקען, אויף דעם וואָס די דיענסט האָט אָנגעוויזען אַלס אויפ'ן גזלן.

זי איז איהם נאָכגעגאַנגען און געריסען ביי זיין קאַפּאָטע און געזידעלט איהם און געשאָלטען איהם, און געטענה'ט צו איהם, נאָר ער איז געווען טויב ווי די וואַנט און האָט זיך אפילו ניט אומגעקוקט. ער האָט זיך נאָר געסטאַרעט אַרויסרייסען זיך פון איהר.

ווי עס ווייזט אויס, איז איהם געוועזן מיאוס, וואָס אַ ווייבעל רייסט איהם אין גאַס. ער איז צו אַזאַ זאַך ניט געוועזן געוואוינט. די גאַנצע שטעדטעל פאַלט פאַר איהם כורעים און ציטערט פאַר זיין דוד. ענדליך האָט ער זיך ווי דערמאַנט, איז אויף אַ רגע געבליבען שטעהן, האָט זיך אומגעקוקט אַ הינטער צו די כאַפערס און אַ קאַכאַנדע געטהאָן:

— נעהמט איהר צו, די חצופה אין די אייגענע האָר!

און איידער ווער פון זיי האָט זיך אַ ריהר געטהאָן, איז זי אויף איהם אַ שפרונג געטהאָן און מיט ביידע הענט אריינגעפאַלען אין זיין באָרד.

דאָס גאַנצע שטעדטעל איז זיך צונויפגעלאָפען און צוגעקוקט זיך צום געשלעג פון אַן אונבעקאַנטער פרויענצימער מיט'ן ראָש הקהל און די גאַנצע באַנדע כאַפערס. און עס האָט גענומען אַ היבשע צייט, ביז מען האָט איהרע הענט מיט הויפענס האָר אָפגעריסען פון זיין באָרד.

— וואָס קוקט איהר, באַלוואַנעס? האָט ער אַ געשריי געטהאָן צו די כאַפערס — שמייסט!

דער באָבעס געזיכט האָט זיך אָנגעגאָסען מיט בלוט. איהרע אויגען האָבען געשפריצט מיט פונקען און זי האָט דעמאָלט אויסגעזעהן ניט עלטער פאַר מיין מאַמען. איך האָב זיך צואוויינט.

ש־שאַ! ש־שאַ! האָט די באָבע מיך צוגעטוליעט צום בוזים און גענומען מיך איינשטילען און אויסווישען די טרערען פון מיינע אויגען. איהרע אויגען זיינען געוואָרען רוהיגער.

איך האָב אַ לאַנגע צייט ביטער געוויינט און מורא געהאַט צו פרעגען ווייטער, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס איך בין געוועזן אַ קינד, האָב איך פערשטאַנען, וואָס דער סוף איז געוועזן, נאָר כל זמן די באָבע האָט ניט ארויסגערעדט האָט נאָך אין מיר געקלאַפט אַ פונק פון האָפנונג, אַז דער בעפעהל איז ניט ערפילט געוואָרען.

— נו! האָב איך ענדליך געפרעגט, און מיין קול האָט אַ ציטער געטהאָן.

— און זיי האָבען איהר געשמיסען...

ביז איצט איז מיין האַרץ געווען פול מיט רחמנות צו דער אונגליקליכער מוהמען, נאָר ווי די באָבע האָט ארויסגערעדט דאָס לעצטע וואָרט, האָבען זיך מיינע טרערען אויסגעשעפּט, און מיין האַרץ איז פול געוואָרען מיט האַס צו יענעם הויכען מאַן. וואָס האָט געגעבען דאָס בעפעהל.

— זיי האָבען איהר געשמיסען, געשמיסען פאַר'ן גאַנצען שטעדטעל אין די אויגען... מען האָט איהר קוים אַ לעבעדיגע אויפגעהויבען פון דער ערד... זעקס וואָכען איז זי אָפּגעלעגען... זי איז משוגע געוואָרען פאַר חרפּה... זי איז אויף די ווענט געקראָכען... זי האָט די שטוב אויפגעריסען מיט איהרע קולות... איך האָב איהר געטראָפען אין בעט... זי האָט מיט קיינעם ניט געוואָלט רעדען... איהרע איינציגע ווערטער זיינען געווען: „מען האָט מיר געשמיסען!“ „איך דאַרף ניט לעבען!“ „לאָזט מיר מאַכען אַ סוף מיט זיך!“... מען האָט פון איהר קיין אויג ניט אַראָפּגענומען... מען האָט איהר געהיט סיי טאָג און סיי נאַכט... נעבאַך! וואָס פון איהר איז געוואָרען?...

די באָבע האָט איצט געענדיגט אָהן חשק. די ווערטער זיינען ארויס געקומען אָפּגעריסען.

מיר זיינען געזעסען ביידע שטיל אַ היבשע ווילע.

— זי האָט אוועקגעוואָרפען דאָס געשעפּט, האָט געמאַכט פון אַלץ אַ תל, אַ קיילעכדיג יאָהר איז זי פון שטוב ניט ארויסגעגאַנגען. זי האָט זיך געשעמט צו ווייזען אויף דער גאַס. דערנאָך איז זי ביסלעכווייז געוואָרען גערוינט צו דער שאַנד און האָט גענומען זוכען פלענער, ווי נוקם צו זיין זיך אָן דעם מענשען, וואָס האָט איהר שלעכטס געטהאָן, און עד היום איז זי מיט די פלענער נאָך ניט פאַרטיג. עס געהט ניט אוועק אַ יאָהר צייט, אַז זי זאָל ניט אויסגראָבען עטליכע דיעלעס געגען איהם. זי גראָבט זיי אויס פון אונטער דער ערד און געפינט זיי. איהר איז ניט שווער צו געהן צעהנדליגע מיילען צופוס און אויסזוכען אַלע יענע, וועמען ער האָט אַמאָל געטהאָן שלעכטס. דערגעהן אין וואָס איז בעשטאַנען דאָס שלעכטס און פּערציהען וועגען דעם אַ דיעלע. עס געהט ניט אוועק אַ חדש אָדער צוויי חדשים צייט, וואָס אַ

נייער טשינאווניק זאל ניט אראפקומען מאכען א סלעדסטווע. נאר וואס ווערט דערפון? גאר ניט, ער פערשיט אומעטום מיט געלט... א ניבע דאס וואס זי לאזט איהם דערווייל ניט רוהען...

ביי די לעצטע ווערטער האט זיך די באבע פערכאפט, עס איז געווען קענטיג, אז זי קלערט, אויב ניט לאזען רוהען איז א גענוגענדע נקמה פאר די אלע צרות וואס יענער מענש האט אנגעטהאן איהר פלימעניצע. זי איז פון דער נקמה געווען אונצופריעדען, און איך בין איהר געווען דאנקבאר דערפאר.

— וואס איז די מעשה? האט די מאמע געפרעגט, אומקעהרענדיג זיך פון די מאגאזינען און דערזעהענדיג מיינע פערוויינטע אויגען, וואס איז ער עפעס פערוויינט?

— גאר ניט, גאר ניט, האט די באבע געענטפערט אונצופריעדען.

— נא — איך וועל דיך שוין ווייטער אין געסט ניט פיהרען...

— ער איז ניט שולדיג, איך בין שולדיג. האט די באבע איהר איבערגעריסען אין מיטען.

עס האט אנגעהויבען צו ווערען פינסטערלאך און מיר זיינען באלד געפאהרען אהיים.

4.

א פאר יאהר זיינען פערשוואונדען. פון צייט צו צייט האבען צו אונז דערגרייכט ידיעות פון א נייע דיעלע, א נייע סלעדסטווע און זי אליין האט זיך די גאנצע צייט ניט געוויזען. איינמאל האב איך דערהערט, עפענענדיג די טהיר פון עס־צימער, ווי דער טאטע האט געזאגט צו דער מאמען: „היינטיגס מאל שמעקט מיט טורמע“ און גלייך ביי מיין בעווייזען זיך דאס געשפרעך איבערגעהאקט.

איך האב ניט געוואוסט וועגען וועמען דאס רעדט זיך, און מיר האט פעראינטערעסירט דאס, וואס מען היט זיך פאר מיר: געוועהנליך, איז אין שטוב ניט געווען קיין סודות פאר מיר. פון נאך א פאר ווערטער, וואס איך האב געכאפט א צווייטען מאל האב איך פערשטאנען אז דאס רעדט זיך וועגען דער מוהמען. אויך

האָב איך פֿערשטאַנען, אַז הייַנטיגס מאָל איז די זאַך זעהר ערנסט. נאָר פֿאַר וואָס איז דער פֿאָטער געווען אַזוי צוטראָגען און יאָכנע אַזוי בייַז האָב איך ניט געקענט בעגרייַפֿען.

אין עטליכע טעג אַרום, ווי דאָס סוד'ען זיך האָט זיך אָנגעהויבען אין שטוב, איז צו אונז צוגעפֿאָהרען אַ פֿוהר, אַן אונבעקאַנטער אידעל איז אַרויסגעקראָכען פֿון פֿוהר און האָט אַריינגעטראָגען אַ בריעף, דער אינהאַלט פֿון בריעף איז גלייַך בעקאַנט געוואָרען איבער'ן גאַנצען הויף. דער שליח איז געקומען אָנזאָגען, אַז דער זיידע איז געשטאָרבען.

— איז ער קראַנק געווען ? האָט די מוטער געפֿרעגט דעם שליח.

נעכטען איז ער געווען פֿריש און געזונט, מעריב האָט ער נאָך נעכטען געדאַווענט אין בית המדרש. די רופֿאים זאָגען, אַז ער איז געשטאָרבען פֿון אַ פּאַפּלעקציע, רחמנא יצילנו, האָט דער שליח געענטפֿערט.

און כאָטשע קיינער אין אונזער הויז האָט דעם זיידען ניט געליעבט, האָט זיך איבער'ן גאַנצען הויז פֿערשפּרייט אַ טרויער. דער פֿאָטער האָט זיך געזעצט שבעה.

אויף מאָרגען אין דער פֿריה איז צו אונזער הויז צוגעפֿאָהרען אַ צווייטע פֿוהרל און פֿון דאָרט איז אַרויסגעשפּרונגען די מוהמע.

אַלע האָבען געעפֿענט די מייַלער ביי איהר ערשיינען. זי האָט גלייַך אָנגעהויבען צו רעדען.

— איהר האָט שוין געהערט די בשורה ? האָט זי אָנגעהויבען מיט אַ ווילדען געלעכטערל. ער איז געשטאָרבען. ווי געפֿעלט אייַך אַזאַ מעשה ! אַ לעבען נאָכגעיאָגט זיך נאָך איהם, אַ לעבען געזוכט איהם צו כאַפּען און ניט געקענט אַ פֿינגער אַרויפֿלעגען אויף איהם — ערשט ווען ער פֿאַלט מיר אַריין אין די הענט און איך קען זיך אָנזעטיגען מיט נקמה פֿון איהם — נעמט ער און שטאַרבט גאָר. זאָגט, וואו איז דאָ יושר און וואו איז דאָ משפּט ? ע־ער שטאַרבט אָהן כאָלאַנעס, אָהן קריינקען, אָהן יסורים, פּראָסט גענומען און געשטאָרבען ! איז דאָס אַ באַצאָהלונג פֿאַר איהם ? און פֿון מייַנע הענט אַרויסרייַסען ! האָב איך זיך אַליין מיט איהם

ניט געקענט רעכענען ? צו וואָס האָט זיך דאָ גאָט ארײנגעמישט ? האָ־חאָ־חאָ ! א טויט האָט ער אויף איהם געשיקט איצטער ! איצטער ווען איך האָב איהם שוין געהאַט אין מיינע הענט, איצט, ווען איך האָב איהם געקענט שענקען אַ פּאָר אייזערנע בראַסלעטען !... חאָ, חאָ, חאָ !

— שרה, וואָס איז מיט דיר ? האָט די מוטער איהר געפרעגט בלייך ווי לייוואַנד.

דער פאָטער איז גלייך ביי איהר ערשיינען אויפגעשפרונגען פון זיין אָרט און צוגעשפּאַרט זיך צו א ווינקעל. עס האָט מיר דעמאָלט אויסגעדוכט, אז ער האָט מוֹרא זי זאָל איהם ניט איינשלינגען.

מיר איז דאָ גלייך קלאָר געוואָרען די גאַנצע מעשה. ווי אַ בליץ איז מיר דורכגעלאָפען אַ געדאַנק: „איז ער — מיין זיידע ?“ „געוויס ער און דעריבער האָט מען זיך פון דיר בעהאַלטען“.

איך האָב איהר מיטגעפיהלט און א קוק געטהאָן אויף איהר מיט רחמנות: איהר געזיכט האָט געברענט און די אויגען זיינען געווען פייער, נאָר שרעקליכער פאר אַלץ איז געווען איהר שמייכעלע, דאָרטען איז געווען אזוי פיעל שנאה, נקמה אז איך צווייפעל ניט, דאָס אויב דעם זיידענס קערפער וואָלט זיך אין יענע ווײלע געפונען פאר איהרע אויגען וואָלט זי איהם מיט די נעגעל געריסען, מיט די ציינער געביסען און מיט די פיס געטראָטען.

— דו פרעגסט, וואָס ? האָט זי געענטפערט דער מאַמען מיט'ן זעלביגען שמייכעלע, כדאַי געווען, ווי זאָגסטו, אָפּצולעבען אזאַ פינסטערען לעבען, וואָס איז ? צו זעהן איהם, ווי ער שטאַרבט ביי זיך אין דער היים פון א פּאַפּלעקסיע, אזאַ גרינגען טויט — כדאַי, האַ, געווען ?

— בערוהיג זיך, שרה, זעץ זיך אַנידער.

— נאָר זי האָט זיך ניט בערוהיגט, ניט געזעצט און גערעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער, ביז זי איז צוריק אַוועקגעפאָהרען.

* * *

פון דעם זיידענס טויט אָן האָב איך איהר ניט געזעהן ביי אַ יאָהר צייט. אמאָל דאָס איז געווען אין אַ שענעם זומער־טאָג

איז צו אונז צוגעפאָהרען אַ פוהר און פויל און שווער איז פון דאָרטען אַרויסגעקראָכען אַ פרויענצימער.

ווען זי איז אַריין אין שטוב, איז איהר ניט געווען צו דערקענען, דאָס איז געווען די מוהמע שרה, נאָר ווי פערענדערט איז זי געוואָרען! איבער’ן שטערן האָבען זיך אויסגעלייגט טיעפע קנייטשען, די באַקען איינגעפאַלען און אונטער די אויגען גאַנצע קישעלאַך. אין דעם יאָהר איז זי עלטער געוואָרען אויף וועלכע צעהן, פופצעהן יאָהר. די אויגען האָבען פערלאָרען זייער פייער און שיין. עס איז געווען צו לייענען אויף איהר געזיכט, אַז זי האָט פערלאָרען אַלץ, וואָס זי האָט געהאַט אין דער וועלט.

— וואו פאָהרסטו איצט? האָט די מאַמע איהר געפרעגט.

— דו האָסט שוין מסתמא געהערט פון דעם אונגליק, וואָס האָט געטראָפען מיין לעאָנען? ער איז אין פעטראָפאַוולאָווסק און מען לאָזט קיינעם צו איהם ניט צו. איך פאָהר צו זיין וויב. וואָס וועט זי נעבאך טהאָן אַליין? דאָס האָט ער נעבאך געליטען צוליעב מיר. דאָס האָט מיך גאָט געשטראָפט, פאַר וואָס איך האָב געוואָלט זיך בריה’ן, נעהמען די נקמה אין מיינע הענט. אַז גאָט האָט זיך גערעכענט, האָב איך געזאָגט: ניט גוט. איצט האָב איך אַ בעצאָהלונג, איצט וועל איך שוין זיין צופריעדען...

איהר קול האָט זיך אויך געענדערט, פריהער אַ זיסער, אַ שטייפער, איצט איז ער געוואָרען אַנגעבראָכען און האָט געשניטען ביים האַרצען.